STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04080

MOMENTEN UN PERZONEN IN DER IDISHER GESHIKHTE

Samuel Hurwitz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „פאָלקסבילדונג".

אַ זאַמלונג פון פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונגען, אָרגינעלע און איבערזעצטע, אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. ליטווין.

באַנד III

אַ. ליטווין.

מאָמענטען און פּערזאָנען אין דער אידישער געשיכטע

פּרייז 75 סענט.

ארויסגעגעבען פון

פערלאַג „פאָלקסבילדונג"

הויפּט-פערקויף ביי דעם „ליטעראַרישען פערלאַג"

256 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק

1915.

א. ליטווין.

גדליהו בן אחיקם.

I.

דער תענית „צום גדליה" איז אלעמען בעקאנט. אלע ווייסען, אז דער ערשטער טאג נאך ראש השנה — איז ביי יודען א תענית, און דער תענית הייסט „צום גדליה", ד. ה. דער פאסט-טאג צום אנדענקען פון גדליה. דאך — ווער איז געווען גדליה? ווען האט ער געלעבט? און וואס פאר א ראלע האט ער געשפילט אין דער יודישער געשיכטע — דאס ווייסען זעהר ווענינע. און זאגאר די וואס זענען בעקאנט מיט דעם נאמען גדליה פון תנ"ך, האבען אויך ניט אלע א ריכטינען בעגריף פון דער ראלע, וואס האט די פערזאן האט געשפילט באלד נאך דעם ערשטען חורבן, און וואס פאר א בעדייטונג זיין טויט האט געהאט אין דעם ווייטערדיגען לעבען פונ'ם יודישען פאלק.

גדליה בן אחיקם איז געווען איינער פון די עדעלסטע און מוטינסטע קעמפפער פאר די פרייהייט פון דעם יודישען פאלק, און זיין ערמארדונג איז געווען אנ'אמת'ער חורבן, נאך וועלכען דאס יודישע פאלק האט דאס ערשטע מאל אינגאנצען פערלארען זיין פאליטישע פרייהייט.

דער חורבן פון תשעה באב וואלט פיעלייכט ניט געבליבען אויף דור דורות ביי יודען אלס א טאג פון טרויער,

1

ווען ניט די ערמאָרדונג פון גדליה בן אחיקם. דער חורבן בית המקדש איז נאָר געווען אַן׳אונגליק פאַר די מלכים און כהנים. די ערמאָרדונג פון גדליה בן אחיקם איז געווען דער חורבן פון די יודישע מאַסען...

II.

די לאַגע, וועלכע פאַלעסטינא האָט פערנומען אין דער אַלטער וועלט, איז געווען אַזעלכע, וואָס האָט געגעבען די מעגליכקייט דעם יודישען פאָלק צו ענטוויקלען ביי זיך אַ הויכע קולטור, אַ שטאַרקע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מיט פיעלע רעפּובליקאַנישע און זאָגאַר קאָמוניסטישע פּרינציפּען. די זעלבע לאַגע פונ׳ם יודישען לאַנד — אויפ׳ן מיטעלפונקט פונ׳ם גרויסען וועג צווישען די סאַמע ציוויליזירטע טיילען פון דער אַלטער וועלט: זיד-אייראָפּא, נאָרד־אַפריקא און וועסט־אַזיען — איז אָבער אויך געווען די אורזאַכע פון די אונאויפהערליכע פּאַרטיי־צאַנקערייען אין פּאַלעסטינא גופא, און ענדליך פון דעם פּאָליטישען אונטערגאַנג פון דער יודישער נאַציאָן.

און דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך. פּאַלעסטינא איז געווען דער דורכוועג, וועלכע די גרויסע ציוויליזירטע נאַציאָנען פונ׳ם אַלטערטום האָבען ניט געקאָנט אויסמיידען אין זייערע פרידליכע בעציהונגען, ווי אויך אין זייערע בלוטיגסטע צוזאַמענשטוסונגען. די ענטוויקעלטערע מענשען פונ׳ם יודישען פאָלק האָבען געהאַט די געלעגענהייט צוצוקוקען זיך גוט צו די זיטען פון די אַרומיגע פעלקער מיט אַ שטאַרק קריטיזירענדע אויג. זיי האָבען איינגעזעהן אי די גוטע זייטען אי די שלעכטע, און האָבען געוואוסט: וואָס עס טויג פאַר זיי איבערצונעהמען פון די שכנים און וואָס ניט.

2

זיי האָבען געזעהן די אויפבליהונג פון די גרעסטע מלוכות, וואָס האָבען געשטרעבט צו וועלט־הערשאַפט און דערלאַנגט זי און זיי האָבען אויך געזעהען דעם פאַל פון אָט די וועלט־מעכטע: מצרים, אשור, בבל, פרס, יון (גריכענלאַנד) — וואַקסען אויף און פאַלען פאַר זייערע אויגען. און ניט שטומע, גלייכגילטיגע צוזעהער פון די גרויסע פעלקער׳ס גדולה און מפלה זענען זיי געווען, נאָר אויף זייערע פּלייצעס האָבען די יודען דורכגעליטען אי די גדולה, אי די מפלה פון די גרויסע וועלט־מעכטע, וואָרום אי די גדולה, אי די מפלה פון יעדער גרויסע מאַכט האָט פּאַסירט ביי שרעקליכע בלוטיגע מלחמות און אין דיזע מלחמות האָבען יודען ווילענדיג, אָדער ניט ווילענדיג געמוזט נעהמען אַ טייל.

דאָס קליינע פעלקעל, וואָס איז געזעסען אין פּאַלעסטינא, האָט קיין מאָל ניט געקענט טרוימען צו ווערען אַליין אַ גרויסע מאַכט, אַ וועלט־איינשלינגעריין. אַלע זיינע שטרעבונגען זענען געווען אָנגעווענדעט בלויז אויף איין פּונקט: ניט צוריבען ווערען אַליין אין דעם אונאויפהערליכען פעלקער־שטראָם און נאַציאָ־נען קאַמפף, ווּעלכער איז אָנגעגאַנגען אַרום און דורך זיין לאַנד. אַלע געדאַנקען פון׳ם יודישען פאָלק זענען נאָר געלעגען אין זעלבסט־בעוואַהרונג און זעלבסט־פערטיידיגונג, און דאָס איז איינע פון די אורזאַכען: פאַר וואָס ביי יודען האָט זיך געקאָנט אויסארבייטען אַזאַ מעכטיגע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, ווי דער אינסטיטוט פון די נביאים.

די אימער קעמפּפענדע ריזיגע פעלקער האָט זיך ניט געלוינט איינצורייסען מיט דעם קליינעם אָבער מוטיגען פעלקיל, וואָס האָט געלעבט דאָ אויפ׳ן וועג. דאָס רוב פון זיי פּלעגען דעריבער זוכען ניט אָנצוריהרען עס און נאָר צו האָבען אַ פרייען

3

דורכגאנג דורך זיין לאנד. אין פרידליכע צייטען האט דאס דעם יודישען פאלק זעהר גוט געלוינט. דאס האט לעבעדיג געמאכט דעם מסחר, געבראכט אין ארץ ישראל די נויטיגע פראדוקטען, וואס איהר האט געפעהלט, און גענעבען אנ׳אבזאץ די יעניגע פראדוקטען, וואס ארץ ישראל האט אויסגעארבייט; דאס האט רייכער געמאכט דאס פאלק, ווי אין עקאנאמישען אזוי אויך אין זיין קולטורעלען לעבען. נאר אין צייטען פון מלחמות איז דאס געווען פאר דאס יודישע פאלק א געפאהר. ערשטענס, ווייל דער דורכצוג פון קעמפפענדע ארמעען איז זעלטען געווען א פרידליכער. די האלב ווילדע אסורישע, עגיפטישע, אדער באבילאנישע מחנות האבען דורכגעהענדיג געברענט און חרוב געמאכט פיעלע יודישע דערפער און שטעדט, געראבעוועט און געמארדעט די פרידליכע שוצלאזע איינוואוינער. דאס געפעהרליכסטע איז אבער געווען, אז ווען מען האט דורכגעלאזען די ארמעע פון איין צד, האט מען זיך ערווארבען א בלוטיגען פיינד אין דעם אנדערען, און אין פאל ווען דיזער האט געזיגט, האט די יודען ערווארט א שוידערליכע בלוטיגע נקמה.

פון די אנפיהרער פון דעם יודישען פאלק האט זיך אלזא אימער געפאדערט א גרויסע דיפלאמאטישע קונסט צו האלטען ריכטיג דעם באלאנס פון דער אויסערליכער פאליטיק, שטעהן צווישען די צוויי פלאמען אזוי געשיקט, אז מען זאל אליין אין זיי ניט פערברענט ווערען. מ׳האט געדארפט וויסען, וועלכער פון די אויפגעקומענע שכנ׳ישע רעגירונגען מען קען מעהר אנטרויען, וועלכער ניט; וועלכע עס האלט ביים פאלען, וועלכע ביים אויפוואקסען — ווייל עס איז אימער בעסער צו שטעהן אין פערבינדונג מיט א שטארקערע מאכט איידער מיט א שוואכע, א גוסס׳ע. וועגען גלאט פריינדשאפטליכע בעציהונגען צווישען

4.

פעלקער האָט מען איבערהויפּט זעלטען געקענט שמועס'ן אין יענע צייטען.

די נביאים, וועלכע האָבען זעהר גוט געקענט די לאַגע פון די אַרומיגע פעלקער און האָבען געהאַט אַ טיעפען פּאָליטישען קוק, זענען אין אָט דער היגזיכט אימער געשטאַנען אויף דער וואַך. ווען זיי האָבען אין געוועהנליכע רוהיגערע צייטען געפיהרט אַ קאַמפּף מיט דער הערשענדער מאַכט פון די אייגענע מלכים און שרים און כהנים, איז דיזער קאַמפּף געווען נאָך גוואַלדיגער, נאָך פערצווייפעלטער אין אַ קריטישען מאָמענט, ווען דאָס קליינע שעפעלע — דאָס יודישע פאָלק, האָט געבלוטעט פון דעם קאַמפּף צווישען די לייבען.

די הערשענדע מאַכט איז ביי יודען קיינמאָל ניט געווען שטאַרק און זיכער. עס זענען אימער געווען פּאַרטייען, וועלכע האָבען געריסען איינער ביי דעם אַנדערן די ממשלה, אין זעלטען איז אַ קעניג געשטאָרבען מיט זיין טויט. די פּאָליטיק פון אַרומיגע מלכים אין מזרח, צפון און דרום פון ארץ ישראל איז געווען צו העצען די שטרייטיגקייטען פון די יודישע פּאַרטייען, פּאַרנאַנ־דערצובלאָזען צווישען זיי די פיינדשאַפט, און דאַן, אונטער דעם אויסרייד, כלומר'שט צו העלפען איין פּאַרטיי, אריינכאַפּען זיך אין ארץ ישראל, מאַכען אַ תל פון די שטעדט און דערפער, אַ טייל חרוב מאַכען, אַ טייל צוראַבעווען, ארויפלעגען אויפ'ן לאַנד אַ גרויסע קאָנטריבוציע אָדער אין גאַנצען עס פער־שקלאַפען.

אין דעם פּלאַם פון פּאַרטיי-האַס און אייגען־נוץ פלעגען די אָנפיהרער פון די קעמפּפענדע פּאַרטייען, פערקויפען זייער פאָלק צום שונא, צו דעם, וועלכער האָט זיי צוגעזאָגט צו שטיצען, און בעקומען די הערשאַפט. ניט דעם פאָלקס

5.

אינטערעסען, נאָר זייער אייגענעם נוצען האָבען זיי געזוכט.

און דאַן פלעגט אויפשטעהן די נביאים, אויפדעקען דעם פערראַט פון די פאַלשע רעדעל-פיהרער, וואַרפען זיי אין געזיכט זייער פאַלשקייט און פערדאָרבענהייט אין די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק.

די נביאים — זענען געווען אַנ׳אייזערנע מאַכט, הינטער וועלכע עס איז געשטאַנען דאָס אָרימע פאָלק. די הערשער האָבען געציטערט פאַר זיי, ציטערענדיג פאַר׳ן צאָרן פון דעם פאָלק. אָבער ניט זעלטען האָבען די נביאים ערליטען דעם שיקזאַל פון אַלע רעוואָלוציאָנערען אין אַלע צייטען. מען האָט זיי פערפאָלגט, געטויט און געפייניגט.

III.

און אין קיין מאָמענט פון דעם יודישען פאָליטישען לעבען זענען די מלכים און שרים ניט געווען אַזוי זיטליך געפאַלען, אַזוי קליינליך, אַזוי פערדאָרבען, ווי אין דער קריטישער צייט פאַר דעם ערשטען חורבן. און קיין נביא איז ניט אויסגעפאַלען אַזוי פיעל קאַמפף און יסורים, ווי דעם נביא פון חורבן, ירמיה הנביא.

נאָך קיין מאָל איז די אויסערליכע און אינערליכע לאַגע פון דעם יודישען פאָלק ניט געווען אַזאַ פערצווייפעלטע ווי יעצט. נאָך אַ טויזענד יאָהריגען לעבען אין פאָליטישער פרייהייט און אומאָבהענגיקייט, איז דאָס יודישע פאָלק ווידער אַרונ־טערגעפאַלען אונטער דעם אַלטען יאָך פון מצרים. דיזער יאָך איז בעשטאַנען געווען אין אַ שווערער יעהרליכער קאָנט־ריבוציע; נאָך איז דאָס פאָלק יהודה געווען דערווייל אויף זיין ערד, אָבער פריי איז עס שוין ניט געווען. די מלכים און

6.

שרים, אונטער דעם שטאַרקען איינפלוס פון דעם דעספּאָטישען עגיפּטען, האָבען געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע. דאָס פאָלק איז געווען פערשקלאַפט ביי די אייגענע שרים, אָבער דערמיט איז די שקלאַפהייט ניט געווען בעסער ווי אמאָל אין מצרים. אין מאָראַלישער הינזיכט איז זי אָבער געווען שרעקליכער. אין די שלימססטע צייטען, ביי די גרויזאַמסטע מלכים און רעדעל פיהרער, האָט מען זיך ניט ערלויבט אָנצוריהרען דעם פאָלקס פרייהייט, איינפיהרען שקלאַפענטום. דעם נביא ירמיהו איז אויסגעפאַלען צו פיהרען אַ קאַמפף ניט געגען איינציגע פאַלען פון גנבה, גזלה און אונטערדריקונג, ווי אַנדערע נביאים, נאָר געגען אַן׳אָרגאַניזירטע סיסטעמאַטישע פערשקלאַפונג פון דעם פאָלק; ער האָט געדאַרפט קעמפפען פאַר די בעפרייאונג פון די מאַסען, צוברעכען דעם יאָך פון די אייגענע דעספּאָטען.

ווען דיזע דעספּאָטען האָבען זיך אונטערגעחנפ׳עט צו מצרים איז דאָס גופא געווען אַן׳אורזאַכע פאַר דער פאָלקס־פּאַרטיי, מיט די נביאים אָן דער שפּיץ, צו זוכען אַ פערבינדונג מיט בבל. אויב די פערבינדונג וואָלט געלונגען, האָט דאָס יודישע פאָלק געקאָנט מאַכען אַ רעוואָלוציע און פּטור ווערען מיט איין קלאַפּ אי פון די אייגענע אי פון די פרעמדע אונטערדריקער.

אין תנ״ך איז ניטאָ קיין אויסדריקליכער בעוויז, אַז ירמיה הנביא איז געשטאַנען אין דירעקטע פערבינדונגען מיט נבוכדנאצר׳ס רעגירונג. דאָך, דאָס זעלבע קאָן מען ניט זאָגען וועגען די אָנהענגער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין הויף גופא. וואָרום אויך אין דער רעגירונג זענען געווען צוויי פּאַרטייען: איינע מיט דעם קעניג אָן דער שפּיץ, איז געווען פאַר אַ בונד

מיט מצרים, און געגען דער שקלאפען־בעפרייאונג, און די אנדערע איז געווען פאר די בעפרייאונג פון די יודישע שקלאפען, און פאר א פערבינדונג מיט בבל.

בבל איז דאמאלס געווען א יונגע, נאר וואס אויפגעוואקסענע, שטארקע מלוכה, וועלכע האט געשטרעבט צו וועלט־מאכט, ווערענד מצרים האט געהאלטען ביי אונטערגעהן, און דער בונד מיט איהר האט דעם יודישען פאלק גאר נישט געקאנט געבען.

עס איז קלאר, אז די אינטערעסען פון די פירסטען זענען ניט געווען אין הארמאניע מיט די אינטערעסען פונ׳ם פאלק. ווען פאר די דריקער האט זיך געלוינט די חבר׳שאפט מיט מצרים, האט זיך פאר דאס פאלק געלוינט דאס געגענטייל: די פעראייניגונג מיט בבל. מצרים האט געשטיצט די הערשער אין זייער פערשקלאפען דאס פאלק. בבל האט געשטיצט די פאלקס־פארטיי אין איהר קאמפף געגען די אייגענע טיראנען.

אין דעם גרויסען וועלט־שטרייט מיט איהר קאנקורענטין מצרים פאר א וועלט־הערשאפט, האט זיך בבל ניט געלוינט איינצורייסען מיט דעם קליינעם יודישען פאלק, וואס איז געזעסען, אין וועג, צווישען איהר און מצרים.

VI.

איין מאמענט איז געווען, ווען ביידענס אינטערעסען אי דער רעגירונג, אי דעם פאלק׳ס האבען געשיינט זיך צו פעראייניגען, ווייניגסטענס אויף א צייט, און דאן וואלט פיליכט געווען מעגליך פטור צו ווערען פון חברותא׳ס: פון מצרים און בבל אינאיינעם. דערצו האט אנפאנגס געשטרעבט די פאלקס פארטיי און ירמיה הנביא. ער האט געקעמפפט מיט אלע

8

קרעפטען, מיט גוטען, אי מיט בייזען, אום די בעפרייאונג פונ׳ם פאָלק. אין אַ קריטישען מאָמענט האָבען די שרים געהאַט שוין נאָכגעגעבען. מ׳האָט די שקלאַפען בעפרייט. אָבער לאַנג האָט דער צושטאַנד ניט געדויערט. די יודישע פריצים האָבען זיך ארומגעזעהען, אַז דאָס לוינט זיך ניט פאַר זיי, און האָבען ווידער מיט גוואַלד פערכאַפּט די בעפרייטע שקלאַפען און געצוואונגען זיי צו ארבייט.

דאַן האָט ירמיה געזעהן, אַז מיט גוטען וועט ער גאָר נישט מאַכען. דער יאָך אונטער די אייגענע דעספּאָטען איז פיעל שווערער ווי די אָבהעניגקייט פון אַ פרעמדע מלוכה. און ער איז אַרויסגעטראָטען מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין פייערדיגער רעדעקראַפט נעגען די אונטערדריקער, און האָט אָפען געפאָדערט אַ פערבינדונג מיט בבל. דער שוועכלינג און פחדן, דער קעניג צדקיהו, איז געוועזן ווי אַ שפּילצייג אין די הענד פון דער מצרים־פּאַרטיי, און האָט זיך געוויגט אַ הין און אַ הער. מ׳האָט ירמיהו׳ן אריינגעוואָרפען אין אַ ליים־גרוב, וואו ער איז געלעגען איינגעזונקען און ערוואַרט אַ שרעקליכען הונגער־טויט. דער קעניג האָט איהם ארויסגענומען פון גרוב, האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט איהם אינגאַנצען צו בעפרייען, און ירמיהו איז געבליבען פערשפּאַרט אין געפענגענים ביז נאָכ׳ן חורבן.

צדקיהו האָט זיך געלאָזט פערפיהרען פון די שרים און כהנים און האָט מורד געווען אָן דעם מלך בבל, וועלכער האָט אַ קורצע צייט פריהער, פאַר זיין פאָרגעגנער יהויקים, אין דער בעריהמטער מלחמה ביי כרכמיש, געמאַכט אַנ׳עק צו מצרים׳ס מאַכט, אונטערטעניג געמאַכט דאָס לאַנד יהודה און ארויפגעזעצט אויפ׳ן טראָן צדקיהו. דאָס פאָלק האָט אָבער פון דיזען אויפשטאַנד וועניג גענאָסען. פערקעהרט, וואָס פרייער די

רעגירונג האָט זיך געפּיהלט, אַלץ שווערער האָט מען דאָס פּאָלק געדריקט. ירמיהו האט געוואָרנט צדקיהו׳ן פאַר דער געפאהר. ער האָט איהם געראַטען צו בויגען זיך עטוואָס פאַר נבוכדנאצר׳ן און זעהן צו געווינען דאָס פאָלק. מאַכען דאָס פאָלק פריי. צדקיהו האָט שוין אָבער ניט געהאַט קיין מאַכט און איז געפלויגען אין ווירבעל־שטראָם צו זיין פערדערבען.

שרעקליך איז געווען דער סוף פון דעם לעצטען קעניג פון יהודה. נבובדנאצר׳ס הענקער, נבוזראדן, האָט געשאָכטען זיינע קינדער פאַר זיינע אויגען און האָט איהם אַליין דערנאָך די אויגען אויסגעשטאָכען און פערזעצט איהם אַ בלינדען אין געפענגנעניס אויפ׳ן גאַנצען לעבען. אַ ביטערען סוף האָט אויך געהאַט די גאַנצע קעניגליכע משפחה, די פיהרער פון דער אַרמעי, די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע. אַלעס וואָס איז נאָר געווען רייך און שטאַרק האָט מען אַ טייל צוהרג׳עט און די איבעריגע פערטריבען אין בבל.

דער אונגליק פון די הערשער איז אָבער ניט געווען אַן׳אונגליק פאַר דאָס פאָלק. גאַנץ פערקעהרט. ערשט יעצט האָט דאָס אָרעמע פאָלק געקענט אויפאָטמען פרייער. פער־טרייבענדיג די גאַנצע גילדענע פּאָהן אין בבל, האָט נבוכדנאצר ניט פערשקלאַפּט דאָס לאַנד יהודה.

די אָרימע שקלאַפען, וועלכע האָבען פריהער געאַרבייט אויף די פריצים, האָבען יעצט בעקומען וויינגערטענער און פעלדער און האָבען געקענט אַרבייטען און געניסען אַ לעבען, ווי פרייע מענשען. אַלס פיהרער פון פאָלק און רעגירער איבער דאָס לאַנד יהודה האָט דער קעניג פון בבל געשטעלט גדליהו בן אחיקם. דאָס איז געווען איינער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי וואָס האָט געהאַלטען מיט ירמיה הנביא, אַ זוהן, פון אַ הויכען

10

רעגירונגס־בעאַמטען, וועלכער איז אויך געווען פאַר די אַבשאַ־פונג פון שקלאַפהייט און אַ פערבינדונג מיט בבל.

אַז דאָס פאָלק, וואָס איז צולאָפען בשעת די שרעקען פון קריג אַריבער די גרענעצען אין די שכני׳ישע לענדער, האָט דערהערט די נאַכריכט, אַז נבוכדנאצר האָט ניט צוגענומען דאָס לאַנד יהודה, נאָר פערקעהרט: ער האָט ערלויבט אַלע אָרימע יודען אומצוקעהרען זיך און לעבען אונגעשטערט אויף זייער ערד, האָט מען זיך אָנגעהויבען קלייבען פון אומעטום צו גדליה בן אחיקם. דיזער האָט אַלעמען געטרייסט, אויפגעמונטערט און געבעטען, זיי זאָלען זיך בערוהיגען און נעהמען זיך איבער אַנייעס צום נאָרמאַלען לעבען. דאָס פאָלק האָט ניט בעדויערט דעם שיקזאַל פון זייער קעניג, זיינע יועצים און קעניגליכע פאַמיליע, וואָרום די אָרימע אונטערדריקטע שקלאַפען זענען ערשט יעצט בעפרייט געוואָרען און געקענט לעבען גאַנץ בעקוועם גאָר אָהן אַ קעניג. ביסלעכווייז האָט דאָס פאָלקסלעבען אָנגעהויבען צו נעהמען זיין געוועהנליכען שטראָם.

ירמיה איז שוין דאַן געווען פריי. אַלע זיינע פיינד און פייניגער זענען אַ טייל געפאַלען אין שלאַכט,— די איבעריגע — פערשיקט אין בבל. דער גרויסער פאָלקסקעמפפער איז ניט געווען גליקליך יעצט, דערהערענדיג די שרעקליכע נאַכריכט וועגען דעם סוף פון דעם לעצטען יודישען קעניג. זיין האַרץ איז געווען פול מיט וועהטאָג אום די ערמאָרדערטע און איז פער־גאַנגען פאַר מיטלייד צו די ערנידעריגטע און פערטריבענע הערשער, און זיין שמערץ האָט ער אויסגעגאָסען אין הערצ־גרייפענדע קנות, אין זיין קלאָג־ליעד „איכה״.

דעם נביא׳ס האַרץ איז געווען פול מיט האַס צום דעספּאָט נבוכדנאצר, וועלכער האָט אין זיין צאָרן און ראַבע ניט געשוינט אַלט און יונג, פרויען און קינדער. ער האָט געשיקט אַ טרייסט־

בריעף צו די פערטריבענע און געוועקט אין זיי מוט און האפנונג, אז לאנג וועט דעם נייעם טיראנס ממשלה ניט דויערן, אז אויף בבל וועט אויך קומען א סוף און זיי וועלען נאך זעהן איבער א נייעם זייער היימאט.

דעם האס האט מען אבער יעצט געמוזט פערשטיקען. און די ארימע מאסען, וועלכע האבען זיך אויפגעקליבען ארום גדליהו, האט ער געראטען זיי זאלען קיין מורא ניט האבען פאר בבל, בלייבען אויף זייער ערד און בעארבייטען זייערע פעלדער און וויינגערטענער. צווישען איהם מיט גדליהו איז געווען פאל-קאמענע איינשטימונג. זיי האבען מיט אלע קרעפטען געזעהן צו פערהיילען די אינערליכע און אויסערליכע וואונדען פונ'ם פאלק. דאס איז זיי אויך געלונגען. עס וואלט ניט דויערן לאנג און דאס לאנד יהודה וואלט ווידער אויפגעבליהט און פילייכט אין א קורצע צייט געווען אין שטאנד צו ברעכען אויך דעם יאך פון בבל און ערווערבען זיך אזא מאכט ווי אין די גלענצענדסטע מאמענטען פון זיין היסטאריע.

V.

אבער באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז ניט אלע מענער פון דער קעניגליכער משפחה זענען אומגעקומען. קוים איז דער קריגס-שטורם אריבער און אין לאנד איז געווארען רוהיגער, איז אין אשענעם פריהמארגען אנגעקומען אין יהודה א פרעטענדענט *) אויף דער יודישער קרוין -- ישמעאל בן נתניה, מיט א גאנצער סוויטע פון נאך קרובים למלכות, גענעראלען און אנדערע גרויסע לייט. וואהרשיינליך, נאך פאר'ן סאמע חורבן איז איהם געלונגען צו מאכען פליטה מיט די זייניגע צום

*) א יורש, א בעלן.

קעניג פון עמון, יעצט, אז דער שרעק איז אריבער, אז די חיל פון בבל האָבען פערלאָזען יהודה און גאָר אַ גאַנץ קליינער גאַרניזאָן איז געבליבען מיט גדליהו, איז ער געקומען, דענקענ־דיג, אז יעצט איז אַ פּאַסענדער מאָמענט צו פערכאַפּען פאַר זיך די מלוכה. דאָס איז אָבער ניט געווען אזוי לייכט, ווייל דאָס פאָלק איז געווען טריי זיין נייעם פיהרער און האָט גאָר ניט געהאַט קיין חשק אָנצוטאָן אויף זיך איבער אַנייעס, דעם צובראָכענעם, פערהאַסטען יאָך פון די אייגענע טיראַנען. זאָגאַר די מענשען וואָס זענען געקומען מיט ישמעאל'ן, די געראַטעטע גענעראַלען מיט יוחנן בן קרח אָן דער שפּיץ, זענען איבערגעגאַנגען צו גדליהו'ן. יוחנן בן קרח האָט איהם געוואָרענט, אז ישמעאל בן נתניה איז געשיקט אין געהיים פון בעל דעם קעניג פון עמון צו טויטען איהם. די עמונים מיט די פלשתים זענען געווען די בלוטיגסטע פיינד פונ'ם יודישען פאָלק. די יודען האָבען זעלטען געהאַט פון זיי אַ בערוהיגטע מינוט. נאָר יעצט, אז דער חלף איז געלעגען ביי זיי אַליין אויפ'ן האַלז, האָבען זיי געגעבען אַ מקום מקלט, אַ שוץ די יעניגע פון דער קעניגליכער פאַמיליע און קריגס־פיהרער, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון קריג, אָדער זענען אַנטלאָפען אַהין נאָך פאַר דער בלוט־שלאַכט. די עמונים זענען געווען אין פערבינדונג מיט מצרים און מיט דער מצרים־פּאַרטיי פון יהודה. די פאָלקס־פאַרטיי האָט אָבער געוואוסט, ווי אונזיכער עמונ'ס שטיצע איז, און ירמיה האָט געוואָרענט דאָס פאָלק פון אַ בונד מיט די בני עמון, אזוי ווי פון מצרים.

גדליהו בן אחיקם איז געווען אַ מענש מיט אַ עדעלער, נראָדער נאַטור, איבערגעגעבען דאָס פאָלק מיט לייב און לעבען. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז אין דעם מאָמענט, ווען די איינציגע רעטונג איז בעשטאַנען אין איינהייט און רוהיגע,

געדולדיגע אויסדויער, זאָל זיך געפינען אַ מענש, וואָס איז פעהיג צו פערניכטען די לעצטע ביסעל פרייהייט פון פאָלק, דעם לעצטען שטראהל פון האָפנונג אויף אַ בעסערען גליקלי־כערען לעבען.

יוחנן בן קרח האָט אָנגעבאָטען גדליהו׳ן אז ער וועט שטילערהייט הרג׳ענען ישמעאל׳ן, און קיינער וועט ניט וויסען.

-- פאר וואָס זאָל ער דיך הרג׳ענען,-- האָט ער געזאָגט -- און דאן וועט צושפרייט ווערען גאנץ יהודה, וואָס האָט זיך אויפגעקליבען ארום דיר, און דער איבערגעבליבעסט פון יהודה וועט אינגאנצען פערלאָרען געהן?

אָבער גדליהו׳ס נשמה איז געווען צו עדעל צו גלויבען אזא פערראַט און צו בעגעהן אזא מאָרד.

-- דו זאָלסט דאָס ניט טון -- האָט ער זיך אָבגערופען צו יוחנן בן קרח, עס קאָן ניט זיין, אז ישמעאל זאָל האָבען אזא געדאנק.

און גדליהו האָט צוגעזאָגט ישמעאל׳ן שוץ און האָט איהם געגעבען עסען און טרינקען אין מצפה. און איין מאָל בשעת זיי האָבען צוזאמען געגעסען איז ישמעאל פלוצלונג אויפגעשפרונ־גען, בעפאלען מיט אַ צעהן מאן גדליהו׳ן און האָט איהם ערמאָר־דעט, ווי אויך דעם ווינציגען גארניזאָן פון בבל. אלע יודען וואָס זענען געווען מיט גדליהו אין מצפה, און אכציג מאן, וואָס זענען אָנגעקומען צו איהם פון פערשידענע שטעט -- האָט ער אלעמען גע׳הרג׳עט און די איבעריגע האָט ער גענומען געפאנגען און אוועק מיט זיי צו די בני עמון.

אויפ׳ן וועג האָט ער אָבער בעגעגענט יוחנן בן קרח מיט זיינע לייט. עס איז ענטשטאַנען אַ קאמפף; וועהרענד דעם קאמפף זענען אלע פון ישמעאל׳ס לייט און געפאנגענע אריבער צו יוחנן. און ישמעאל׳ן איז געלונגען בלויז מיט אכט אָנהענגער

צו אַנטלויפען צו די בני עמון.

VI.

ירמיהו הנביא, וועלכער האָט נאָך איבערגעלעבט דיזען לעצטען קלאפּ, האָט געפּרובט אויפהאַלטען דאָס פאָלק צו בלייבען אין לאַנד, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דאָס אָרימע אונוויסענדע פאָלק האָט זיך געשראָקען פאַר נבוכדנצר'ס צאָר'ן און האָט אינגאַנצען פערלאָרען מוט און האָפנונג. אונטער דער אָנפיהרונג פון יוחנן בן קרח, האָבען די איבריגע, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון ישמעאל בן נתניה, זיך אויפגעקליבען און געלאָזען זיך אין מצרים, צוריק אין יענעם לאַנד, פון וואַנען מיט טויזענד יאָהר צוריק, זיי זענען מיט אַזוי פיעל שוועריגקייטען ארויס אַלס אַ פרייע פאָלק, אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם גרעסטען פרייהייטס־קעמפּפער, וואָס די יודישע היסטאָריע האָט ווען עס איז געהאַט. זיי זענען אַריין צוריק אין שקלאַפּהייט, אמת ניט אַזאַ שווערע און גרויזאַמע ווי יענע, אָבער דאָך שקלאַפּהייט. דאָס לאַנד יהודה איז געבליבען וויסט, און ירמיה, וועלכער האָט זאָגאַר יעצט ניט פערלאָזען זיינע ברידער און איז מיטגעגאַנגען מיט זיי ניט־ווילענדיג אין מצרים, האָט געקלאָגט זיין „איכה" אויף דעם חורבן פון דעם יודישען פאָלק.

ניט אומזיסט אַלזאָ איז אין דעם געדעכטניס פון דעם יודישען פאָלק, אין דער יודישער לעגענדע, געבליבען איינגע־קריצט דורך טויזענדער יאָהרען אָט דער אונגליקליכער טאָג פון דער ערמאָרדונג גדליהו'ס, געבליבען אַלס אַ טרויער־טאָג און אַ תענית. ווען תשעה באב דערמאָהנט אונז אין דעם חורבן בית המקדש, דערמאָהנט אונז „צום גדליה" אָן אַ גרעסערן חורבן, אָן דעם חורבן פון דעם יודענס נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע פרייהייט.

דער אויפשטאַנד פון די מאַקאַבעער.

I.

דער ערשטער פלאַקער.

א מורא'דיגער גערודער איז געווען איבער'ן גאַנצען לאַנד. עס האָט פּאַסירט עפּיס אונגעהויערס, עפּיס אונגעוועהנליכעס. פיעלע שענע וואונדערליכע געשיכטען פון אַמאָליגע אַלטע צייטען האָבען די אַלטע לייט פון פאָלק געוואוסט צו דערצעהלען זייערע קינדער. גרויסאַרטיג, בעצויבערענדיג, האַרצקוויקענדיג זענען יענע מעשיות געווען. אָבער דאָס, וואָס איצט האָט פּאַסירט פאַר אַלעמען אין די אויגען, איז געווען נאָך איבערראַשענדיגער. אין יעטווידער שטעטעל און דערפעל פון דעם לאַנד יהודה האָט מען נאָר געהאַלטען אין איין רעדען פון דער וואונדערבאַרער שטעטעל מודעים, פון מתתיהו און זיינע פינף זיהן.

דער געדריקטער און נידערגעשלאָגענער גייסט פון פאָלק האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַקערט. א נייער מוט האָט אָנגעהויבען צו בעלעבען דאָס פאָלק. נייע האָפנונגען, אַזוינע דרייסטע האָפנונגען, וואָס האָבען זיך נעכטען ניט גע'חלומ'ט די סאַמע פאַנטאַסטישע טרוימער, האָבען גענומען בעוועגען די הערצער. מען האָט געפיהלט אומעטום, אַז עפּיס האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסען א נייער שטראָם אין לעבען פון פאָלק, אַז דער שרעקליכער נעכטען איז אַ וועק און וועט מעהר ניט קומען, און

דער מאָרגענדיגער טאָג וועט זיין גאָר אַ נייער, גאָר ניט ענליך צו די פֿאָריגע טעג. אַ טייל האָבען זיך אָנגעקוקט מיט מורא און שרעק, אנדערע מיט פרייד און ענטציקונג — אָבער אַלע זענען געווען איבערראַשט בעוועגט. יעדערער האָט ניט ווילענדיג גע־פיהלט, אַז ער שטעהט פאַר אַ נייער צוקונפט.

וואָס־זשע האָט אַזוינס פּאַסירט אין מודעים, אין דיזער קליין־שטעטעלע, וואָס ליגט נאָר איינינע מייל פון ירושלים? וואָס האָט אויפגערעגט דאָס גאַנצע לאַנד, געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין אַלע געמיטער?

פּאַסירט האָט דאָרטען אָט וואָס.

אַז אפּעלעס, דער פעלדמאַרשאַל פון אַנטיוכוס, איז אָנ־געקומען אין אָט די שטעטעל מיט זיין גאַנצער מחנה און האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען אומעטום אין דעם יודישען לאַנד, אוועקגעשטעלט אין מודעים אַ מזבח און אויף דעם מזבח — אַן אָבגאָט, און גערופען מתתיהו דעם כהן, דעם עלטעסטען, נעאַכטעסטען מאַן פון שטעטעל, און געהייסען איהם, ער זאָל טון, וואָס אַלע האָבען געטאָן פאַר איהם: ער זאָל פאָלגען אַנ־טיוכוס דעם גרויסען קיסר'ס געבאָט — און בוקען זיך צום אָבגאָט, האָט איהם מתתיהו געענטפערט: „ניין, איך וועל עס ניט טון; מעגען אַלע מענשען פאָלגען דעם קיסר'ס געבאָט — איך און מיינע קינדער וועלען בלייבען טריי די געזעצען און לעהרען פון אונזערע אבות".

און ווי ער האָט דאָס גערעדט, איז איינער פון די יודישע יונגאַטשעס אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן מזבח און האָט גענומען מקריב זיין אַ קרבן צו דעם געץ, מתתיה'ן אויף צו להכעיס.

דאָס האָט מתתיהו, וואָס האָט ביז אַ העך זיך געמיהט צו האַלטען זיך רוהיג, ניט געקאָנט פערטראָגען. ער איז אַרויפ־געשפרונגען אויפ'ן מזבח און האָט דעם פעררעטער גלייך

געטויט אויפ׳ן אָרט.

באלד נאָך איהם האָבען זיינע פינף זיהן ארויסגעכאַפּט די שווערדען, א וואָרף געטאָן זיך מיט ווילדען צאָרן אויף דעם פעלדמארשאַל אפּעלעס און זיינע לייט, אוועקגעלעגט זיי טויטע אויפ׳ן אָרט, און דעם מזבח מיט דעם אָבגאָט האָבען זיי צעשמעטערט אויף ברעקלעך.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט דער אַלטער מתתיהו געגעבען א געשריי צו אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען ארום: „ווער עס וויל בלייבען טריי אונזער גלויבען, זאָל געהן נאָך מיר!״ ווי א בליץ האָט זיך דער געשריי פערשפּרייט ארום און ארום. דאָס גאַנצע שטעטעל איז שוין געווען ארום איהר בעליבטען אָנפיהרער און שטראָמען מיט מענשען האָבען זיך גענומען ציהען צו איהם פון נאהענט און ווייט. זיי זענען אַלע אנטלאָפען מיט מתתיהו און זיינע פינף זיהן אין די ארומיגע בערג און בעהאַלטען זיך דאָרט אין די געהיימע שפּאַלטען און טאָלען. דאָס איז געווען א מחנה פערצווייפעלטע מענשען, וואָס האָבען בעשלאָסען צו אָפּפערן זייער לעבען פאַר זייער פאָלק און זיין פרייהייט. דאָס זענען, גרעסטענטיילס, געווען מענשען, וואָס האָבען ביז אהער ניט געהאַלטען קיין שווערד און שפּיעז אין האנד: חכמים, דענקער, וואָס האָבען זיך אָבגעשיידט פון דער וועלט און פון מענשען, כדי צו פערברענגען זייער לעבען אין לערנען און טראַכטען; יעצט אָבער זענען זיי די ערשטע אריין אין שטראָם פון דער רעוואָלוציע און מען האָט זיך גענומען פלייסיג לערנען, ווי צו ארבייטען מיט געוועהר. אין א קורצע צייט האָבען זיי געמאַכט וואונדערליכע פאָרטשריטען. ארום מתתיהו מיט זיינע זיהן איז שוין געשטאַנען א מחנה פון העלדען. זיי פלעגען פּלוצלינג ארויסקריכען פון די בעהאַלטענע לעבער און בעפאַלען אונגעריכט אנטיוכוס׳עס גרופּען און מאַכען פון

זיי א תל.

אזוי האָבען זיי אָבגערייניגט א שטעטעל נאָך א שטעטעל. אומעטום צובראָכען, צושטאָכען די אָבגעטער, און מיט זייערע פלעצליכע, קונציגע בעפאלען פלעגען זיי אָנווארפען א שרעק אויף דעם שונא׳ס חיל. מאטערען איהם און ניט לאָזען איהם רוהען א מינוט.

אָט דאָס איז געווען די פאסירונג, וואָס איז זיך פערלאָפען אין מודעים און האָט געמאכט א מורא׳דיגען רושם ווייט ארום און ארום, דאָס איז געווען א שטורעמדינער סיגנאל צו אנ׳אלגעמיינעם אויפשטאנד. אָבער דער סיגנאל איז געווען אזוי אונערווארטעט, אזוי ניט אָנגעמאָסטען צו דעם געזונקענעם צושטאנד פון פאָלק, אז מען האָט נאָר געקענט שטוינענדיג אָנקוקען איינער דעם אנדערען, קוועטשען מיט די פלייצעס אויף דעם העלדישען מוט פון א הייפעל פליגען, וואָס האָבען געוואגט אָנצופאלען אויף די אונגעהויערע ,,סירישע חיה״, ווי מען האָט גערופען אנטיוכס׳ן און זיין חיל, דאָך קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז פון דעם פונק זאָל ארוים אנ׳עכטער פלאקער, אנ׳אלגעמיינער אויפשטאנד, און אז דער אויפשטאנד זאָל זיין אימשטאנד צו בעפרייען פון דער בלוטיגער בעסטיע דאָס יודישע פאָלק, וואָס האָט זיך געצאפעלט אין איהרע נעגעל צווישען לעבען און טויט.

און דאָך איז אזוי געווען. דאָס הייפעל וואונדער-העלדען האָבען געבראכט דעם פאָלק פאָלקאָמנע פרייהייט. אזא פרייהייט און מאכט, וועלכע דאָס יודישע פאָלק האָט ניט בעזעסען זאָגאר פאר׳ן ערשטען חורבן, אין די בעסטע צייטען פון זיין ערשטען אונאָבהענגיגען פאָליטישען לעבען.

טייער האָט געקאָסט די פרייהייט, מורא׳דיג איז געווען דער קאמפף, ביישפיעללאָז איז ער געווען נאָך דער צאָהל

קעמפפער אין ביידע זייטען, ביישפיעללאָז אין דער יודישער געשיכטע און איינע פון די זעלטענסטע עדשיינונגען אין דער געשיכטע פון אלע רעוואלוציאָנען. און דאָך האָבען זיי געזיעגט.

די בעשרייבונג פון דיזען קאמפף איז איינע פון די מערקווירדירנסטע בלעטער אין דער געשיכע פון פרייהייטס־קאמפפען אין אלע צייטען. און אום דער לעזער זאָל האָבען א ריכטיגען בעגריף פון דעם, וואָס ער וועט ווייטער לעזען, מוזען מיר זיך אומקעהרען אביסעל צוריק און בעשרייבען דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דעם יודישען פאָלק אין יענער צייט.

II

א פאָר שריט צוריק.

נאָך דעם ערשטען חורבן, ווי יעדען, וואָס האָט געלערנט תנ״ך, איז בעקאנט, זענען די יודען געוועזן אונטער דער הערשאפט פון בבל. דער יאָך פון בבל איז געוועזן אייגענטליך ניט זעהר א שווערער. די יודען האָט נור געפעלט א פאָטערלאנד, דאָס הארץ האָט געבענקט נאָך דער היים. קיין פאָליטישע פרייהייט האָבען זיי ניט געהאט. זאָנסט, אָבער, איז יודען געוועזן פריי צו לעבען אין אלע לענדער, וואָס האָבען דאן געהערט צו בבל, און לעבען ווי זיי האָבען געוואָלט, נאָך זייער אייגענעם גלויבען, נאָך זייערע אייגענע זיטען און מנהגים.

פאָר די דענקענדע מענשען, די לעצטע נביאים, וואָס זענען דעמאָלט געוועזן ביי יודען, ווי ירמיהו, יחזקאל און דער־נאָך ישעיה דער צווייטער, איז געוועזן אונמעגליך, זיי זאָלען ניט איינזעהן, אז די גאנצע מאכט פון בבל, וואָס האָט דעמאָלט דערגרייכט די העכסטע שטופע, איז נאָר א שיינענדיגע; אז אינעווייניג איז דאָס גאנצע געביי פון בבל׳ס הערשאפט געוועזן אזוי צופוילט, אז איין שטארקער שטויס פון א נייער, פרישער

מאכט האָט געקאָנט מאַכען פון איהר אַ שאָס פולווער. ביי אַזעלכע אומשטענדען האָבען זיי געהאָפט אין גיכען איבער אַ נייעס צו בעקומען די פּאָליטישע פרייהייט. דערווייל האָבען זיי זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפצוהאַלטען אין דעם פאָלק מיט אַלע קרעפטען די ליבע צו דער היים, צו די געזעצען אין דעם גלויבען פון די אבות, אָבצוהאַלטען דעם יונגען דור פון צומישען זיך מיט די ארומיגע פעלקער, וואָס עס האָט, נאָך זייער מיינונג, געמוזט אָבשוואַכען די ליבע צו דער אַלטער היים און איינפלאַנצען אין זיי די צופריעדענהייט מיט דעם שיקזאַל פון אַ שקלאַף. עס זענען איינגעפיהרט געוואָרען לעזונגען פון דער תורה פאַר׳ן פאָלק און שולען פאַר קינדער, אויך העכערע אַקאַדעמיען פאַר יונגע לייט. אנשטאט די קרבנות, וועלכע זענען אינגאַנצען אָבגעשאַפט געוואָרען נאָכ׳ן חורבן, האָט מען איינגעפיהרט פערשידענע תפילות און דער הויפּט־אינהאַלט פון אַלע תפילות איז געווען ציון און ירושלים. דאָס פאָלק האָט בעקומען צוטרויען צו זיינע פיהרער, און דאָס, וואָס די נביאים האָבען ניט געקאָנט אויספיהרען פאַר די הונדערטער יאָהרען פון דעם פּאָליטישען זעלבסטשטענדיגען לעבען — האָט זיך לייכט אויסגעפיהרט אין די 50, 60 יאָהר פון גלות: דאָס יודישע פאָלק האָט אינגאַנצען פערלאָזען די געצענדינערייַ און געבליבען טריי דעם אַלטען גלויבען פון די נביאים. אַנ׳אויסנאַהם זענען געווען די אַריסטאָקראַטען, די פני פונ׳ם פאָלק, וועלכע האָבען זיך געקנעפּעלט מיט די שרים און מאַגנאַטען פון בבל, האָבען אָנגענומען בבל׳שע נעמען און זיטען און געזוכט צו בעהאַלטען זייער שטאַם און געבורט.

די קראַפט, וואָס האָט געוואָלט שטירצען בבל, האָט לאַנג אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטען. כורש מלך פרס האָט געטויט דעם לעצטען קעניג פון בבל, וועלכער הייסט אין תנ״ך

בלשאצר און געמאכט אַנ׳עק צו בבל׳ס הערשאַפט. יודען האָבען פרייער אויפגעאַטעמט. כורש אַליין איז ניט געווען גלייך צו אַלע אזיאַטישע דעספאָטען. ווי פריהער בבל און אשור, האָט ער אויך געשטרעבט צו אַ וועלט-מאַכט, צו פעראייניגען אונטער זיין סצעפּטער אַלע קליינע און גרויסע אזיאַטישע מלוכות. אָבער זיין יאָך האָט דאָך ניט אַזוי געדריקט. דערצו איז די קולטור פון די פערזער (פרסיים) געווען נעהנטער צו דער יודישער, ווי די כאַלדעאישע (כשדימ׳שע) די פערזער האָבען צו געצען ניט געדיענט. ביי יודען האָט אויפגעפלאַקערט די האָפנונגען. און די לעצטע קאַפּיטלעך פון ישעיה (פון קאַפּיטעל מ׳ ביז צום סוף) דריקען אויס דיזע האָפנונגען און געפיהלען אין די שענסטע פּאָעטישע בילדער.

אין קורצען נאָך בבל׳ס מפלה איז יודען ווירקליך געלונגען צו בעקומען אַנ׳ערלויבנים פון כורש אומצוקעהרען זיך צוריק אין זייער אַלטע היים, און פיעלע האָבען זיך טאַקע אומגעקעהרט אונטער דער אָנפיהרונג פון זרובבל — אַנ׳אייניקעל איינעמ׳ס פון די לעצטע יודישע קעניגען (יהויכין׳ס) און יהושע כהן גדול. די לעהרער פון פאָלק זענען דאַן געווען עזרא און נחמיה. דאָך די האָפנונגען האָבען זיך ניט ערפילט אַזוי ווי מען האָט געטרוימט. כורש איז באַלד געשטאָרבען און זיינע נאָכפאָלגער זענען געווען ניט בעסער פון אַלע אזיאַטישע דעספאָטען. דערצו האָבען געשטערט די אינטריגעס פון די כותים (פרעמדע פעלקער, וואָס סנחריב מלך אשור האָט נאָך פאַר׳ן חורבן בעזעצט אין ארץ ישראל אויף דעם אָרט פון די פערטריבענע צעהן שבטים), און פיליייכט אַ ביסעל אויך דער פאַנאַטיזם פון די ערשטע „עולי בבל״, וועלכע האָבען ניט געוואָלט צולאָזען קיין פרעמדען פאָלק צו נעהמען אַנ׳אַנטייל אין בויען דעם בית המקדש.

ענדליך איז געקומען אלכסנדר מוקדן, האָט איינגענומען

פרס און יודען האָבען בעקומען אַ נייעם בעל הבית.

III

דאָס אינערליכע לעבען פון דעם אידישען פאָלק.

גוט פערשטעהן אָט די היסטאָרישע עפאָכע וועלען מיר קענען, ווען מיר וועלען טיעף אריינקוקען אין דעם אינערליכען לעבען פונ׳ם יודישען פאָלק אין יענער צייט. דאָס פאָלק איז בעשטאַנען כמעט דורכאויס פון ערד־ארבייטער און גערטנער־פלאַנצער. נאָר אין די גרויסע שטעט איז געווען אביסעל ענט־וויקעלט דער האַנדעל מיט די סוחרים פון די ארומיגע פעלקער. די צאָהל פון גרויסע שטעט איז אָבער געווען זעהר ווינציג און די יודען האָבען זיך געפיהרט, אם מעהרסטען טייל, נאָך זייערע אַלטע זיטען און אָרדנונגען. געלעבט פשוט, שטיל, נאָהענט צו דער נאַטור.

דאָס יודישע פאָלק האָט ניט געוואוסט פון אזא שטרענ־גער איינטיילונג אין קאסטען, אזוי ווי עס איז געווען ביי אנדערע אזיאַטי׳שע פעלקער, ווי אויך ביי די גריכען און רוימער. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען געטיילט אין שבטים. די שבטים האָבען זיך ווידער צוטיילט אין פאמיליען (משפחות) און די פאמיליען אין געזינדען (בתי אבות) צו אַ געזינד האָבען געהערט ניט נאָר עלטערן און קינדער ווי ביי אונז היינט, נאָר אויך קינד׳ס קינדער מיט זייערע קינדער. אַלע הויזליכע אנגעלעגענהייטען פלעגען געפיהרט ווערען דורך דעם עלטעסטען אין דער געזינד. וויכ־טיגערע אינטערעסען פלעגען בעהאַנדעלט ווערען דורך אַ „זקנים ראַט״, פון אַ גאַנצער פאמיליע. נאָך וויכטיגערע אנגעלעגענהיי־טען, ווי פאָליטישע און נאַציאָנאַלע פראַגען, פלעגען פעראַנדעלט און בעשלאָסען ווערען דורך אַ גרעסערען ראַט פון די עלטעסטע

פאַמיליען־פאַרשטעהער. דיזער ראַט האָט זיך אין גאַנץ אַלטע צייטען גערופען „זקני העדה", די עלטעסטע פון דער געמיינדע. אין דער צייט, וועלכע מיר בעשרייבען, האָט ער געהייסען „בית דין הגדול", אָדער „סנהדרין". דיזע „פאָלקס־ראַטען" האָבען געפיהרט דאָס פאָלק און רעגולירט זיין לעבען אין פערשיעדענע צייטען. אפילו אין די צייטען, ווען די יודישע רעגירונג איז געווען אַ מאָנאַרכיסטישע, האָט זיך דער קעניג, דאָס רוב, ניט נעמישט אין אינערליכען פאָלקס־לעבען. די כהנים זענען מעהר־סטענטיילס געווען געזעץ־לעהרער און רעליגיעזע צערמאָניע־מייסטערס און אויסער זייער קרייז האָבען זיי געהאַט אַ קליינע בעדייטונג.

נאָך קלענער איז געוואָרען די בעדייטונג פון די כהנים פאַר די 200 יאָהר, וואָס יודען האָבען זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון פרס.

כאָטש דער פאָרשטעהער פון פאָלק פאַר דער קרוין איז נאָך אימער געווען דער כהן גדול, און ער האָט אויך געהאַט דעם ערשטען פלאַץ אין פאָלקס־ראַט, אָבער זיין אַמט איז מעהר ניט געווען ווי אַן אָפיציעלעס.

די גייסטיגע לעהרער פון פאָלק זענען יעצט געווען די „סנהדרין־מענער", וועלכע האָבען בעקומען וואָס ווייטער אַלץ מער מאַכט און ווירקונג אויפ׳ן לעבען פון דער יודישער נאַציאָן. אַלע וויכטיגסטע איינריכטונגען אין דעם גייסטיגען לעבען פון פאָלק זענען איינגעפיהרט געוואָרען פון זיי אין אָט די צוויי הונדערט יאָהר. אום צו שטאַרקען דעם יודישען גייסט, האָבען זיי איינ־געפיהרט געבעט־שולען, לעהר־שולען פאַר קליינע קינדער, אַקאַדעמיעס (ישיבות) פאַר דערוואַקסענע יונגע לייט. זיי האָבען אויפגעקליבען די צעוואָרפענע ספרים פון תנ״ך. געבראַכט זיי אין אָרדנונג און איבערגעשריבען אין פיעלע עקזעמפּליאַרען, צו

פֿערשפּרייטען די תורה אין פֿאָלק. אום צו פֿערהיטען די זיטען פון פערדארבונג, האָבען זיי איינגעפיהרט שטרענגע אָרדנונג אין הייראַטס־אנגעלעגענהייטען און אין די בעציהונגען צווישען מענער און פרויען אין אַלגעמיין.

נאָר מעהר ווי אַלץ, האָבען זיי געזאָרגט, אז שבתים און ימים־טובים זאָלען געהאַלטען ווערען הייליג. יעדע קערפּערליכע אָנשטרענגונג איז געווען שטרענג פערבאָטען. דער קערפער און דער גייסט האָבען געמוזט האָבען פאָלקאָמנע רוה.

מיר האָבען שוין געזאָגט, אז די פּערסישע קולטור איז אין פיעל הינזיכטען געווען עהנליך צו דער יודישער. עס איז אַלזאָ געווען אונמעגליך, אז זי זאָל ניט האָבען קיין ווירקונג אויף דעם יודישען גייסט. פיעלע זאַכען פון דער „זאָראָאַסטרי־שער״ אמונה זענען אריינגעדרונגען אין די יודישע רעליגיאָן. גאַנצע פאָלקען מיט מלאכים, רוחות, שדים און מזיקים, דער גיהנם מיט׳ן גן עדן, דער גלויבען אין „תחית־המתים״, אין „שכר ועונש״, דערצו מאַסען מנהגים, ווי שניידען די נעגעל ערב שבת און אריינוואַרפען זיי אין פייער, אָבגיסען נעגעל־וואַסער, אָבגיסען אַביסעל וויין פון הבדלה, איינטונקען אין דעם די שפּיצען פינגער, און בעשמירען דערמיט די אויגען, אויך נאָך אַזעלכע מנהגים — שטאַמען אַלע מעהרסטענטיילס פון פרס, פון יענער צייט.

IV

„שם״ און „יפת״ בעגעגענען זיך.

פאַר אַלעקסאַנדער מוקדון האָבען יודען אויפגעאָטעמט פרייער, אונטער די לעצטע הערשער פון פרס האָבען זיי אָפט געליטען פערשידענע גזרות. ווי ווייט זייער לעבען איז געווען

ניט זיכער, ווייזט די געשיכטע פון אחשורש. דיזע געשיכטע ווי זי ווערט געשילדערט אין מגלת־אסתר, איז אָהן אַ ספק אַ לעגענדע. אָבער די לעגענדע איז געווען געוויס געבויט אויף אַ ווירקליכען פאַקט, וועלכער האָט פּאַסירט פּאַר איינעם פון די לעצטע קעניגען פון פרס. אלעקסאַנדער מוקדון איז ניט געווען עהנליך צו די אזיאַטישע טיראַנען. זיין לעהרער און ערציהער איז געווען אריסטאָטלעס, דער גרעסטער פילאָזאָף פונ׳ם אלטערטום. גלייך ווי דאָס יודישע פאָלק, האָבען פיעלע אַנדערע פעלקער געקוקט אויף אלעקסאַנדער מוקדון, ווי אויף אַ משיח, ווייל ער האָט זיי בעפרייט פון דעם שווערען יאָך פון פרס. געמאַכט אַ סוף צו די רייסענים פון די קליינע פעלקער צווישען זיך און נעגעבען זיי די מעגליכקייט צו לעבען רוהיג. אליין האָט אלעקסאַנדער ניט געגלויבט אין קיינע געטער. ער האָט קיינעמ׳ס רעליגיאָן ניט אָנגעריהרט. פערקעהרט, אין וואָסער לאַנד ער איז נעקומען, האָט ער געאָפּפערט צו זיינע געטער און געצייגט אַכטונג צו זייערע פאָרשטעהער, די פּריסטער. ער האָט געבויט אין אזיען פיעלע נייע שטעט, ענטוויקעלט דאָרטען האַנדווערקען, האַנדעל, פערשפּרייט די גריכישע קולטור. אויף יודען האָט ער געמאַכט אַזא שטאַרקען איינדרוק, אַז, לויט ווי עס צייגט אַ לעגענדע, האָט דער סנהדרין בעשלאָסען אַ נאָמען צו געבען אלע נייגעבאָרענע אינגלעך פון דעם יאָהר, ווען ער איז געקומען אין ירושלים, מיט זיין נאָמען „אלעקסאַנדער״. איבער קיין העלד אין אלע צייטען, זענען אין די פאָלקס־מאַסען פון אלע מזרח־לענדער, ניט בעשאַפען גע־וואָרען אַזוי פיעל לעגענדען, ווי איבער אלעקסאַנדער מוקדון. אין דעם יודישען פאָלק זענען אויך דאָ איבער אָט דעם קעניג מאַסען וואונדערבאַרע מעשיות. דאָס ווייזט, אַז ער איז ווירקליך געווען גאָר אַנ׳אונגעוועהנליכע פּערזאָן.

די מאכט האָט איהם אָבער ענדליך פערדאָרבען און געשטאָרבען איז ער יונגערהייט, אזא דעספאָט ווי אַלע אזיא־טישע דעספאָטען. נאָך זיין טויט האָבען זיך זיינע פינף גרעסטע מיליטער־פיהרער צוטיילט מיט זיין אונגעהויער גרויסער מלוכה, וועלכע האָט ענטהאלטען דעם גרעסטען טייל פון דער דעמאָלט בעוואוסטער וועלט. אין גיכען איז אָבער אויסגעבראָכען א קאמפף צווישען די גענעראלען. זיי האָבען זיך ניט געקאָנט צוטיילען מיט דער גרויסער ירושה. ענדליך האָבען צוויי פון זיי, שטארקערע און פעהיגערע, איינגענומען די איבעריגע און צר טיילט צווישען זיךביידען גאַנץ אזיען. איינעם איז אָנגעקומען דער פאָדערסטער טייל פון אזיען, אין דעם חלק איז אויך געווען אריינגערעכענט סיריען (דאָס לאַנד, וואָס איז בעקאַנט אין תנ״ך אונטער דעם נאָמען „ארם״ מיט דער הויפטשטאָדט „דמשק״ פון צפון־זייט צו ארץ ישראל) און פאלעסטינא; און דער אַנדערער האָט בעקומען גאַנץ מזרח־אזיען אין א שטיק אפריקא מיט מצרים בראש.

דיזע צוויי מלוכות האָבען דעריבער געהייסען איינפאכער: „די סירישע און די עגיפטישע״, אָדער ווי זיי ווערען גערופען אין דער העברעאישער ליטעראטור, „מלכות יון״ און „מלכות מצרים״.

די קעניגען, וואָס האָבען געהערשט אין סיריען, האָבען געהייסען „סעלייקידען״, פון דעם נאָמען „סעלייקוס״ — דער ערשטער הערשער פון סיריען, און די מלכי מצרים האָבען געהייסען „פטאָלאָמעאידען״, פון דעם נאָמען „פטאָלאָמעאוס״ (תלמי) — דער ערשטער הערשער איבער מזרח־אזיען און צפון אפריקא.

„ארץ ישראל״ איז געלעגען אויפ׳ן רעכטען וועג צווישען אָט די ביידע גרויסע מלוכות און דאָס האָט געהאַט א גרויסע

ווירקונג אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם יודישען פאָלק. די יודען זענען יעצט צום ערשטען מאָל בעקאנט געוואָרען מיט א נייער קולטור, די קולטור פון די גריכען, דעם ציוויליזירטסטען פאָלק פון אלטערטום. די גריכען ווידער האָבען געהאט די געלעגענהייט נעהענטער צו לערנען די יודישע קולטור, די מערקווירדיגסטע פון די מזרח־לענדישע קולטורען. די יודישע חכמים פון יענער צייט האָבען זיך דעריבער אויסגעדריקט: „שם" און „יפת" האָבען זיך בעגעגענט. אונטער „שם" האָבען זיי פערשטאנען די סעמיטישע אָדער ריכטיגער די יודישע קולטור און אונטער „יפת" — די גריכישע קולטור.

ארץ ישראל האָט לכתחילה געהערט צו דער סירישער מלוכה. אָבער איינגיכען איז ארויסגעקומען א קאמפף צווישען די סעלייקידען און פטאָלאָמעאידען און איינער פון די לעצטע האָט אָבגעדיסען ארץ ישראל צו זיך.

אין דער צייט האָט פאסירט א פאקט, וואָס האָט נאָך נעהענטער געבראכט דעם יודישען גייסט צו דעם גריכישען. פטאָלאָמעאוס פילאַדעלפוס, איינער פון די גרעסטע בילדונגס־פריינד, וואָס זענען געווען צווישען קעניגען, האָט געגרינדעט אין אלעקסאנדריען, די דאמאָלסדיגע הויפטשטאָט פון עגיפּ־טען, א גרויסע ביבליאָטעק, וואו ער האָט צוזאמענגעקליבען שריפטען פון אלע לענדער און פון אלע פעלקער. אויף דעם ראָט פון זיינעם א פריינד, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט דעם יודענטום און יודישע געלעהרטע, האָט ער געהייסען איבערזעצען די יודישע תורה אין גריכיש, כדי בעקאנט צו מאַכען די גדיבען מיט דער יודישער קולטור. לויט ווי עס ווערט בעשריבען אין „יוסיפון" — דער עלטעסטער היסטאָרישער דענקמאָל פון אָט דער צייט,— איז דער קיסר געווען אזוי בעגייסטערט פון דער יודישער תורה, אז ער האָט אָנגעטאָן די

יודישע געלעהרטע, וואָס האָבען זי איבערזעצט ביי איהם אין פאַלאַץ, קעניגליכען כבוד, און האָט זיי געגעבען די רייכסטע און שענסטע מתנות. דאָס איז געווען די ערשטע איבערזעצונג פון דער תורה אין אַ פרעמדע שפראַך. זי הייסט „תרגום השבעים“, דאָס הייסט „די איבערזעצונג פון זיבציג“, ווייל, לויט אַ לעגענדע, האָבען זיך זיבציג געלעהרטע בעשעפטיגט מיט דער דאָזיגער איבערזעצונג.

דיזער מאָמענט איז איינער פון די וויכטיגסטע מאָמענטען אין דער יודישער היסטאָריע. יודישע געלעהרטע האָבען זיך אָנגעהויבען שטארק צו אינטערעסירען מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, קונסט און ליטעראַטור און דאָס גלייכען גריכישע מיט׳ן יודענטום. אַלעקסאַנדריען איז געוועזען דער מיטעלפונקט, וואו דער גריכישער גייסט האָט „געביטען זיינע פרוכטען מיט דעם יודישען“. דאָס איז געווען די גרעסטע בילדונגסשטאָט אין דער וועלט צו יענער צייט. אַלעס, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ העכערער שטופע פון וויסענשאַפט און בילדונג, האָט זיך געצויגען פון אַלע עקען וועלט נאָך אַלעקסאַנדריען. דאָ זענען געווען די גרעסטע פילאָזאָפישע אַקאַדעמיען, און יודישע וויסענשאַפטס-מענער האָבען פערנומען אין דיזע אַקאַדעמיען זעהר אַ הויכען פלאַץ.

צו דער נאָהענטער בעקאַנטשאַפט צווישען יודען און גריכען האָט אויך פיעל מיטגעהאָלפען, וואָס אייניגע פון די סירישע און עגיפטישע מלכים האָבען אַ סך יודען, מיט זייער ווילען, אָדער געגען זייער ווילען, איבערגעזעצט פון פאַלעסטינא אין אַנדערע ערטער פון קליין-און גרויס-אַזיען, וואו אַ גרויסער טייל איינוואוינער זענען געווען גריכען. אין אָט די לענדער האָבען יודען געהאַט אַלע רעכט. אָפט האָבען זי פערטראָטען זעהר וויכטיגע עמטער; מען האָט זיי פערטרויט די פעסטונגען

היטען און אנדערע בעדייטענדע ציוויל־און מיליטער־שטעלעס.

און כאָטש אין די דערפלעך און קלענערע שטעטלעך פון ארץ ישראל, וואו גריכען האָט מען נאָך ניט געזעהען אין די אויגען, האָט נאָך דער יוד געלעבט נאָך זיינע אַלטע זיטען און מנהגים, ווי אין די צייטען פון די „שופטים", פאַר שאול המלך, דאָך האָט מען שוין אומעטום געשפּירט, אַז עפּיס האָט זיך אריינגעריסען אַ נייער שטראָם אין דעם ענגען, שטילען נאַציאָ־נאַלען לעבען פון פאָלק, און דער שטראָם האָט אָפט געגרייכט ביז צו די פערוואָרפענסטע ווינקלעך. די שענע גריכישע קונסטען, די שכל'דיגע געדאַנקען פון די גריכישע פילאָזאָפען וועגען נאַטור און לעבען. די גריכישע פּאָעזיע, די לעבעדיגקייט, מונטערקייט און ריהרעוודינקייט פון דעם מערקווירדיגען פאָלק — דאָס אַלעס האָט ווי מיט אַ כשוף צוגעצוגען אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ גייסט און אַ געפיהל ביי יודען. מען האָט אָנגעהויבען נאָכ־צומען פיעלע זאכען פון דעם גריכישען לעבען. דורך די ענטוויקלונג פון האַנדעל האָבען אַ סך יודען בעקומען פערמעגען. און ווע־רענדיג רייך, האָבען זיי גענומען איינפיהרען ביי זיך אַ סך גריכישע מאָדעס, וואָס זענען געווען פרעמד דעם יודישען גייסט. מיט דעם גרעסטען חשק האָבען אין אָט דער הינזיכט געאַרבייט די יודישע אַריסטאָקראַטען און געלד־זעק, וועלכע האָבען איבערגענומען נור דעם אויסערליכען גלאַנץ און פּוץ, ניט דעם אינערליכען קערן פון דער גריכישער קולטור. דאָס האָבען זיי געטאָן ניט פון אַזוי פון איבערצייגונג, ווי אום צו צוחנפ'ענען זיך צו די גריכישע גרויסע לייט.

די אַלטע לייט און אַלע, וואָס האָבען ניט געקאָנט פער־טראָגען דעם נייעם בליאַסקעדיגען, קאָכיגען לעבען מיט די גריכישע מאָדעס, וועלכע האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען אריינצוטראָגען פערדאָרבענהייט און פוילענים אין דעם שטילען,

ריינעם יודישען פאמיליען-לעבען, האָבען זיך צוריקגעצויגען פון די שטעט, ווייט, טיעף אין די וויסטע און ניט אָנצוזעהען די ,,איבערקעהרעניס פון דער וועלט". אין איינזאַמע הייהלען און שפאַלטען פון בערג פלעגען זיי פיהרען אַ שטרענג פרומען לעבען. די צאָהל פון דיזע אונצופריעדענע מיט די ,,נייע מאָדעס" איז געוואָרען אַלץ גרעסער. עס האָט זיך פון זיי געבילדעט אפּארטיי, וועלכע מען האָט גערופען ,,חסידים" אָדער ,,איסעער" (אסיים), ווי זיי הייסען געוועהנליך אין דער היסטאָריע.

אומזיסט איז אָבער געווען זייער אַנטלויפען פון דעם נייעם לעבען. פּאַסירונגען זענען באַלד אָנגעקומען, וועלכע האָבען זיי אריינגעריסען מיט גוואַלד אין זייער שטראָם און געצוואונגען צו נעהמען אַנ׳אַנטייל אין דער גוואַלדיגער בעוועגונג.

V

צווישען צוויי פלאַמען.

עס פערשטעהט זיך, אז דאָס, וואָס האָט געצויגען די גריכען אין די מזרח-לענדער, איז ניט געווען צו פערשפרייטען דאָרטען בילדונג צווישען די אַזיאַטישע פעלקער. ,,די גילדענע יאָהרען" פון דער גריכישער געשיכטע זענען שוין לאַנג אַוועק. די גריכען האָבען שוין לאַנג פערלאָרען זייער רעפּובליקאַנישען כאַראַקטער. ווער עס איז געווען שטאַרקער, האָט דאָרטען פערכאַפּט די מאַכט און האָט געוועלטיגט. די העכערע קלאַסען זענען געווען צופוילט און פערדאָרבען און די נידעריגע — טעמפּע שקלאַפען. נאָך אַלעקסאַנדערס פּאָטער — פיליפּוס האָט איינגעפיהרט אַ מין זעלבסטהערשאַפט אין גריכענלאַנד.

די גריכען האָבען ניט בעצאָהלט די מזרח-לענדער ,,מדה כנגד מדה". אַזיאַטישע איינוואַנדערער זענען געווען די ערשטע,

וואָס האָבען גאָר אמאָל, מיט פיעלע הונדערט יאָהרען צוריק, געלערנט די גריכען האַלטען אַנ'אַקער און קאָכען א ווארעמעס. געלייגט ביי זיי א התחלה פון קולטור. און זיי האָבען מיט א סך יאָהרען שפעטער, פערקלייבענדיג זיך אין אזיען בעצאָהלט זייערע לעהרער מיט אונטערדריקונג, מאָרד און שקלאַפעריי.

די פאָעזיע, די איבעריגע שענע קונסטען, זענען דעמאָלט שוין שטארק געפאלען. נאָר דערפאר האָט זיך די פילאָזאָפיע שטארק ענטוויקעלט. דאָך, די גריכישע בילדונג האָט געקאָנט געניסען נאָר א הייפעל רייכע מענשען, וואָס די שקלאַפען זייערע האָבען זיי בעפרייט פון יעדער אָנשטרענגונג צו ערווערבען זיך לעבענס-מיטעל. ארבייט איז געווען ביי די גריכען די גרעסטע שאַנדע. די מאַסע פרייע צייט האָט ערלויבט די ערנסטערע מענשען צו טראַכטען און פילאָזאָפירען. די איבעריגע האָבען פערבראַכט די טעג און נעכט אין הוליען און הולטייעווען.

די אזיאַטישע פעלקער, וועלכע זענען לכתחילה אונטער אלעקסאנדער מוקדונ'ס מילדערע הערשאַפט, געווען צופרידען, וואָס זיי זענען פטור געוואָרען פון זייערע אייגענע טיראַנען און געקאָנט אָברוהען פון די שטענדיג בלוטיגע רייסערייען צווישען זיך, האָבען באלד זיך ארומגעזעהן, אז זיי האָבען אויסגעביטען א הילצערנעם יאָך אויף אַנ'אייזערנעם, פון וועלכען זיי וועלען שוין קיינמאָל ניט קאָנען ארויסקריכען.

דאָס יודישע פאָלק, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז לכתחילה אויך געווען זעהר צופריעדען. באלד אָבער האָט זיך די לאַגע אומגעביטען. די עגיפּטישע און סירישע קעניגען האָבען זיך גאָר ניט בענוגענט מיט זייערע מלוכות. יעדער פון זיי האָט אָנגעהויבען שטרעבען איינצושלינגען דעם אַנדערן און ווערען א וועלט-מאַכט. דערפון האָט מעהר פון אלע זייטיגע מדינות געליטען ארץ ישראל, ווייל זי איז געלעגען אויף דעם

,,גרויסען וועג" צווישען אייראָפּא און טיעף אַזיען, ווי אויך צווישען אַזיען און צפון־אַפריקא. ווען די סירישע קעניגען האָבען געוואָלט איינגעהמען עגיפּטען, האָבען זיי פריהער פאַר אַלץ געמוזט זיין זיכער מיט'ן וועג, געמוזט פערכאַפּען ארץ ישראל. די ערשטע קויל האָט געטראָפען דאָס יודישע פאָלק, און אַזוי איז געווען פערקעהרט: ווען די עגיפּטער זענען געגאַנגען אויף סיריען. אין בעסטען אופן האָבען יודען דאָך געמוזט אויסהאַלטען די צעהנדליגע טויזענדער חיל מיט די העלפאַנטען, מיט די פערד. די גריכישע און אַזיאַטישע סאָל־דאַטען האָבען זיך, פערשטעהט זיך, ווייניג צערמאָניעט מיט יודישע גוטס. מען האָט געראַבעוועט און צוגענומען אַלץ, וואָס מען האָט געפונען. פון גאַנצע דערפער און שטעט האָט מען צומאַכט א תל. ביי יודען האָבען דאַן בעקומען אַ גרויסע מאַכט די כהנים, אויף וועלכע די הערשער האבען געקוקט ווי אויף די איינציגע פאָרשטעהער, די פערמיטלער צווישען זיי און דעם יודישען פאָלק. צום גליק אָבער זענען די כהנים אַ געוויסע צייט געווען אמת'ע פריינד פון פאָלק. זיי האָבען זעהר גוט געוואוסט די פּאָליטישע לאַגע פון זייערע הערשער, און אין אַ קריטישען מאָמענט האָבען זיי פערשטאַנען אָבצואוועגדען פון זייער לאַנד די געפאַהר. געהערענדיג צו איין בעל־הבית, זענען זיי איהם געווען געטריי, דאָס הייסט געצאָהלט אַ קוראַט די שטייער, וואָס מען האָט אַרויפגעלעגט אויף דאָס יודישע פאָלק. אָט די טרייהייט האָבען זיי געהיט ביז די אַנדערע, פיינדליכע, מאַכט איז שוין געשטאַנען מיט'ן חלף אויפ'ן האַלז און געפאָדערט אונטערטעניגקייט. ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז קיין ווידערשטאַנד וועט ניט העלפען, האָבען זיי געוואוסט דורך קונציג־דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען איינצושטילען דעם צאָרן פון דעם נייעם טיראַן און אויסצוכלאַפּאָטשען פאַר'ן פאָלק

די זעלבע רעכט און זיכערהייט, וואָס זיי האָבן בעזעסען פריהער.

אָט אזוי איז געשטאַנען אימער דאס יודישע פאלק צווישען צוויי פלאַמען, אימער אין ציטערנים, אין געפאהר צוריסען צו ווערען דאָ פון דער, דאָ פון יענער פון די צוויי מורא׳דיגע ווילדע חיות, אימער איבערגעהענדיג פון איין בעל הבית צום אנדערן, בייטענדיג איין יאָך אויף דעם אנדערן.

און דאך איז ביי אַ הונדערט יאָהר די מאַטעריעלע לאגע פון דעם יודישען פאָלק געווען ניט שלעכט. דער דיפלאָמאַטישער קונסט און טרייהייט פון זיינע פיהרער די כהנים, האט דאָס יודישע פאלק געהאט צו פערדאנקען, וואָס דער גריכישער יאָך האט ניט זעהר שווער געדריקט. דער לעצטער פון די דאזיגע כהנים איז געווען שמעון, וועלכע הייסט געוועהנליך אין דער גמרא, ווי אויך אין דער יודישער ליטעראַטור — „שמעון הצדיק״. דעם כאַראַקטער און גייסט פון אָט דעם גרויסען מאַן שילדערט זיין קורצער שפרוך, וואָס ווערט געבראַכט אין פרק: „על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים״ דאָס הייסט: אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט — אויף לערנען, ארבייטען און געגענזייטיגער הילף.

נאָך דעם טויט פון שמעון הצדיק הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה אין דער געשיכטע פון דער יודישער אָבהענגיקייט פון די גריכען. די יודישע אריסטאָקראַטיע ווערט מעכטיגער, די אַלגעמיינע מאַטעריעלע לאגע ווערט, אמת, נאָך בעסער, דורך דער ענטוויקלונג פון האנדעל. אָבער דערפאַר ווערט דער מאָ־ראַלישער צושטאנד אַלץ שלימער און שלימער. די פריערדיגע איינהייט פון דער נאַציאָן ווערט צושפאָלטען. עס שפראָצט ארויס אַ קאַמפף פון פארטייען, וועלכע רייסען זיך איבער דער מאַכט צו געוועלטיגען איבער דאָס פאָלק. זיי וועקען אויף אַ

ווילדען האָט געגנען די יודען ביי די הערשער, און שכנ'ישע פעלקער ארום; און עס הויבט זיך אָן אין דעם איצטיגען גע־שיכטעס־קאפיטעל אַ בלאַט פון בלוט און מורא'דיגע אונטער־דריקונגען.

שמעון הצדיק איז געשטאָרבען. דאָס פאָלק האָט נאָך איהם שטארק געטרויערט. די גרויסע ליבע און אכטונג, וואָס ער האָט גענאָסען פון זיינע ברידער, דריקט אויס מיט שענע פערזען דער יודישער דיכטער און דענקער פון יענער צייט — יהושע בן סירא. זיינע געדיכטע זענען בעקאַנט אין דער יודישער ליטעראַטור אונטער דעם נאָמען „משלי יהושע בן סירא". קיין שטארקע פאָעזיע, ווי ביי די נביאים, זעהען מיר ניט אין זיינע משלים. נאָר זיי זענען אַ לעבעדיגער, ריכטיגער דענקמאָל פון יענעד צייט, אַ שפּיגעל, וואו עס קוקט זיך דורך אַ ריינע הארץ און אַ שענע זעעלע, אין וועלכער עס איז פעראייניגט דאָס בעסטע און איידעלסטע פוןביידע קולטורען — דער גריכישער און דער יודישער. יהושע בן סירא איז געוועזן דער גרעסטער פערעהרער פון דער גריכישער בילדונג און צו דערזעלבער צייט איז ער געוועזן טריי זיין פאָלק מיט לייב און זעעלע, און טריי דער יודישער תורה. ער האָט וואהרשיינליך קיין פולע ניט אי־בערגעלעבט זיין ליעבלינג־דעם יודישען אָנפיהרער, און אזוי ווי יענער, האָט ער ניט דערלעבט די פינסטערע צייטען.

שמעון הצדיק'ס זוהן חוניו, אָדער אָניאַס, איז גאָר ניט געוועזן עהנליך צו זיין פאָטער. דאָס איז געוועזן אַ גאַנץ קליינער מענשעלע, וועלכער איז גאָר ניט געוועזן פעהיג צו פערטרעטען אזא וויכטיגען, פעראנטוואָרטליכען פאָסטען, ווי אַ פאָרשטעהער פון פאָלק פאר דער קרוין; אַ פאָסטען, פון וועלכען עס האָט זיך געפאָדערט פיעל פערשטאַנד, טאקט, געשיקטקייט און טרייקייט צו די אינטערעסען פון פאָלק. אין „יוסיפון" ווערט

דער דאָזיגער חוניו געשילדערט אַלס אַ קאַרגער יונג, וואָס וואָלט זיך לאָזען הרג'ענען פאַר אַ גראָשען. ארץ ישראל האָט רעמאָלט געהערט צו עגיפּטען. אַ קעניג איז דאָרטען געווען פּטאָלאָמעי אייערגעטעס, וועלכער האָט זיך וועגען דער מלוכה גאָר ווייניג געקימערט. ער איז נאָר געלעגען אין איין הולטעווען מיט זיינע גרויסע לייט גאַנצענע טעג און נעכט. אוצרות מיט גאָלד זענען איהם געווען קנאַפּ אויף זיין פערשווענדערישע אויסגעלאַסענקייט. זיין איינציגע זאָרג וועגען די מדינות, וואָס זענען געווען אונטער זיין יאָך, איז געווען, אַז זיי זאָלען צאָהלען פּינקטליך די שטייער, און מעהר ניט.

חוניו איז אָבער געווען זעהר נאַכלעסיג צו צאָהלען די שטייערן. ער האָט בעסער געוואָלט, די געלדער זאָלען בלייבען ביי איהם אין קעשענע. דערצו, דענקט מען, זענען געווען אינ־טריגעס פון אנטיוכוס, דעם סירישען קעניג, וועלכען די הויפלייט, די שמייכלער, האָבען אַ נאָמען געגעבען „אנטיוכוס דער גרוי־סער". אָט דער אנטיוכוס איז געווען אַ לייכטזיניגער, אומגע־לומפּערטער מענש, אָבער עהרגייץ האָט ער געהאַט אָהן אַ גרענעץ. ער האָט געוואָלט בענוצען די ש ואכקייט און אויס־געלאַסענקייט פון פּטאָלאָמעאוס אייערגעטעס און אָבנעהמען זיין מלוכה. ער האָט דעריבער אינטריגירט אין דעם לאַנד יהודה, עס זאָל זיך אָבזאָגען צו צאָהלען צינז דעם עגיפּטישען קעניג. אַנ'אַנדערער, אַ פעהיגערער פיהרער, וואָלט קענען פּילייכט די לאַגע אויסנוצען צו ערווייטערן די פרייהייט פון דעם יודישען פאָלק. אָבער חוניו איז געווען גערן צו לעגען די אויפגעקליבענע צינזען צו זיך אין קעשענע. און — גענוג.

פּטאָלאָמעאוס אייערגעטעס איז שרעקליך בייז געוואָרען און האָט געשיקט אַ קעניגליכען בעאַמטען נאָך ירושלים פאָ־דערן די שטייער. אין פאַל, אַז מען וועט ווייטער אָבלעגען

-- האט ער נעשראקען -- וועט ער אָנשיקען אַ גרויסען חיל און חרוב מאַכען דאָס לאַנד. דאָס פאָלק האט זיך דערשראַקען און געוועזן זעהר אויפגעבראַכט אויף דעם כהן גדול. אָבער חוניו האט זיך גאר ניט געקימערט און ארויסגעמאַכט זיך מיט אַלער-ליי תירוצים. די אויפרעגונג אין פאָלק איז געווארען אלץ שטאַר-קער, אָט דאָ איז ארויס אויף דער סצענע אַ מאַן, וואס איהם האט דאָס יודישע פאָלק געהאַט צו פערדאַנקען אַלע אונגליק-ליכע פאַסירונגען, וואס ווייטער האבען זיך פערלאָפען.

VI

דער גאָלדענער רעגען ברענגט קיין גוטס ניט.

דער מאַן וואס האָט ניט ווילענדיג געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דער רעוואָלוציע, איז געווען -- יוסף בן טוביה, אַ אייניקעל פון שמעון הצדיק. דאָס איז געווען אַ מאַן, וואָס איז בעגאַבט געווען פון דער נאַטור מיט אַלע מעלות, וואָס צייגען ארויס אַ הערשער, אַ רעדעל-פיהרער. זיין הויכער וואוקס, זיין שענע געשטאַלט, פיינע מאַניערען און גלאַטער, געשליפענער צונג, מיט וועלכען ער האָט געקענט צוציהען אַ מענשען ווי מיט אַ צויבער, האָבען איהם שוין לאַנג געמאַכט אַ נאָמען אין די העכערע קלאַסען פון פאָלק. דערצו איז ער געווען זעהר ביטרע און קלוג, און אַ מענש מיט אַ מורא׳דיגען עהרגייץ און אַפעסטען ווילען. ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קיין זאך, ווען ער האָט זיך נאָר איינמאָל עפּיס אריינגענומען אין קאָפּ.

בשעת דער געוואַלדיגער אויפרעגונג, וואָס האָט געהערשט אין ירושלים וועגען די געפאַהר, אין וועלכער דער „קמצן״, דער כהן גדול האָט געשטעלט דאָס פאָלק, האָט יוסף בן טוביה ניט געשלאָפען. דאָס איז געווען אַנ׳אויסגעצייכענטע געלעגענהייט ארויסצורוקען זיך און בעקומען די הערשאַפט, צו וועלכער זיין

גייסט האָט אין געהיים שוין לאנג געשטרעבט. ער האָט אין דער בעוועגונג געשפּיעלט די הויפּט־ראָליע, געבונטעוועט, געהעצט, אונטערגעלעגט פייער. ענדליך איז איהם געלונגען איינצורעדען דאָס פאָלק, מען זאָל איהם שיקען צום קעניג איבערבעטען איהם און איינשטילען זיין צאָרן. אזוי קונציג האָט ער די זאַך געפיהרט, אז אפילו דער כהן גדול אַליין האָט אויך מסכים געווען צו יוסף׳ס נסיעה. ער האָט, פערשטעהט זיך, געהאַט זיין מיין אין דעם: אז ער וועט קענען פּטר׳ן דעם עסק פאַרט ניט אַרויסנעהמענדיג די מטבע פון קעשענע.

מעהר האָט יוסף ניט געדאַרפט. ער איז אַוועק אין עגיפּטען צום קעניג, אַוועק מיט היילע העגד און אָרים געקליידט. א סך האָבען געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געקוועטשט מיט די פּלייצעס — קיינעם האָט זיך אייגענטליך ניט געגלויבט, ער זאָל עפּיס מאַכען. ער האָט אָבער געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון. פריהער פון אַלץ איז ער אַוועק צו די „שומרונים", דאָס זענען די „כותים", וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען גערעדט. די שומרונים זענען געווען די יודענס פערביסענסטע פיינד. נאָר ווען דאָס האָט זיי געפּאַסט, ווען יודען זענען געווען אין חן, האָבען זיי זיך ארויסגעגעבען אַליין אויך פאַר יודען. יעצט איז צווישען זיי און די יודען געווען א שטאַרקע פיינדשאַפט. אָבער יוסף׳ן איז דאַך געלונגען פאַר גרויסע פּראָצענטען צו בעקומען ביי די שומרונים א גרויסע סומע געלד. פאַר דאָס געלד האָט מען געמוזט קויפען פערשיידענע מתנות פאַר די „מקורבים" פון קעניגליכען הויף, ווי דער מנהג איז אימער, מען זאָל איהם גוט פאָרשטעלען. דערצו האָט ער געהאַט אין „הויף" נאָך א שטאַר־קען „צד". דאָס איז געווען דערזעלביגער הויכער בעאַמטער, וואָס דער קעניג האָט איהם געשיקט אין ירושלים מאָהנען די צינז. מיט זיינע קלוגע און חניפה׳דיגע ריידעלעך, פיינע מאַנירען

און שענע מתנות האָט איהם יוסף פשוט בעצויבערט, און דער הויכער בעאמטער האָט איהם פערלויבט פאַר'ן קעניג מיט דער קעניגען אוים די וועלט.

דאָס אַלעס האָט געווירקט, אַז דער כיטרער „יהודי" האָט געמאַכט אַנ'איבערראַשענדען איינדרוק אויפ'ן קעניג מיט דער קעניגען. דאָס איז אָבער נאָך ווייניג. דורך פערשיידענע קונצען און חניפות איז איהם געלונגען אַריינצונעהמען אין זיינע הענד דעם אָבקויף פון אַלע צינזען, וואָס מען האָט געצאָהלט דעם קעניג אין פעניקיען, סיריען און פאַלעסטינא. ער איז געוואָרען דער „חוכר", דער בעל הבית איבער אַלע „פאַדאַטקעס" אין די דאָזיגע דריי לענדער. דער ארימסטער פון אַלע פראָ־ווינץ-פאָרשטעהער איז ער געקומען אין מעמפיס, דער קעניגלי־רעזידענץ, און דער מעכטיגסטער מאַן אין אַלע לענדער ארום ארץ ישראל און אין ארץ ישראל גופא, איז ער אוועק צוריק פון קעניג. פון אַט דעם מאָמענט אָן האָט ער, אַלס צינזען-אָבדינגער, געהאַט כמעט אונבעשטרענקטע מאַכט איבער גאַנצע פעלקער. די איבעריגע „אָבקויפער", די רייכסטע פון יעדען לאַנד און שטאָט, האָבען לכתחלה אויף דעם ארימען „יהודי" געקוקט מיט פעראַכטונג און גאָר ניט אויסגערעכענט, אַז דער „יודישער קבצן" זאָל זיך אונטערשטעהן קאָנקורירען מיט זיי אויף די „טאָרגעס". איצט האָבען זיי איהם אָנגעקוקט מיט שרעקליכער קנאה און שנאה. אַז דער קעניג האָט איהם געפרעגט: וואָס קען ער געבען פאַר „ערבות", אַז ער וועט צאָהלען אַקוראַט, האָט ער געענטפערט: ער קען צושטעלען צוויי „ערבים" וואָס קיין בעסערע קען ניט געבען. ווער זענען זיי? האט דער קעניג געפרעגט איבערראַשט: „דער קעניג מיט דער קעניגין!"—האָט ער געענטפערט. דיזע חניפה האָט איהם געגעבען דעם זיעג.

דער קעניג האָט איהם מיטגעגעבען צוויי טויזענד

מאַן סאָלדאַטען און ער האָט זיך טאַקע גענומען גלייך צו דער ארבייט.

ווי נאָר דער קלאַנג איז ארויס אין סיריען, אַז דער יודישער „חוכר" האָט אָנגעבאָטען אין צווייען און אויסגעדונגען די „פּאַדאַטקעס", איז געוואָרען געגען איהם אַ שטאַרקע בעווענונג. די פריהערדיגע „חוכרים", שרעקליך אויפגעבראַכט דערפאַר, וואָס יוסף האָט ביי זיי אַרויסגעריסען אַזאַ פעטען ביסען, האָבען געזוכט מיט אַלע קרעפטען צו בונטעווען געגען איהם די מאַסען. אוןווירקליך, אַז דער נייער חוכר איז אָנגעקומען אין דער ערשטער סירישער שטאָט מאָהנען די צינזען, האָבען אַלע איינוואוינער געמאַכט אַ בונט און ניט געוואָלט געבען. יוסף איז דאַן בעפאַלען מיט זיינע צוויי טויזענד עגיפּטישע סאָלדאַטען, די רעכטע „בונטאָווּשטשיקעס" האָט ער אויסגעהרג'עט, קאָנפיסקירט זייערע גיטער און אָװעקגעשיקט צום קעניג. אַזוי האָט ער געטאָן אין דער צווייטער שטאָט, אין דער דריטער. די שטייער האָט ער גענומען מיט געוואַלד און די קאָנספיקירטע גיטער פון די רעכטע „בונטאָווּשטשיקעס", וועלכע ער האָט געטויט, האָט ער אָבגעשיקט צום קעניג. דעם איז דער עסק זעהר געפעלען געוואָרען, און יוסף האָט וואָס ווייטער געקראָגען ביי איהם אַלץ מעהר חן.

צוויי און צוואַנציג יאָהר האָט דער דאָזיגער טיראַן געהערשעוועט איבער פיניקיען, ס־ריען און ארץ ישראל. ער האָט געג'גזל'ט און געראַבעוועט, געדריקט און געשטיקט אַלעם אַרום זיך. ער איז געווען דער פלוך פון אַלע אַרומיגע פעלקער. דער אַלטער האַס ביי עמון און מואב, אדום, פלשתים און אַלע איבריגע שכנים פון יהודה, האָט ווידער גענומען אויפטליהען און צופלאַקערט זיך געגען דאָס יודישע פאָלק איבער דעם יודישען בלוט־זויגער. צו דער זעלבער צייט איז די עקאָנאָמישע לאַגע

פון דעם לאַנד יהודה געוואָרען פיעל בעסער. דער טיראַן האָט געזויגען דאָס בלוט פון די שכנים'שע פעלקער. זיין אייגען פאָלק האָט ער געשוינט. פערקעהרט: ער האָט געגעבען טויזענדער מענשען צו לעבען. ער האָט געדאַרפט האָבען מאַסען בעאַמטע, פאַרשטעהער, אגענטען, וואָס זאָלען איהם העלפען אין אלע שטעט מאָהנען די שטייערן און צינזען. א גאָלדענער רעגען האָט זיך אגאָס געטאָן איבער דאָס לאַנד יהודה. א סך האָבען פער־לאָזען זייערע שווערע ארבייט אין שטאָט, צי אין פעלד און האָבען זיך אָנגעהויבען שאַרען ארום פעטען טאָפּ, זוכען א קאַריערע, מאַכען א גרינג לעבען. גרויסע רייכטימער האָבען בעקומען יוסף'ס משפחה, די „בני טוביה" ווי זיי האָבען גע־הייסען אין פאָלק. עס האָט זיך געבילדעט אין ירושלים און אין די איבריגע גרויסע שטעט א שטאַרקע יודישע אריסטאָקראַטיע. א געלד־אריסטאָקראַטיע, ווי דאָס יודישע פאָלק האָט נאָך פון אזוי'נע קיין מאָל ניט געוואוסט. די רעכטע פיהרער פון דער דאָזיגער אריסטאָקראַטיע זענען געווען יוסף'ס זיהן, וועלכע זענען געבאָרען און ערצויגען געוואָרען כמעט אין קעניגליכען לוקסוס און געפיהרט א פירשטליכען לעבען. די יודישע גבירים האָבען זיך אַלץ נעהענטער צוגעשאַרט צו די גריכישע גרויסע לייט און געשטרעבט מיט אלע כוחות אויפצופיהרען זיך אין הויז און אין דער געזעלשאַפט אויפ'ן גריכישען שטייגער. די זיטען פון פאָלק זענען געוואָרען אַלץ מעהר פערדאָרבען און די פריינד און לעהרער פון פאָלק האָבען צוגעקוקט מיט א וועהטאָג אין הארצען, ווי זייערע ברידער געהען אונטער מאָראַליש, אָבער זיי האָבען גאָר נישט געקענט טון. די צאָהל פון די, וואָס זענען אנטלאָפען פון די רווישיגע שטעט מיט זייער פערדאַרבענעם לעבען אין די שטילע דערפער, איז געוואָרען אַלץ גרעסער. דאָרטען, אין די דערפער, האָבען זיי געפונען א סך צוהערער און

פריינד, און די פּאַרטיי פון די אונצופרידענע איז געוואקסען שטיל, אונבעמערקט, אָבער שטאַרק. ניט ווענינ אונצופרידענע זענען אויך געבליבען אין די שטעט. די וואָס זענען געבליבען טריי די אַלטע פשוט׳ע זיטען פון די פּאָטערס האָבען טיעף געהאַסט די אַריסטאָקראַטען, די גריכען־נאָכמאַכער, און האָבען די רייכקייט, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַ שאָט געטאָן אויף דאָס יודישען לאַנד, אָנגעקוקט, אַלס אַ קוועלע פון פערדארבען און אונגליק פאַר דעם גייסט פון פאָלק. דער ביטערער האַס און קאַמפף צווישעןביידע פּאַרטייען איז געווען דערווייל אַ שטילער, אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען איז געגאַנגען רוהיג. עס זענען אָבער באַלד אָנגעקומען שווערע צייטען פאַר יהודה. עס האָט אויסגעבראָכען אַ מורא׳דיגע מלחמה צווישען אנטיוכוס דעם סירישען קעניג און פּטאָלאָמעאוס אייפּאַטאָר דעם עגיפּטישען. דאָס לאַנד יהודה איז געוואָרען אַ מורא׳דיגע שלאַכטפעלד צווישען ביידע מלכים. די צרות האָבען אויפגעוועקט דעם אַלטען וועהטאָג, אויפגעמונטערט די פריינד פון פאָלק. די אינטריגעס פון ביידע מלכים האָבען געשטאַרקט דעם פּאַרטיי־האַס און עס איז אויסגעבראָכען צווישען זיי אַנ׳אָפּענער, פערצווייפעלטער קאַמפף.

VII

פּאַר׳ן שטורם.

דער קאַמפף איז געווען לכתחילה אַ קאַמפף צווישען יוסף׳ס קינדער, וועלכע האָבען זיך נאָך זיין טויט ניט געקאָנט צוטיילען מיט דער מאַכט. פון אַלע זיינע זיהן איז געווען דער פעהיגסטער און סאַמע דורכגעטריבענער, דער יונגסטער זיהן, הורקנוס. ער האָט גע׳ירש׳נט דעם טאַטענס אונגעהייערען עהרגייץ און שטרעבען צו געוועלטיגען. איהם איז געלונגען

איינצושמייכלען זיך ביי דעם עגיפטישען קעניג און בלייבען דער ,,חוכר" איבער אַלע צינזען, ווי זיין פאטער. די ברידער האט דאס שרעקליך געברענט. נאך מעהר האט זיי פערדראסען, וואָס הורקנוס איז געווען דער זוהן פון אַנ'אויסגעלאַסענער גריכישער פרוי. אַזוי ווי ער איז געווען דעם קעניג אייפּאטאָר'ס ליעבלינג און ביי איהם אין די אויגען האָבען זיי איהם גאָר נישט געקאָנט שאַדען, זענען זיי אַריין אין געהיימע פערבינדונגען מיט דעם סירישען קעניג אנטיוכוס דעם ,,גרויסען", און האָבען איהם אַריינגעלאָזען מיט זיין אַרמעע און העלפאַנטען און פערד אין ירושלים. פון דאַמאָלס אָן זענען שוין די יודען פערבליבען אונטער דער סירישער מאַכט, ביז עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואלוציע.

דער ,,סנהדרין" און דער כהן גדול האָבען געהאַסט ביידע פאַרטייען, וועלכע האָבען זיך געריסען און אָנגעטאָן גרויסע צרות דעם פאָלק, נאָר צוליעב זייערע אייגענע נידריגע אינטערעסען. נאָר בשעת דער חלף איז דאָ געלעגען אויפ'ן האַלז, האָבען זיי געמוזט צוברעכען דעם עגיפטישען יאָך און אָנטון דעם סירישען. זיי זענען אַרויס אַנטקעגען דעם נייעם הערשער און צוגענומען איהם מיט זיין גאַנץ חיל מיט גרויס פּאַראַד.

פאַר אַנטיוכוס'ן, וועלכער האָט געשטרעבט איינצונעמען עגיפּטען און גרינדען אַ וועלט-מאַכט, איז געווען זעהר וויכטיג צו האָבען אין די יודען אַ פריינדליך פאָלק, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבען פריי דעם גרויסען וועג צו מצרים. האָט ער געוויזען צו די יודישע פאָרשטעהער זעהר גרויסע פריינדליכקייט און געגעבען זיי פיעל גרעסערע רעכט, ווי זיי האָבען געהאַט פריהער. ער האָט געגעבען זעהר רייכע מתנות פאַר'ן בית המקדש און בעפרייט דאָס לאַנד יהודה אויף דריי יאָהר פון אַלע אָבצאָהלונגען און שטייער. אויסער דעם האָט ער זיי

נעגעבען פולע בירגער־רעכט אין אנדערע לענדער פון זיין מלוכה, און האָט געהאָלפען דאָרטען גרינדען גרויסע יודישע קאָלאָניעס.

הורקנוס איז אַנטלאָפען אין די סטעפעס צו מזרח־זייט פון דעם לאַנד יהודה. דאָרטען האָט איהם דער עגיפּטישער קעניג געמאַכט פאַר אַ פּאַשאַ איבער די האַלב־ווילדע בעדואי־נער — די אַראַבישע און אנדערע וואַנדער־פעלקער. ער האָט דאָרטען צוטאָן מעשים. דורך רויב און מאָרד האָט ער אָנ־געקליבען אונגעהייערע רייכטימער, געבויט זיך קייזערליכע פּאַלאַצען און פעסטונגען און געלעבט אַ גוטען טאָג.

זיינע ברידער און זייער גאַנצע פּאַרטיי די גריכען־נאָכ־מאַכער, אָדער „העלעניסטען“ ווי מען רופט זיי געוועהנליך („העלענען“ איז דער פאַרצייטיגער נאָמען פון די גריכען) האָבען איצט טריאומפירט. פון איין שונא זענען זיי פּטור געוואָרען. זיי וואָלטען קענען יעצט טון, וואָס זייער האַרץ געלוסט. נאָר ווי אַ ביין אין האַלז איז זיי געשטאַנען דער כהן גדול חוניו דער דריטער, וועלכער איז גראָד געווען אַ מאַן פון שטרענגער גערעכטיגקייט און דורך זיין שענעם צונג האָט ער געקראָגען חן ביי דעם קעניג. דערהויפּט איז ער געווען בעליעבט ביים פאָלק און איז געווען אַ פריינד פון די אַלטע פּשוט׳ע זיטען. צווישען ביידע פּאַרטייען: די „העלעניסטען און די „חסידים“ איז אַרויס אַ קאַמפּף. די לעצטע האָבען בעקומען די אויבער־מאַכט און די רעכטע רעדעלפיהרער פון די אַריסטאָקראַטען זענען פערטריבען געוואָרען פון ירושלים.

די פירשטען פון יהודה האָבען אָבער ניט געשוויגען. דער ווילדער צאָרן זייערער געגען דעם כהן גדול האָט געברענט ווי פייער. אָן דער שפּיץ האָט זיך ביי זיי געשטעלט אַ מאַן, וועלכער געהט דורך פון איצט אָן, ווי אַ שוואַרצער, העלישער טייוועל דורך אַלע בלוטיגע פּאַסירונגען, וואָס זענען אָנגעקומען איבער

דאָס לאַנד יהודה. דאָס איז געווען אַ בייזער גייסט, פאַר וועלכען דער שענדליכסטער און שרעקליכסטער נאָמען איז צו מילד. אין דער גאַנצער ודישער היסטאָריע האָט זיך אזא בלוט־פיינד פון פאָלק און פעררעטער ניט איבערגעחזר׳ט און אין דער אַלגעמיינע געשיכטע זענען אַזעלכע זעהר וועניג צו געפינען.

מענעלאוס האָט געהייסען אָט דער פעררעטער. ער איז יעצט געוואָרען דער גאַנצער אָנפיהרער פון דער אַריסטאָקראַטען־פאַרטיי. ער האָט זיך גענומען פיהרען דעם קאַמפף, אין וועלכען קיין מיטעל און קיין וועג איז ביי איהם ניט געווען צו קליין און צו אונווירדיג.

די ערשטע זאַך — איז ער אַוועק צו אַפּאָלאָניוס דעם סירישען גובערנאַטאָר, האָט איהם דערצעהלט, אז אין דעם יודישען טעמפּעל ליגען אוצרות מיט גאָלד און האָט איהם געראַטען, ער זאָל שיקען חיל און צונעהמען דאָס. דער קעניג סעלייקוס דער פערטער, אַנטיוכוס דעם גרויסענס זוהן, איז גראַד דאַמאָלס געווען אין גרויסע פערלעגענהייטען. זיין פאָטער האָט פערשפּיעלט די מלחמה מיט עגיפּטען. די רוימער, וואָס זענען איצט געוואָרען מעכטיג, האָבען זיך אריינגעמישט און אַרויפגעלעגט אויף איהם אַ גרויסע קאָנטריבוציע. סעלייקוס׳עס איז דער פּלאַן זעהר געפעלען געוואָרען, און ער האָט געשיקט זיין גענעראַל העליאָדאָרעס מיט אַ מחנה אין ירושלים נאָך די אוצרות. העליאָדאָרעס האָט זיך אָבער אומגעקעהרט צוריק מיט גאָר נישט. אַ לעגענדע דערצעהלט, אז איהם האָט זיך פאָר־געשטעלט אין בית המקדש אַ מורא׳דיגע געשטאַלט: אַגרויס־אַרטיג פערפוצטער פערד מיט אַ פורכטבאַרען רייטער, וועלכער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף איהם און האָט איהם אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד. ער איז קוים צו זיך געקומען פון שרעק און

געזונד געוואָרען דורך דעם כהן-גדול׳ס תפילה. דאַן איז ער אוועק צום קעניג און האָט איהם דערצעהלט די גרויסע וואונדער, וואָס ער האָט געזעהן אין דעם יודישען טעמפעל.

וואהרשיינליך איז אָבער, אז העליאָדאָרעס האָט זיך דערשראָקען פאר דער שטארקער אויפרעגונג פון פאָלק און האָט ניט געוואָלט איינשטעלען זיין לעבען אין געפאהר, דער־זעהענדיג, אז די צורייצטע יודישע מאסע איז גרייט אויף אַלץ צו פערטיידיגען דעם טעמפעל.

א קורצע צייט איז געווען שטיל. מענעלאוס איז אָבער ניט געווען אזא מענש, וואָס זאָל זיך לייכט אָבזאָגען פון זיין נקמה־פּלאַן. די אומשטענדען זענען איהם באלד געוואָרען גינסטיג. אויף דעם סירישען טראָן איז ארויף א נייער הערשער. דאָס איז דער קעניג, וואָס זיין נאָמען איז פערשריבען מיט בלוט אין דער יודישער געשיכטע. אנטיוכוס דער „חכם" האָבען איהם די ארומיגע שמייכלער גערופען. אין דער גמרא און אין אַלע יודישע היסטאָרישע דאָקומענטען פון יענער צייט הייסט ער „אנטיוכוס הרשע". דאָס איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפען, וואָס איז א געמיש פון דער העכסטער שטופע אזיאטישען און רוי־מישען דעספּאָטיזם צוזאמען. ער איז ערצויגען געוואָרען אין רוים, וואו זיין פאָטער האָט איהם אָבגעגעבען אלס א „משכון", אז ער וועט צאָהלען ריכטיג די קאָנטריבוציע, ווי דער מנהג איז געווען אין יענע צייטען. רוים איז דאמאָלס געווען אונגעהייער מעכטיג. זי האָט איינגענומען האניבאלין, דעם קריגס-פיהרער פון קארטהאגא, זעהר א שטארקע מדינה אין צפון־אפריקא. האניבאל איז בעריהמט אין דער געשיכטע אלס דער טאלאנט־פאָלסטער קריגס־פיהרער פון די אלטע צייטען. נאָך דעם איז קיינער אין דער וועלט ניט געווען שטארקער פון רוים, און זי

האַט גענומען שטרעבען צו ווערען אַ וועלט-מאַכט.

אַט די שטרעבונגען האָט אַנטיוכוס בעקומען אין זיין ערציהונג אין רוים. ער האָט זיך זעהר מתקנא געווען אין די רוימער. אַז ער איז אַרויף אויפ׳ן טראָן האָט זיך איהם געוואָלט שפּיעלען די ראָליע פון רוים אין אַזיען. ווערען זייער קאָנקורענט. ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם אייזערנעם מוט און גייסט. וואָס זיי. דאָס איז געווען אַ מענש אָהן אַ כאַראַקטער. ער האָט געוויזען די גרעסטע טיראַניי, וואָס קען געבען, און אַמאָל אויך גוטהערציגקייט, אָבער אָהן אַ רעכנונג. מען דערצעהלט, אַז ער פּלעגט זיינע איבערגעגעבענסטע פריינד פאַר די טרייעסטע דיענסטען בעשענקען אָפט מיט אַן׳אָבגעגעסענעם ביינדעל און די בלוטיגסטע פיינד אָבגעבען די גרעסטע שטעלען.

צום אָנהויב האָט ער זיך אַרויסגעוויזען טריי צו די רוימער און זיי האָבען איהם געהאָלפען אַריינכאַפּען די מלוכה. דערפאַר האָט ער די רוימער צוליעב זיך געמיהט מיט אַלע קרעפטען איינצופיהרען אין זיין גאַנצען לאַנד די רוימישע מאָדעס, איבער־הויפּט, די צירקען, וואו שקלאַפען האָבען געקעמפפט צווישען זיך אָדער מיט ווילדע חיות ביז טויט, צו פערשאַפען דערמיט פערגניגען די גרויסאַרטיגע צוזעהער. אויך קינדערשע קאַמפף־שולען האָט ער איינגעפיהרט, וואו יונגע קינדער און דערוואַק־סענע יונגע מענשען פלעגען קעמפפען אויסגעטאָן נאַקעט.

די יודישע אַריסטאָקראַטען האָבען שוין לאַנג געוואָלט איינפיהרען די קאַמפף-שול און צירקען אין דעם לאַנד יהודה. נאָר זיי האָבען עס ניט געוואַגט, מורא האָבענדיג פאַר׳ן צאָרן פון די „חסידים" און פון פּשוט׳ען פאָלק, וואָס האָט געהאַלטען מיט די „פרומע". די דאָזיגע קאַמפף-שפּיעלען און שוישפּיעלען, צוליב זייער גרויזאַמקייט און אונזיטליכקייט, זענען פון די עלטעסטע צייטען אָן געווען פרעמד און עקלהאַפט דעם יודישען

גיימס. נאָך אַ גרעסערע שאַנדע איז געווען צו געהן נאַקעט.

מענעלאוס אָבער, וועלכער האָט געברענט פאַר נקמה און הערשזוכט, האָט געוואוסט, אַז אָט די נייע איינפיהרונגען זענען דער בעסטער מיטעל אונטערצוּחנפענען זיך ביי דעם נייעם הערשער און צו דער זעלבער צייט צו רייצען זיינע פיינד. ער איז אוועק צו אַנטיוכוס׳ען, האָט אויסגערעדט פאַר איהם אויף דאָס יודישע פאָלק, וואָס אין קאָרט שטעהט; געזאָגט, אַז די יודען האַסען אַלע מענשען, אַלע פעלקער און נאָך מעהר די גריכען און זייער קולטור. דער איינציגער מיטעל — האָט ער געזאָגט — איז, אַז מען זאָל בעפעהלען די יודען צו פערלאָזען זייערע אַלטע זיטען און גלויבען און צווינגען זיי מיט גוואלד צו לעבען אויפ׳ן גריכישען און רוימישען שטייגער. אַנטיוכוס האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט דעם פּלאַן. די ערשטע זאַך האָט מען געדאַרפט פטור ווערען פון דעם כהן-גדול. די העלעניסטען זענען אריין אין אַ פערבינדונג מיט זיין אינגערן ברודער, יאַזאָן (יודיש: ישוע), וועלכער איז אויך געווען אַ העלעניסט און מיט זיין כאַראַקטער, זיטען און שטרעבונגען, העגליך צו מענעלאוס. יאַזאָן האָט אויסגעדונגען ביים קעניג דעם טיטול „כהן-גדול״ און איז געוואָרען אויף זיין פּלאַץ. חוניו האָט מען געטויט.

VIII

דאָס לאַנד יהודה אין בלוט און פערצווייפלונג.

די ערמאָרדונג פון דעם כהן גדול חוניו איז געווען אַזוי נידערטרעכטיג, אַזוי פערברעכעריש, אַז אפילו דער קעניג אַנטיוכוס אַליין איז געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט, ווען ער האָט דאָס דערהערט. חוניו האָט זיך אויפגעהאַלטען אין אַנ-טיאָכיא, אַ גריכישע שטאָט אין סיריען, וואו עס איז געשטאַנען

דער טעמפעל פון דעם גריכישען גאָט אפּאָלאָ. ער איז אהינצו אַנטלאָפען, נאָכדעם ווי מען האָט איהם אראָבגעזעצט פון זיין כהונה, כדי צו זיין זיכער פאר זיינע פיינד. א טעמפעל־שטאָט, איז, ווי ביי יודען, אזוי אויך ביי אַלע פעלקער, געוועז אַ״,,עיר מקלט״, אַשטאָט וואוהין מען פלעגט אַנטלויפען פון פערפאָלגונג. דאָרטען האָט מען ניט געטאָרט דרג׳ענען, און די זיטע איז געוועזן הייליג פאר אַלעמען.

חוניו אין זיין פּאַרטיי האָבען אָבער ניט געקענט צוזעהן, וואָס יאזאָן און מענעלאוס האָבען צעטאָן אין ירושלים. אין גיכען איז אַרויסגעקומען צווישען אָט די ביידע א קאַמפּף. מענעלאוס איז ניט געוועזן דער מאַן, וואָס זאָל קענען פערליידען ווי אַנ׳אַנדערער הערשעוועט און ניט ער. אמאָל האָט יאזאָן דורך איהם געשיקט צינז צו אַנטיוכוס׳ן, האָט ער דורך פערשיידענע אינטריגעס און דערהויפּט דורך גילדענע בערג, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם קעניג, אַרויסגעקראָגען ביי איהם א פּאַפּיער, וואָס האָט איהם בעשטעטיגט פאר כהן גדול אויף יאזאָנ׳ס פּלאַץ. דאָס איז געוועזן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט געהערט געוואָרען. ווייל יאזאָן איז דאָך געוועזן פון די כהנים׳ס משפחה, און מענעלאוס איז גאָר קיין כהן ניט געוועזן. ער האָט אָבער איינגערעדט דעם קעניג, אַז ער שפּיעלט ביי יודען זעהר א גרויסע ראָליע, און דערהויפּט, האָט ער איהם צוגעזאָגט אויסצוראָמען אַלע יודישע זיטען אין דער לאַנד יהודה, און מאַכען אַז די יודען זאָלען זיך אַלע צומישען מיט די גריכען.

די אויפרעגונג געגען איהם איז געוואָרען זעהר גרויס, אָבער צו אַנ׳אָפענעם קאַמפף איז נאָך דערווייל אַלץ ניט געקומען. דערווייל איז אוועק א געוויסע צייט און מענעלאוס האָט ניט געהאַט פון וואַנען צו נעהמען די אוצרות גאָלד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אַנטיוכוס׳ן. דער קעניג איז געוואָרען אין

בעס. מענעלאוס האָט זיך דערשראָקען און האָט ארויסגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט געקאָנט בעקומען פון בית המקדש, פערשאַכערט דאָס צו די פינקי'אַנער סוחרים און אוועק געפיהרט דאָס גאָלד צום קעניג. דער קעניג אַליין איז דאַמאָלס אין דער הויפט-שטאָט ניט געווען. האָט ביי איהם צוגענומען דאָס געלד אַנדראָניקוס, אַ קעניגליכער בע־אַמטער, וואָס האָט פערטראָטען דערווייליג דעם קעניגס פלאַץ.

ריהרען די נעפעס פון אַ טעמפעל איז אָבער געווען אַ פערברעך ביי אַלע אַלטע פעלקער. חוניו האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען שרייען און קלאָגען זיך. דאַן האָט מענעלאוס זיך צונויפגערעדט מיט אַנדראָניקוס. דער האָט מיט אַ קונץ ארויסגענאַרט דעם אַלטען כהן גדול פון שטאָט, און אויסער שטאָט האָט ער איהם ערמאָרדעט. דאָס האָט געמאַכט, ווי אויבען איז דערמאָנט, אין אַנטיוכיא אַ מורא'דיגען רעש. אַי יודען, אַי גריכען האָבען געפאָדערט ראַכע פאַר אָט דער אונערהערטער רציחה, און אַנטיוכוס האָט אַנדראָניקוס געטויט.

מענעלאוס האָט געזעהען אַז ער האַלט שלעכט, האָט ער געהייסען זיין ברודער ליזימאַכוס, וועלכען ער האָט געלאָזען אויף זיין פלאַץ אין ירושלים, בעראַבעווען אַלץ, וואָס איז נאָך געבליבען אין בית המקדש און צושיקען איהם. ער האָט געוואוסט אַז מיט געלד וועט ער מאַכען ביי אַנטיוכוס'ן אַלץ. דאָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגען שטורם אין ירושלים גופא און ווייט ארום. טויזענדער מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען אין ירושלים אָבצורעכענען זיך מיט די פערברעכער. ליזימאַכוס האָט אַ קוק געטאָן, אַז דאָס פאָלק וואַקסט מורא'דיג, האָט ער אויפגעקליבען איינינגע טויזענד מאַן פון זיין פאַרטיי און געוואָלט אַ וואָרף טון זיך אויף די „בונטאָווּשטשיקעס". אָבער די רעוואָלוציאָנערע מאַסען האָבען זיך ניט דערשראָקען.

עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער פייער פון דער רעוואָלוציע. מיט שטיינער, אייזענס און הויפענס ערד האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף די באַנדיטען און האָבן אַ סך פון זיי צוהרג׳עט. די איבריגע זענען אַנטלאָפען. ליזימאַכוס, מענעלאוס ברודער, האָבן זיי געטויט אויפ׳ן אָרט אין דעם אַנגעזיכט פון טעמפעל.

דאַן האָט דאָס פאָלק געשיקט דריי פאָרשטעהער, אַלטע לייט, קלאָגען זיך פאַר דעם קעניג אויף די מערדעריי פון מענעלאוס. אָבער דער איז זיי פערלאָפען דעם וועג. מיט זיין גלאַטען צונג און גרויסען „כּאָבאַר״ האָט ער אונטערגע־קויפט די גרויסע לייט, וואָס זענען אַרום קעניג. די יודישע פאָרשטעהער האָט אַנטיוכוס גע׳הרג׳עט. מענעלאוס איז גע־וואָרען נאָך תקיפ׳ער, און האָט זיך גענומען נוקם זיין אָן זיינע פיינד ווי אַ ווילדע חיה.

אין קורצען איז אויסגעבראָכען נאָך אַ מורא׳דיגע בלוט־שלאַכט אין ירושלים. דאס מאָל צווישען יאזאָן און מענעלאוס. יאזאָן איז אַנטלאָפען צום מלך עמון און איז דאָרטען געווען די גאַנצע צייט, וואָס מענעלאוס האָט געהערשעוועט אין יהודה. באַלד איז אָבער אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען סיריען און עגיפטען. אַנטיוכוס האָט אין עגיפטען אָנגעמאַכט אינטריגעס און עס געוואָלט איינשלינגען שטרעבענדיג צו ווערען דער איינציגער הערשער אין גאַנץ אַזיען און אפריקא. די מלחמה האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, ווייל רוים האָט זיך ארייג־געמישט און „ארויפגעלעגט דעם פינגער אויפ׳ן נאָז״.

די יודען האָבען מיט דער גרעסטער אויפרעגונג געוואַרט אויף דעם סוף פון דעם קריעג. זיי האָבען געוואוסט אַז אויב מצרים וועט זיעגען וועט קומען אַ סוף צו אַלע זייערע צרות פון דעם פערדעטער מענעלאוס. אַלע וואָס זענען געבליבען טריי דעם אַלטען גלויבען און די אַלטע זיטען, פלעגען

אַנטלויפען אין מצרים, און די פּטאָלאָמעער, די עגיפּטישע קעניגען האבען זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך און געגעבען זיי שוץ.

פלוצלונג, מען ווייסט ניט ווי אזוי און פון וואנען — איז ארויס אַ קלאַנג, אַז אַנטיוכוס איז גע'הרג'עט געווארען אין קריעג. אין דעם לאַנד יהודה איז געוואָרען שמחה וששון. יאזאן איז באלד אָנגעקומען מיט אַ מחנה פון טויזענד מאַן. ער האָט נאָך געהאַט אין יהודה אַ סך אָנהענגער. עס איז אויסגעבראָכען אַ פערצווייפעלטער קאַמפף אין די גאַסען פון ירושלים צווישען ביידע אַריסטאָקראַטישע פאַרטייען. מענעלאוס האָט זיך בע־האַלטען אין אַקראַ, די שטאַרקסטע אינעוועניגסטע פעסטונג פון ירושלים.

אַנטיוכוס איז אָבער ניט געשטאָרבען. ער האָט דער־הערט, וואָס עס טוט זיך אין ירושלים, האָט ער בעשלאָסען אויסצוגיסען זיין גאַנצען כעס אויף דאָס יודישע פאָלק. ער איז פלוצלונג אָנגעפאַלען אויף ירושלים און האָט זי איינגענומען מיט שטורם. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך געגאָסען אָהן אויפהער טייכען בלוט אין דער יודישער הויפּט־שטאָט. מענער און פרויען, אַלט און יונג, קינדער פון ברוסט האָט מען גע־שאָכטען. מען האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען פריינד און פיינד. די גריכישע סאָלדאַטען האָבען אזוי געבור־שעוועט, ביז זיי זענען פערמאַטערט געוואָרען שניידענדיג און ראַבעווענדיג. טויזענדער האָט מען פערקויפט פאַר קנעכט. אַנטיוכוס אַליין איז אַריין אין „קדשי קדשים" און האָט צוגעצ־נומען אַלץ, וואָס דאָרטען איז געבליבען. מענעלאוס איז געגאַנגען פאָראויס און געוויזען דעם וועג.

נאָכדעם האָט אַנטיוכוס געפיהרט נאָך אַמאָל קריעג מיט מצרים, אָבער דאָס מאָל האָט ער געהאַט נאָך אַ גרעסערע

מפלה ווי פריהער. ער איז געוואָרען ווילד פון פערדרוס און דעם גאַנצען כעס האָט ער ווידער אויסגעלאָזען צו דעם לאַנד יהודה. מענעלאוס האָט צוגעגעבען פייער און געדראָהט מיט דער יודישער רעוואלוציע. ער האָט איהם געמאָלט די יודען אלס אַ פאָלק פון רעוואלוציאָנערען, בעזאָנדעס די „חסידים-פּאַרטיי" — די איסעער. דער איינציגער מיטעל, האָט ער געזאָגט, איז וואָס גיכער אומצואוואַנדלען די יודען אין גריכען.

אויף דעם ראָט פון מענעלאוס האָט אנטיוכוס ארויס־געשיקט קוריערען מיט בריעף אין אַלע שטעט פון יהודה. אין די בריעף האָט ער שטרענג פערזאָגט: קיינע קרבנות ניט צו ברייננען אין בית המקדש דעם יודישען גאָט. קיינע שבתים און ימים טובים ניט צו האַלטען נאָכ'ן יודישען געזעץ; ניט מל זיין קיין זוהן, עסען חזיר און אַלערליי חיות, וואָס יודען האָבען געהאַלטען פאַר אונריין. און די זעלבע אונריינע חיות און חזרים איבערהויפּט זאָלען זיי מקריב זיי' אויפן מזבח אין בית המקדש, זיך אַליין אויף פּוקענים.

דעם אָנהויב האָט מען געמאַכט פון בית המקדש. מען האָט מקריב געווען אויפ'ן מזבח אַ חזיר און פאַר אַלעמען אין די אויגען געגעבען זיין פלייש עסען מענעלאוס און זיינע פריינד. די ספר תורה האָט מען ארויסגענומען פון קדשי קדשים און מען האָט זי פערברענט. אין טעמפּעל האָט מען אריינגעשטעלט אַנ'אָבגאָט, די סטאטוע פון דעם גריכישען גאָט „יופּיטער" אין אַ נאָמען געגעבען דעם טעמפּען „יופּיטער אָלימפּוס".

פון ירושלים איז מען אוועק אין אַלע שטעטלעך און דערפער און איינגעפיהרט דאָרטען דאָס זעלבע. דער וואָס האָט ניט געפאָלגט האָט מען איהם בעשטראָפט מיט'ן טויט. פיעלע האָבען זיך געשראָקען פאַרן טויט און האָבען זיך געבוקט צו די געצען און געטאָן אַלץ וואָס מען האָט זיי געהייסען. דאָך

גרויס איז געווען אויך די צאָהל פון די, וואָס האבען בעשלאָסען צו שטארבען פאר׳ן גלויבען. א סך ריהרענדע הערצגרייפענדע לעגענדעס זענען איבערגעבליבען פון יענער צייט. די בעריהמ־טעסטע זענען וועגען דעם 70 יעהריגען גרייז אלעזר, וועלכער האָט מיט פרייד אויסגעשטרעקט זיין האלז צום חלף פון דעם מערדער, און פון חנה מיט איהרע זיבען זיהן, וועלכע זי האָט, פון דעם גרעסטען ביז דעם קלענסטען דריי יעהריגען קינד, מיט פייערדיגע רעדען אויפגעמונטערט צו בעגעגנען דעם טויט מיט שמחה און ניט בלייבען אונטריי דעם גלויבען פון די פאטערס. דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע, פון די טיעפסטע און הערצרייסענדסטע לעגענדען, וואָס דאָס מארטירערטום פאר אנ׳אידעע האָט ווען עס איז געשאפען.

IX

די רעוואלוציע און די חשמונאים.

„א שלייער פון טרויער האָט בעדעקט ירושלים; א פינסטערע אימה איז אָנגעפאלען אויף אלע איהרע איינוואהנער. שאנדע האט בעדעקט יעקב׳ס קינד און א גרויסער קלאָג האט זיך געהערט אומעטום. וואו די קינדער ישראל׳ס זענען געזעסען, פירשטען און אלטע לייט האָבען געזיפצט. בחורים און מיידלעך זענען פערפינסטערט געווארען פון טרעהרען. אנשטאט חתונה־ליעדער האָבען געיאָמערט קלאָגען און געשרייען, אנשטאט חופה־קליידער האָט מען געטראגען זעק מיט אש; קלאג און געוויין איז פול געווען אומעטום אין יעקב׳ס הויז״.

אזוי ווערט בעשריבען אין דעם בוך „חשמונאים״ דער צושטאנד פונ׳ם יודישען פאלק אין יענער פינסטערער צייט. די בעסטע מענשען האבען בעשלאסען צו שטארבען פאר זייערע אידעען און גלויבען. זיי זענען געגאנגען צום טויט, ווי צום

טאַניץ. טויזענדער מענער און פרויען פון דער „חסידים־פּאַרטיי“ איז געלונגען צו אַנטלויפען פון ירושלים און בעהאַלטען זיך מיט זייערע ווייבער און קליינע קינדער אין די היילען פון די אַרומיגע בערג. מען האָט דאָס באַלד דערלאַנגט פיליפּאָס דעם פיהרער פון דער סירישער אַרמעע, איז ער געקומען אַהין מיט זיין חיל אום שבת, און האָט בעלאַגערט די הייל, וואו די טויזענד מאַן האָבען זיך בעהאַלטען. ער האָט זיי געשיקט זאָגען, אַז אויב זיי ווילען אַרויס און טאָן דעם ווילען פון דעם קיסר וועט מען זיי גאָר נישט אָנריהרען. דערויף האָבען אַלע פון הייל געענטפערט וויאיין מאַן: „מיר ווילען ניט אַרויס; דעם קיסר׳ס ווילען וועלען מיר ניט טאָן און דעם שבת וועלען מיר ניט פערשוועכען“. דאַן האָט זיך פיליפּאָס אַ וואָרף געטאָן אויף זיי מיט זיינע לייט און אויסגעשאָכטען אַלעמען ביז איינעם. די געשלאַכטעטע האָבען געקוקט זייערע מערדער גלייך אין די אויגען מיט שטאָלצען און פעסטען מוט. קיינער פון זיי האָט אַ שטיין אָדער אַ האָלץ ניט גענומען אין האַנד צו פערשפּאַרען די הייל פאַר דער גריכישער מיליטער. זיי האָבען נאָר געשריען צו זייערע פייניגער, אַז זיי שטאַרבען אונשולדיג און הימעל און ערד זענען עדות אַז מען מאָרדעט זיי אומזיסט.

אַזוי זענען אומגעקומען די בעסטע מענער פון דער יודישער נאַציאָן. דאָס האָט געבראַכט דאָס לאַנד אין פערצווייפלונג, דער מוט איז נאָך טיעפער געזונקען. עס האָט געשיינט אַז עס זענען געקומען די לעצטע טעג פאַר יהודה, אַז דאָס יודישע פאָלק געהט אינגאַנצען פערלאָרען און וועט אויסגעמעקט ווערן פון דער ערד.

די גריכען און די יודישע פעררעטער האָבען טריאומפירט. זייער פּלאַן איז זיי שוין כמעט אינגאַנצען געלונגען. נאָך איין פונקט איז געבליבען, וועלכע מען האָט נאָך געדאַרפט בעצווינגען,

דאָן וועט שוין קיינער ניט שטעהן אין וועג.

אין מודעים, אַ קליין שטעטעלע, עטליכע מייל ווייט פון ירושלים זענען נאָך געבליבען אַ טייל פון דער חסידים־פּאַרטיי. מתתיהו הכהן און זיינע פינף זיהן האָבען אָפּען דאָרט געהאַלטען זיך פעסט אָן דעם אַלטען גלויבען און אויף קיין זאַך ניט נעקוקט. דאָס איז געווען אַן׳אַלטע פאַרנעהמע פאַמיליע, וואָס האָט אַמאָל געשפּיעלט אַ ראָלע אין ירושלים און יעצט האָט זי געלעבט דאָ שטיל און רוהיג, און האָט, ווי עס האָט געשיינט, וועניג געמישט זיך אין דעם קאַמפּף וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער הויפּט־שטאָט. דורך זייערע גייסטיגע און מאָראַלישע אייגענ־שאַפטען, האָבען די לייט פון אָט דער פאַמיליע גענאָסען גרויס אַכטונג ביי זיך אין שטעטעל און זענען דאָרט געווען די אָנ־געזעהענסטע פערזאָנען.

אַ צייט זענען זיי געזעסען בעהאַלטען גלייך מיט אַלעמען אין די אַרומיגע היילען; זענען, ווי עס שיינט, אויך געווען בעשלאָסען צו בעגעגענען דעם טויט גלייך מיט זייערע פער־פייניגטע ברידער און שוועסטער און אַנדערע ערטער. דאָך, פּלוצלונג האָט אין זיי ערוואַכט אַ העלדישער מוט — ניט צו שטאַרבען, נאָר צו לעבען, צו קעמפּפען פאַר זייערע נאַציאָנאַלע געפיהלען און געדאַנקען. אַ פייער פון ראַכע האָט אין זיי ער־וואַכט און — זיי האָבען בעשלאָסען: אויב שטאַרבען, זאָלען זיי וועניגסטעס נוקם זיין זיך אָן זייערע בלוטיגע פיינד.

עס איז מעגליך, אַז וועגען אַן׳אָפענער, אָרגאַניזירטער רעוואָלוציע, וועגען ערוועַרבען צוריק די אַמאָליגע פּאָליטישע פרייהייט האָט מתתיהו לכתחילה ניט געקלערט. די אַרומיגע אומשטענדען האָבען ניט געקאָנט אַריינגעבען דערצו דעם נויטיגען מוט. זיין מאָרדען דעם פעררעטער, וועלכער האָט אויף דעם בעפעהל פון אַפּעלעס, דעם קעניגליכען בעאַמטען,

מתתיהו אויף פוקענעס, געקוילעט א חזיר אויפ'ן מזבח, איז געווען א נאטירליכער פראטעסט פון א מאן מיט אזא שטארקען גייסט און פעסטען מאראלישען כאראקטער ווי מתתיהו. אבער אט די האנדלונג האט גאנץ אונערווארטעט אנגעצונדען דעם שלומערנדען פייער, אויפגעבלאזען דעם שטורעם פון רעוואלוציע אנשטאט דעם בעשלום צו שטארבען פאר'ן גלויבען האבען זיך אנגעהויבען צו הערען קולות: טויט און ראכע די מערדער און פעררעטער! קעמפפט פאר דאס פאלק און זיין פרייהייט!

מתתיהו איז שוין געווען אלט, ווען ער האט אויף זיך גענומען די אנפיהרונג פון דער רעוואלוציע. ער האט אבער ניט געקוקט אויף זיינע יאהרען און אויף זיינע קרעפטען, און האט געקעמפפט ווי א לייב געגען די גריכישע טרופען. אין אפענעם קריעג איז נאך געווען אונמעגליך ארויסצוטרעטען געגען זיי. ער פלעגט אויף זיי אנפאלען פלוצלונג, האסטיג ווי א בליץ און מאכען א תל פון די גריכישע מחנות, וואס זענען געווען פיעל גרעסער פון זיינע קליינע הייפלעך מענשען. די אנשטרענגונג איז געווען זעהר אפט און שטארק און אין א קורצע צייט האבען איהם זיינע כוחות איינגאנצען פערלאזען. מתתיהו האט גע־פיהלט אז ער האלט ביים שטארבען. דערווייל איז די לאגע געווען זעהר און זעהר ערנסט. די גריכען זענען נאך גאר ניט געווען צוגעגרייט צו אזא ענטפער. וואס די „אונדאנקבארע" יודען האבען פלוצלונג געגעבען אויף אנטיוכוס'ס פלאן צו פערוואנדלען דאס קליינע יודישע פעלקעלע אין א טייל פון דעם „גרויסען" גריכישען פאלק. נאר קליינע גרופען האבען זיי דער־ווײלע געקענט ארויסשטעלען און אט די גרופען האבען די יודישע פערצווייפעלטע הייפעלעך געקאנט בעזיעגען מיט זייער איםפעט און האסטיגען אנגעלאף. אבער מתתיהו האט געוואוסט, אז אנטקעגען די די דאזיגע הייפעלעך זענען די גריכען מורא'דיג

שטאַרק, ווען זיי זאָלען באַלד אַרויס מיט אַנ׳אָרגאַניזירטער מאַכט. אין מודעים און אין די אַרומיגע דערפער און שכנישע שטעטלעך איז געווען אַ שטילקייט פאַר אַ שטורם, וואָס זיין גלייכען איז שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען אין דעם לאַנד יהודה. מען האָט ערוואַרט פון טאָג צו טאָג דאָס אָנקומען פון אַגרויסע סירישער מחנה. געגען אָט דער מחנה איז געווען אונמעגליך צו קעמפפען מיט ניט אָרגאַניזירטע, צושאָטענע הייפלעך. זיי מעגען בעשטעהן דער ווייסט ווי מוטיגע העלדען. מתתיהו האָט אַלזאָ פאַר זיין טויט צונויפגעקליבען אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטען, האָט איבערגעגעבען די אָנפיהרונג איבער זיי צו זיינע קינדער. וועלכע זענען געווען אַלע גרויסע העלדען. אַלע גרייט צו קעמפפען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט פאַר זייער פאָלק און פרייהייט, אָבער די פעהיגסטע, די טאַלאַנטפולסטע צו פיהרען דאָס פאָלק אין קריעג, ווי אויך אין פריעדען זענען געווען יהודה און שמעון. יהודה, אָדער, ווי ער האָט געהייסען מיט זיין צווייטען נאָמען, יהודה המכבי, האָט ער איבערגעגעבען די אָנפיהרונג פון די רעוואָלוציאָנערען אין דעם גרויסען קאַמפּף, וואָס שטעהט זיי פאַר; און שמעון, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיין שטרענג אויסגעאַרבעטעטן שטאַרקען פערשטאַנד, האָט בעקומען דעם אויפטראַג צו אָרדנען אַלע איבריגע אינטערעסען פון פאָלק.

ווי שווער עס איז געווען דעם אַלטען העלד צו שיידען זיך מיט׳ן לעבען יעצט, ווען אַזאַ גרויסאַרטיגער, וואונדער־שענער פּלאַן פון האָפנונג האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַקערט פאַר זיין טייערן, הייס־געליעבטען פאָלק, האָט ער דאָך געקאָנט שטאַרבען רוהיג. ער האָט געקאָנט שטאַרבען רוהיג, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אַנשטאַט איהם איינעם האָט ער איבערגעלאָזען זיין פאָלק פינף העלדען, פינף ריעזער־העלדען,

וועלכע זענען פעהיג צו פיהרען ווייטער די גרויסע זאך פון בעפרייאונג, פאר וועלכע ער האט געלעבט און פאר וועלכע ער שטארבט יעצט. דאך מעהר ווי מיט אלעמען איז ער געווען שטאלץ און זיכער מיט יהודה׳ן, יהודה המכבי.

אז מתתיהו איז געשטארבען האט נאך איהם דאס גאנצע פאלק ביטער געקלאגט און געטרויערט, אבער דאס זענען שוין ניט געווען יענע טרערען, וואס האבען זיך ניט לאנג געגאסען אין דעם לאנד יהודה -- טרערען פון נידערגעשלאגענהייט און פערצווייפלונג. פאר זיין טויט האט מתתיהו געהאלטען זיינע זיהן און דעם פאלק א הייסע, בעגייסטערנדע רעדע, מיט וועלכע ער האט זיי אויפגעפאדערט צו פיהרען ווייטער מיט דעם זעלבען מוט און גייסט דעם גרויסען קאמפף, ביז דאס פאלק וועט ניט ווערען פריי פון די טיראנען. מתתיהו איז געשטארבען, אבער דאס פאלק האט געוואוסט, געפיהלט, אז זיין גייסט איז געבליעבען מיט זיי אין דער פערזאן פון זיינע קינדער, אין יעדען געשריי מיט וועלבען זיי האבען געשטורמט דעם פיינד: פאר דאס פאלק און זיין פרייהייט!

X

יהודה המכבי.

„צו א לעמפערט אין וואלד איז ער גלייך, צו אנגעפעהר־ליבען ברומענדען לייב, ווען ער יאגט זיך מיט וואוטיגען צארן נאך די בלוטיגע פיינד פון זיין פאלק -- אבער צערטליך און ווייך ווי א טויב איז ער, ווייך און גרויסמוטיג און די צייטען פון פריעד...״ אזוי שילדערט דעם גרויסען, דעם גרעסטען העלד פון דער יודישער געשיכטע, דאס אלטע בוך „חשמונאים״. אין אט דעם בוך, ווי אויך אין די אנדערע עהנליכע אלטע ביכער

פון יענער צייט ווערען דערצעהלט מאנכע שענע וואונדער־
געשיכטען וועגען יודישע העלדען און גרויסע מענער, אָבער
— מערקווירדיג! איבער אַט דעם העלד פון אַלע יודישע העלדען,
איבער יהודה המכבי איז ערגעץ ניטאָ איין לעגענדע. אַלץ
וואָס ווערט פון איהם דערצעהלט, איז אזוי מענשליך שטארק
און שען, אזוי נאַטירליך און דאָך העלדיש־איבערראַשענד און
וואונדערפאָל! פיעלייכט זענען ניט געבליבען קיין לעגענדען
דערפאַר, וואָס יהודה, ביי זיין גאנצער גרויסקייט, ערהאַבענקייט
און העלדענמוט, איז ער קיינמאָל ניט געשטאַנען העכער פאַר'ן
פאָלק; מיט איהם צוזאַמען איז ער געווען אין פרייד און אין
לייד, מיט איהם געקעמפפט און געלעבט. יעדער שריט פון זיין
גרויסען הערליכען קאַמפף איז געווען אָפען פאַר אַלעמען אין די
אויגען. זיין ערשטער אויפרוף צום קאַמפף איז געווען: „פער־
טרויט אויף גאָט — אָבער טוט אַליין אַלץ, וואָס איהר קענט
נאָר צו רעטען אייער פאָלק!"

דער יונגער העלד האָט נאָך מעהר בעגייסטערט די
רעוואָלוציאָנערען מיט זיין ענטשלאָסענהייט, ווי זיין פאָטער.
עס האָבען זיך גענומען ציהען צו די חשמונאים אַלץ מעהר און
מעהר קעמפפער, וואָס זענען געווען גרייט מיט זיי צו קעמפפען
און צו שטאַרבען פאַר דער פרייהייט. די ערשטע צייט נאָך
מתתיהו'ס טויט האָט יהודה געטאָן ווי זיין פאָטער: ער פלעגט
אויסמיידען אָפענעם קריעג; פלעגט פלוצלונג ארויס פון די
בערג מיט זיינע גרופען און אָנפאַלען אויף די גריכישע חיל
אונגעריכטערהייט, האַסטיג, שטורמדיג, און פלעגט זיי אויס'הרג־
ענען, אָדער פעריאָגען. אזוי האָט ער ריין געמאַכט אַ סך יודישע
שטעטלעך פון די גריכישע גאַרניזאָנען, און האָט זיך געוואונען
אַלץ מעהר פרייען פלאַץ. וואוהין ער איז געקומען, האָבען
דאָרטען די יודען פריי אויפגעאָטעמט. עס איז געוואָרען שמחה

וששון. די פעררעטער האָט ער געטויט. די שוואַכע, שרעקעדיגע, וואָס האָבען זיך געווינט אהין און אהער, האָט ער אויפגעמונ־טערט מיט זיינע קלוגע, פריינדליכע און בעגייסטערנדע רייד. אזוי איז געוואָרען די צאָהל פון זיינע אָנהענגער אימער גרעסער און גרעסער. זאָגאר פון די „העלעניסטען" פון די גריכען נאָכמאַכער — זענען אַ סך געקומען צו איהם און געשטעלט זיך אין די רייהען פון די קעמפפער.

יעצט, אַז ארום איהם איז שוין געשטאַנען אַ היבשע אָרגאַניזירטע מאַכט פון אייניגע טויזענד מאַן, האָט יהודה המכבי זיך שוין געפיהלט אין שטאַנד ארויסצוטרעטען אין אַנ׳אָפענעם קאַמפף מיט אַפּאָלאָניאָס, דער שטעלפערטרעטער פון אנטיוכוס אין פּאַלעסטינע, און האָט אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען זיעג, כאָטש די גריכען זענען געוועזען צעהן מאָל אזוי פיעל, ווי יהודה׳ס חיל.

אָט דער זיעג האָט געהאַט זעהר אַ וויכטיגע בעדייטונג אי פאַר די קעמפפער אַליין, אי פאַר דאָס גאַנצע פאָלק. ער האָט אויפגעמונטערט אַלע געדריקטע און שוואַכע געמיטער. די האָפנונגען זענען געוואָרען נאָך שטאַרקער, נאָך דרייסטער, דער נאָמען פון די חשמונאים, און נאָך מעהר — פון יהודה חמכבי, איז געוואָרען גרויס איננאַנצען לאַנד יהודה.

יעצט איז זיי פאָרגעשטאַנען נאָך אַ גרעסערער קאַמפף, מיט אַ גרעסערער מאַכט. סיראָן דער קעניגליכער פערוואַלטער איבער גאַנץ סיריען האָט צונויפגעקליבען אַנ׳אומגעהויערע מחנה און האָט זיך געלאָזען אויף יהודה אָבצורעכענען זיך מיט די רעוואָלוציאָנערען קורץ און שאַרף. אָבער יהודה האָט זיין אַרמעע אזוי צושלאָגען, ווי די חיל פון אַפּאָלאָניוס. סיראָן איז קוים אנטלאָפען מיט אַ הייפעל מענשען.

אנטיוכוס האָט דערהערט די שרעקליכע מפלה פון

זיינע צוויי גענעראַלען מיט זייערע אַרמעען איז ער געוואָרען אויסער זיך פאַר צאָרן. ער האָט קוים געגלויבט זיינע אויערען. א רעוואלוציע אין דעם לאַנד יהודה! צוויי אַרמעען זיינע צעשלאָגען, און פון וועמען? פון די יודען, אָט דעם פערהאַסטען פאָלק, וואָס ער האָט געהאַלטען אזוי קליין און נידעריג! יעצט האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען מאַכען זיי פאַר גריכען. טויט זיי אַלעמען!—האָט ער בעשלאָסען,—אַלעמען אָהן אַנ׳אויסנאַהם: די העלעניסטען, די יודישע איבערלויפער און שמייכלער האָט ער אויך אזוי געהאַסט, ווי אַלע יודען, ווי ל זיי זענען דאָך פון זעלבען שטאַם. און ער האָט געוואָלט דעם גאַנצען יודישען שטאַם אויסראָטען פון וואָרצעל.

און גראַדע צו יענער צייט האָט אַנטיוכוס געהאַט שטאַרקע קלעפּ נאָך פון פערשיידענע זייטען. דריי גרויסע לענדער האָבען זיך פון איהם אָבגעוואָרפען: פּראַטיען, אַרמעניען און פינקיען האָבען צעבראָכען זייער יאָך און ניט געוואָלט מעהר צאָהלען איהם קיין צינז. דאָס איז געוועזען נאָך פיעל געפעהרליכער, ווי די רעוואלוציע אין דעם קליינעם לאַנד יהודה. אום צו ראַטעווען זיין מאַכט האָט ער געמוזט פריהער פאַר אַלץ לאָזען זיך אַהין, צו די דאָזיגע פעלקער און אָנטאָן זיי צוריק די צוים, אין יהודה,—האָט ער גערעכענט,—איז גענוג צו שיקען איינעם פון זיינע קריעגס-פיהרער מיט א גרעסערע מאַכט אום צו מאַכען דאָרטען א סוף צו דער רעוואלוציע.

די גרעסטע שוויריגקייט איז געוועזען אין געלד, אויסצוהאַלטען צוויי גרויסע אַרמעען. אָבער ער האָט מיט דער גרעסטער אָנ-שטרענגונג דאָך געקראָגען פיעל גאָלד און האָט זאָגאַר אויס-געצאָהלט זיין מיליטער פאַר א גאַנצען יאָהר געהאַלט.

אַליין האָט ער זיך געלאָזען מיט א שטאַרקע אַרמעע אין מזרח און צפון אזיען, און אָברעכענען זיך מיט די יודען האָט ער

איבערגעלאָזען ליזיאס, אַ קעניגליכען בעאַמטען, וועלכען ער האָט געלאָזען אויף זיין פּלאַץ אין סיריען און מערב אזיען.

ליזיאס האָט צוזאַמענגענומען אַ מחנה פון פערציג טויזענד מאַן און האָט זיי איינגעטיילט צווישען דריי בעריהמטע גענעראַלען. דער גרעסטער פון זיי איז געווען גאָרגיאַס. צו די גריכען זענען צוגעשטאַנען די אַלטע פיינד פונ׳ם יודישען פאָלק — די פּלשתים, אויך די שומרונים. זיי זענען געווען אַזוי זיכער אין דעם נצחון, אַז זיי האָבען איינגעלאַדען אַ סך שקלאַפען־הענדלער צו פערקויפען זיי די מאַסען יודישע שקלאַפען, וואָס זיי האָבען זיך גערעכנט צו פאַנגען.

די יודען, וואָס האָבען געלעבט אין אַנדערע לענדער ווייט פון ארץ ישראל, האָבען ניט גאַנץ קלאָר געוואוסט, וואָס דאָרטען טוט זיך. פון די חשמונאים האָבען זיי גאָר ניט געהערט. אַז אנטיוכוס׳ם בעפעהל איז ארויס צו פערניכטען אַלע יודען אין אַלע זיינע לענדער, קיין איינציגען ניט געשוינט — איז געוואָרען ביי זיי אַ מורא׳דיגער קלאָג. מען האָט גוזר געווען תעניתים, אָנגעטאָן זעק מיט אש און געריסען די הימלען אין פערצווייפלונג.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אין ארץ ישראל. די צוויי גלענצענדע זיעגען וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָבגעהאַלטען איבער די גריכען, האָבען זיי געגעבען פיעל צוטרויען צו די אייגענע קרעפטען. יהודה המכבי האָט פערזאַמעלט זיינע טרופּען, זעקס טויזענד מאַן, אין מצפה, די אַלטע שטאָט, וואָס נאָך פון אַלטע צייטען האָבען דאָרט פּאַסירט די וויכטיגסטע בעראַטונגען אין לעבען פונ׳ם יודישען פאָלק. איידער ער איז ארויסגעטראָטען מיט זיי אין פעלד, האָט ער, לויט דעם יודישען געזעץ, אויסגערופען: „ווער עס פיהלט זיך שוואַך, ווער עס שרעקט זיך, ווער עס האָט ניט לאַנג גענומען אַ פרוי, אָדער

האָט געפּלאַנצט אַ ווייַנגאָרטען און ניט גענאָסען פון זיינע פרוכט — זאָלען אַלע זיך אומקעהרען צוריק פון לאַגער אַ היים צו זייער פאַמיליע און פעלד״. דאַן האָט ער מיט זיינע גרופּען זיך געלאָזען אין קאַמפף.

אין דיזען קאַמפף האָט יהודה ארויסגעוויזען די גרעסטע קונסט פון אַ קריעגס-פיהרער. ער האָט פריהער גוט קענען געלערנט די פּאָזיציע פון דעם פיינד. זעהר געשיקטע און געוואגטע אויסזעהר האָבען איהם איבערגעגעבען, אַז גאָרגיאַס האָט בעשלאָסען אָנצופאַלען אויף איהם אין דער פריה פלוצלונג. האָט ער דעם גרעסטען טייל פון זיין חיל אוועקגעשיקט הינטער ארום דעם פיינד און אויף דעם פלאַץ געהייסען אָנצינדען גרויסע פלאַקערנדע פאַקעלן. אַז די גריכען זענען אָנגעקומען מיט אַ מורא׳דיגע הוקריי, ליאַרעמריי און טרומפּייטעריי, ווי אויף אַ געוויסען זיעג, האָבען זיי הינטער די פאַקעלן קיינעם ניט געטראָפען. ,,געוויס זענען זיי זיך צולאָפען און בעהאַלטען זיך אין די בערג״,— האָבען געקלערט די גריכישע סאָלדאַטען און געלאָזען זיך ווייטער פערפאָלגען די רעוואָלוציאָנערען. אָבער דיזע זענען אין דערזעלבער צייט אָנגעפאַלען פון הינטען אויף זייער לאַגער און אָנגעצונדען איהם. די פערפאָלגער האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהענדיג זייער לאַגער אין פלאַמען, זענען זיי געוואָרען צעשראָקען און אַנטלאָפען. אזוי איז געבליבען אין יהודה׳ס הענד דער גאַנצער סירישער לאַגער מיט די אוצרות גאָלד, וואָס די שקלאַפענהענדלער האָבען פאַר שרעק אויך געלאָזען און אַנטלאָפען. ווי אַ בליץ האָט זיך פערשפּרייט די נאַכריכט פון אָט דעם זיעג איבערן לאַנד און דאָס גאַנצע יודישע פאָלק האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז דער אייזערנער סירישער יאָך איז געבראָכען, דאָס לאַנד יהודה שטעהט פאַר אַ נייער פרייער צוקונפט, פון וועלכער זיי האָבען קוים געטרוימט.

יהודה מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע גרופּען האָבען זיך געלאָזט מאַרשירען מיט זיעגעס-טרומפּייטען און געזאַנגען צוריק אין זיין שטעטעל מודעים.

XI

דאָס לאַנד יהודה פריי.

מיט גרויס פּאַראַד איז איצט יהודה אריין מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע גרופּען אין ירושלים. מען האָט ארויסגעוואָרפען פון טעמפּעל אַלע אָבגעטער, צעשמעטערט די מזבחות, וואָס אַנטיוכוס האָט דאָרט געלאָזט בויען, פאַרטריבען די געצען־פּריעסטער, און אין אַ קורצע צייט האָט דער בית המקדש ווידער בעקומען זיין פריהערדיגען אויסזעהן. אַלעס וואָס איז געווען צעשטערט און צעבראָכען האָט מען ווידער אויפגעבויט. דעם 25־טען טאָג אין כסלו, גראָד דעם טאָג, ווען עס איז געווען אַ גרויסער גריכישער יום־טוב לכבוד דעם גאָט אַפּאלאָ, האָט מען געפייערט „חנוכת הבית" מיט פּויקען, טראָמפּייטען, געזאַנגען און גרויסע צערמאָניען. אכט טאָג האָט געדויערט דער יום־טוב אין יהודה, דאָס גאַנצע פאָלק האָט בעשלאָסען, אַז דער זעלבער יום טוב זאָל געפייערט ווערען יאָהר יעהרליך פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק צום אַנדענקען פון דער גרויסער בעפרייאונג.

די בעפרייאונג איז נאָך אָבער דערווייל געווען מעהר אין מוט, אין גייסט, ווי אין דער ווירקליכקייט. מען האָט זי נאָך געדאַרפט ערקעמפפען, אין אַ קאַמפף איז נאָך פאַרגעשטאַנען אַ מוראַ'דיגער.

דאָס האָט יהודה המכבי גוט געוואוסט, און באַלד נאָכ'ן זיעגעס־פעסט האָט ער זיך גענומען בעפעסטיגען ירושלים. האָט

געבויט נאָך אַנדערע פעסטונגען און הויכע טורעמס און האָט דאָרטען אַריינגעשטעלט שטאַרקע גאַרניזאָנען פון זיינע טרופּען.

ליזיאַס איז נאָך זיין מפּלה אַוועק צוריק אין אַנטיאָכיא, די הויפּט־שטאָט פון סיריען, און געוואָלט אָנקלייבן נאָך אַ גרעסערע מאַכט און לאָזען זיך אויף יהודה. אָבער דאָס איז לייכטער געווען צו זאָגען, ווי צו טון. ער האָט געקראָגען אַזא קלאַפּ, נאָך וועלכען עס איז געווען ניט אַזוי לייכט צו קומען צו זיך.

אַ שרעקליכען איינדרוק האָט געמאַכט ליזיאַס מפּלה אויף אַנטיוכוס׳ען אליין, וועלכער איז דאַן געווען אין טיעף־אַזיען און געמיהט זיך איינצושטילען דאָרטען די בונטען. ער האָט דאָרט אויך ניט גוט אָבגעשניטען, און פון פערצווייפלונג איז דער האלב־אידיאָטישער קיסר איינגאַנצען אַראָב פון זינען און באַלד געשטאָרבען. פאַר׳ן טויט האָט ער בעגאַנגען אַ אונ־זיניגען שריט, וואָס האָט אָנגעמאַכט אין זיין מלוכה גרויסע צרות און האָט גיכער געמאַכט אַ סוף צו דער סירישער הער־שאַפט.

אנשטאָט ליזיאַסען, וועלכען ער האָט געלאָזען אין דער היים, אַלס פיהרער פון דער מלוכה אויף זיין פּלאַץ, און ערציער פון זיין טראָן־יורש, האָט ער בעשטימט זיינעם אַ גענעראַל פיליפּוס. ליזאַס איז איצטער געווען בעשעפטיגט מיט זיינע אייגענע אינטערעסען; ער האָט געציטערט פאַרן קאָנקורענט, און די יודען האָבען געקאָנט אַביסעל אָברוהען און אָנקלייבען כוחות.

אין גיכען האָבען אָבער די רעוואָלוציאָנערן געהאַט אויס־צושטעהן אַ נייעם, אַ מורא׳דיגען קאַמפּף גאָר פון אַן׳אַנדער זייט. דער גרויסער זיעג, וואָס יהודה המכבי האָט אָבגעהאַלטען איבער די גריכען האָט אויפגערודערט אַלע אַרומיגע שכנים פון

דעם לאַנד יהודה. די אַלטע שונאים: עמון און מואב, פּלשתים און אדום האָבען זיך דערשראָקען פאַר דעם וואוקס פון דער יודישער מאכט און האָבען זיך פעראייניגט אַנצופאַלען פון אַלע זייטען אויף דאָס יודישע לאַנד און מאַבען פון איהם א תל..

יהודה האָט צעטיילט די יודישע אַרמעען צווישען זיך און זיינע צוויי ברידער יוחנן און שמעון און זיי האָבען אין א קורצע צייט צעשלאָגען אַלע זייערע פיינד, אז זיי האָבען שוין מעהר א קאָפּ ניט געקענט הויבען.

די אינערליכע פיינד פון די קעמפּפער, די אַריסטאָקראַ־טען, האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר דער וואקסענדער קראַפט פון די רעוואָלוציאָנערען. האָבען זיי יעצט ווידער אַנגעווענדעט אַלע מיטלען אַראָבצוברייננען דעם נייעם סירישען קיסר מיט זיינע אַרמעען אויף דאָס לאַנד יהודה. דאָס וואָס זיי האָבען איהם יעצט געמאָלט איז געווען ניט גאַנץ אויסגעקלערט. דאָס יודישע פאָלק האָט זיך שוין יעצט ניט בענוגענט מיט דער ערוואַרבונג פון גלויבענס־פרייהייט; זיי האָבען געוואָלט אינ־גאַנצען צוברעכען דעם סירישען יאָך. אי אַנטיוכוס אייפּאַטאָר, דער נייער סירישער קיסר, אי זיין ערציהער ליזיאַס האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און געפונען די לאַגע אין יהודה פאַר סיריען געפעהרליך. זיי זענען ביידע טאַקע באַלד אַנגעקומען אין יהודה מיט אַזאַ אונגעהויערע אַרמעע, ווי מען האָט נאָך פריהער אין דעם יודישען לאַנד ניט געזעהען און ניט געהערט: הונדערט טויזענד פוסגעהער און העבער ווי צוואַנציג טויזענד רייטער, דערצו עטליכע און דרייסיג העלפאַנטען.

אין ארץ ישראל איז גראַד דאַמאָלס געווען א יאָהר פון שמיטה; די ערד האָט גערוהט. מען האָט ניט געטאָרט זייען און פלאַנצען און שניידען. עס איז געוואָרען א הונגער. דאָס פאָלק האָט זיך שרעקליך דערשראָקען. די רייהען פון די קעמפּפער

זענען געוואָרען אַלץ שיטערער און שיטערער. אין אַט דעם קריטישען מאָמענט זענען מיט יהודה געבליבען נאָר וועניגע מענשען. אַלץ וואָס מען האָט פריהער ערוואָרבען דורך אַזעלכע פערצווייפעלטע קאַמפּפען האָט געשיינט צו געהן אינגאַנצען פערלאָרען. און דער מורא'דיגער אונגעהייערער פיינד געהט אַלץ נעהענטער. ער האָט שוין איינגענומען די פעסטונג בית־צור, די שטאַרקסטע פעסטונג וואָס יהודה האָט ניט לאַנג געבויט צו פערטיידיגען זיך געגען אדום, — און ער געהט, דער פיינד, אויף ירושלים...

אַ טרויער און פינסטערניס איז ווידער געלעגען אויף דעם לאַנד יהודה און... פּלוצלונג איז געוואָרען העל, ליכטיג. גאַנץ אונערוואַרט איז געוואָרען ליכטיג און פרייד איבערן גאַנ־צען לאַנד יהודה. אַנטיוכוס אייפּאַטאַר איז ניט געגאַנגען ווייטער. מען האָט געשיקט זאָגען יהודה המכבי, אַז דער קיסר וויל פריעדען. די אורזאַכע איז געווען די בשורה, וואָס ליזיאַס האָט דערהערט, אַז פיליפּוס, קומט אָן מיט אַ גרויסע מחנה. ער האָט נאָך געהאַט איבערן קיסר אַ מאַכט און האָט איהם געראַטען צו שליסען שלום מיט יהודה'ן און אומקעהרען זיך צוריק אין סיריען.

דער שלום איז געוואָרען געשלאָסען, און דאָ איז געקומען אַ סוף צום פּעררעטער מענעלאוס, וועלכער האָט זיך נאָך געהאַלטען אין אַ פעסטען טורם אין ירושלים. ליזיאַס האָט געגעבען צו ערקלערען דעם קעניג, וועלכער איז ניט געווען אַזאַ פאַנאַטישער פערשפּרייטער פון דער גריכישער קולטער, ווי זיין פאָטער, אַז די יודען קעמפּפען נאָר אַזוי פערצווייפעלט, ווייל מען שטערט זיי צו לעבען און גלויבען, ווי זיי זענען געוואָהנט, און אַז די רעכטע שולדיגע זענען די יודישע פּעררעטער. אייפּאַ־טאַר האָט צוגענומען מענעלאוס'ן מיט זיך און האָט איהם געטויט.

דאָס פאָלק האָט איצט אויסגעדריקט זיין דאנקבארקייט צו יהודה המכבי דערמיט, וואָס מען האָט איהם געגעבען דעם טיטול כהן גדול און ערקלערט פאר דעם פיהרער פונ'ם פאָלק. יהודה האָט זיך אָבער ווענינ געקימערט וועגען דעם כבוד. ער האָט דעם טיטול ניט געזוכט און האָט פון איהם קיין געברויך ניט געמאכט צו געוועלטיגען איבער דאָס פאָלק.

דאָס לאנד יהודה איז איצט געוועזן פריי, אָבער די פרייהייט איז נאָך אַלץ ניט געוועזן זיכער, כל זמן די סירישע קעניגען זענען געוועזן שטארק. יהודה האָט אָבגערוהט צוויי יאָהר. די צוויי יאָהר האָט ער בענוצט אויף צו בעפעסטיגען ווידער דאָס לאנד אין אויסראמען די פעררעטער. די סירישע מלוכה איז וואָס ווייטער אַלץ שטארקער פערוויקעלט געוואָרען אין אינערליכע מהומות, אין שטרייטיגקייטען איבער דער קרוין. נאָך אמאָל איז די אנטלאָפענע פעררעטער געלונגען אויפצו-וועקען דעם נייעם סירישען קעניג דעמעטריוס צו אַ קריעג. נאָך אמאָל איז אָנגעקומען אַ צאָהללאָזע גריכישע ארמעע אין יהודה. ניקאנאָר דער הויפט-פיהרער פון דער ארמעע, זעהר אַ כיטרער מאַן, האָט גוט געוואוסט, אז כל זמן יהודה לעבט וועט ער ניט קענען בעזיעגען דאָס יודישע פאָלק. האָט ער אָנגעווענדעט אַלערליי קונצען אריינצוקריגען אין פאסטקע דעם גרויסען העלד. איין מאָל איז יהודה שוין גאָר געוועזן אריינגעפאלען, נאָר זיין געניאלע קריעגס-געשיקטקייט האָט איהם געראטעוועט. דאַן האָט דער איבערראשטער גריכישער ארמעע-פיהרער פלוצלונג בעקומען גרויס רעספעקט צום יודישען העלד און ער האָט מיט אַנ'אמת געוואָלט שליסען פריעדען מיט די יודען. יהודה המכבי האָט ער אָנגעטאָן גרויס כבוד און האָט שוין בעשלאָסען צו געהן צוריק אין סיריען. איז אָבער פלוצלונג ווידער געוואָרען אַ פערקעהרעניס. אלקימאָס, איינער פון די

כהנים־העלעניסטען, וואָס האָט זיך איינגעשמייכעלט ביים קיסר און אַרויסגעקראָגען ביי איהם דעם טיטול „כהן גדול״, האָט פערמסר׳ט ניקאַנאָרען אין פערראַט. דער קיסר איז גע־וואָרען זעהר אויפגעבראַכט און דער פעלד־מאַרשאַל האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין הערשערס צאָרן. האָט ער זיך ווידער גענומען צו די כלים, ווידער האָט ער אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אריין צו בעקומען יהודה׳ן.

דאַן האָט אָט דער גרויסער מאַן געליטען דעמזעלביגען שיקזאַל, וואָס פאַלט אָפט צום טייל פון גרויסע פאָלקס־רעטער. די מאַסע האָט זיך געלאָזט איינשמייכלען דורך די גלאַטע און גוטע רייד פון אַלקימאָס דעם כהן און ניקאַנאָר. זייביידע האָבען צוגעזאָגט פולע גלויבענס־פרייהייט, און דאָס איז דאָך געווען די הויפּט־אורזאַך פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט געקעמפפט; צום פּאָליטישען יאָך איז מען שוין געוואוינט געווען. צווישען דער חסידים־פּאַרטיי גופא איז געווען געגנער פון די חשמו־נאים׳ס שטרעבונגען צו פּאָליטישע פרייהייט. נאָר זיי, די חשמונאים אַליין, און אַ קליינער קרייז פון אַנדערע ווייטזיכטיגע מענער זענען פעהיג געווען צו געהן ביז׳ן סוף, צו קעמפפען אזוי לאַנג, ביז זייער העכסטער, זייער שענסטער אידעאַל וועט ניט ווערען פערווירקליכט, ביז דאָס יודישע פאָלק וועט ניט ווערען איבער אַ נייעס אזוי פריי, אַזוי שטאָלץ און פריי, ווי גאָר אַמאָל.

די כהנים און דער סנהדרין האָבען אריינגעלאָזען ניקאַ־נאָרען אין ירושלים און האָבען פון זיין כבוד וועגען און צו עהרע פונ׳ם קיסר געבראַכט אָפּפער און געזונגען לידער. ער האָט זיי צוגעזאָגט גילדענע בערג, ווען מען וועט איהם נאָר אַרויס־געבען יהודה׳ן. אויף זיינע רייד האָט קיינער אַ וואָרט ניט געענטפערט. דאָס פאָלק האָט געוויינט און געשאָלטען דעם

„רשע". אָבער יהודה האָט דאָך געמוזט מיט זעהר אַ קליינע צאָהל אָנהענגער ארויסטרעטען אין אָפענעם קאמפף געגען ניקאנאָרס אונגעהייערער מאכט. די געשיכטע קאָן וועניג צייגען אזוי פיעל העלדעשאפט, וויפיעל יהודה המכבי האָט דאָ ארויס־געוויזען אין דעם אונגלייכען שטרייט. אָבגעריסען פון זיין הייפעל טאפּפערע מיטקעמפּפער, איז איהם אָפט אויסגעקומען איינעם אַליין צו פעכטען געגען הונדערטער פיינד פון אַלע זייטען, און ער האָט זיי געוואָרפען ווי שטרוי, רעכטס און לינקס. ער איז אָבער אַליין אויך געפאַלען אין דעם דאָזיגען קאמפף.

ווי אַ בליץ האט זיך פערשפּרייט די נאכריכט פון יהודה׳ס טויט אומעטום איבערן לאַנד יהודה. דאס פאלק האט זיך פלוצלונג אויפגעצוכעט און עס איז געווארען אַ שטארקע בע־וועגונג אין גאַנצען לאַנד. דער שונא האט זיך אַליין אזוי ווי דערשראקען פאַר דעם אונערוואַרטעטען זיעג. ער האט ניט געוואגט צו פערהאַלטען יהודה׳ס קערפּער און האט איהם ארויסגעגעבען צו זיינע ברידער.

מען האט בעגראָבען יהודה המכבי אין מודעים אין די השמונאים׳ס פאמיליען־סקלעפּ, אָהן אַ גרענעץ איז געווען דער קלאַנג פונ׳ם פאלק נאך זיין געליעבטען העלד. ערשט איצט האָט יעדער געפיהלט, וואס ער איז געווען. אין קורצען זענען די עלטסטע פונ׳ם פאלק אוועק צו יהודה׳ס ברודער יונתן און פארגעשלאָגען איהם דעם טיטול כהן גדול און אָנפיהרער פונ׳ם פאָלק. יונתן איז אויך געווען אַ העלד, אָבער ניט אזוי גרויס, ווי זיין געפאַלענער ברודער. דערפאַר איז ער געווען אונגעוועהנ־ליך קלוג און געשיקט צו פערשטעהען דעם געגנערס פערהעל־טעניסע און לאגע, וועלכער האָט אימער געוואוסט ווי אויס־צונוצען אם בעסטען פאַר די פרייהייט פון זיין פאָלק.

אין סיריע זענען געוואָרען די אומשטענדען אַלץ שלימער

און שלמער. עס האָט ניט אויפגעהערט דער צווישנקאמף פון פערשיעדענע בעלנים אויף דער קרוין. צו קעמפפען מיט די חשמונאים איז זיי שוין ווענינ געלעגען אין קאָפּ, פערקעהרט: יעדער פון זיי האָט געטרוימט צו האָבען אין יונתן א גוטען ברודער. מען האָט איהם בעשטעטינט אין זיין אמט, געשיקט א מתנה א גילדענע קרוין מיט א פורפורענעם מאנטעל, אָנגעטאָן איהם גרויס כבוד.

יונתן האָט געוואוסט, אז ער קען זיך ניט פיעל פארלאָזען אויף די גריכישע פריינדשאפט. האָט ער געטאָן א דיפלאָמאטישען שריט, וועלכען, אייגענטליך זיין ברודער יהודה המכבי האָט שוין פאר איהם נעפרובט. דער שריט איז געווען א געפעהרליכער, ווי עס האָט זיך אין א לאַנגע צייט ארויסגעוויזען, און די היסטאָריקער רעכענען דאָס פאר א פעהל־שריט פון די חשמונאים. אָבער זיי, די חשמונאים האָבען אויף קיין פאַל ניט געקענט ארויסקוקען אזוי וויט פאָראויס, און געהאנדעלט לויט ווי די אומשטענדען פון זייער צייט האָבען זיי געצוואונגען.

די חשמונאים זענען נעמליך אריין און א פריינדליכען בונד מיט די רעמער. דאָס איז געווען די איינציגע מאכט, פאר וועלבע די סיריער האָבען מורא געהאט. די רעמער האָבען זעהר פריינדליך צוגענומען די יודישע שלוחים און געשלאָסען מיט זיי א שריפטליכען בונד. א קאָפּיע פון דעם בריעף צום יודישען פאָלק — אנ׳אָבמאַך צו פערטיידיגען איינער דעם אנדערען אין פאל פון א קריעג, האָבען די רעמער געשיקט צום סירישען קיסר. דאָס איז געווען אנ׳אָנצוהערענים, ער זאָל פערשטעהן, וואָס מען מיינט. דאָס אָנצוהערענים האָט געווירקט, און דאָס יודישע פאָלק איז א געוויסע צייט געבליבען רוהיג.

דאָך, אז דער סירישער קיסר איז איבער אנייעס געוואָרען תקיף — איז ווידער ענטשטאַנען א קאמפף מיט יודען און

איבערהויפּט מיט זייערע פּאַרקעמפער, די חשמונאים. אין איין קאַמפּף אַזעלכען איז יונתן אַריינגעפאַלען אין אַ זעהר ביטערע אָנגעשטעלטע פּאַסטקע. אומזיסט האָט שמעון, זיין ברודער, געגעבען פאַר איהם אַ משכון גאָלד און יונתנ׳ס צוויי קינדער. יונתן איז ערמאָרדעט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט.

יעצט איז מעהר ניט איבערגעבליבען פון אַלע העלדען חשמונאים, ווי שמעון, דער לעצטער זוהן מתתיהו׳ס, די איבעריגע צוויי ברידער, אלעזר און יוחנן, זענען נאָך פריהער געפאַלען אין קאַמפּף. דאָס פאָלק האָט זיך געפיהלט זעהר פערפליכטעט צו די חשמונאים, וועלכע האָבען כמעט אַלע אוועקגעלעגט זייער לעבען פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, און האָט פאַרגעלעגט שמעונ׳ען ער זאָל אָננעהמען די פערוואַל־טונג פון די פאָלקס-אינטערעסען און דעם טיטול „כהן גדול“. שמעון איז אויך געוועזן אַזאַ געשיקטער דיפּלאָמאַט, ווי אַגרויסער העלד. ער האָט בעניית דעם בונד מיט רוים, האָט דער ערשטער צעבראָכען איינגאַנצען דעם סירישען יאָך און ערקלערט די אונאַבהענגיקייט פונ׳ם לאַנד יהודה. צום אנדענקען פון דער דאָזיגער געשעהענים האָט מען אויסגעגאָסען יודישע מטבעות און איינגעפיהרט אַ יודישע צייט-רעכנונג פונ׳ם ערשטען יאָהר זינט שמעון איז געוואָרען „שר“ און „נשיא“. שמעון האָט בעקומען דעם טיטול „שר“ און „נשיא“, וואָס נאָך דער מיינונג פון פאָלק, האָט זיך מעהר געפּאַסט פאַר דער יעצטיגער אונאַבהענגיגער לאַגע. אין האָט דער צייט איז דאָס לאַנד יהודה געוואָרען איינגאַנצען רוהיג. יעדער האָט זיך געאַרבייט זיין פעלד, געפלאַנצט זיין גאָרטען אונגעשטערט. אַלטע לייט האָבען פריידליך געשמועסט און קינדער האָבען מונטער געשפּיעלט אין די גאַסען.

ר׳ עקיבא בן יוסף.

ווי יעדער היסטאָרישער העלד, איז ר׳ עקיבא אויך ארומגערינגעלט מיט א גאנצען וואָלקען פון פערשיעדענע לע־גענדען. מערקווירדיג איז אָבער, אז כאָטש פון זיין שפּעטער־דיגען לעבען האָבען מיר כמעט גענויע היסטאָרישע בעשרייבונ־גען, דאָך איבער זיין געבורט, קינדהייט און יוגענד, האָבען מיר קיינע ריכטיגע נאכריכטען. ווען מיר ווילען שילדער׳ן ר׳ עקיבא׳ס אינגערע יאָהרען, מוזען מיר זיך בעגנוגענען בלויז מיט מעשיות. וועלכע בעלויכטען מיט אזא שענעם, הערליכען גלאנץ די ווירקליך וואונדערליכע געשטאַלט פון דעם דאָזיגען גרויסען קאָפּ־מענש און העלד. אין דער גמרא ווערט פון זיין יוגענד דערצעהלט אזא וואונדערשענער ראָמאַן, און די שילדערונג איז דערביי אזוי איינפאך און ריהרענד. די ראָמאנען־שרייבער פון אונזער צייט וואָלטען ניט אין שטאנד געווען אויסצוקלערען א שפּאַנענדערע און רייצענדערע געשיכטע.

וואו און ווען ר׳ עקיבא איז געבאָרען געוואָרען, ווער זענען געווען זיינע עלטערען — דאָס איז בעדעקט מיט א שלייער פון דונקעלהייט. עס איז נאָר בעקאנט, אז זיין פאָטער האָט געהייסען יוסף, און לויט ווי עס ווערט געבראכט אין דער גמרא, איז זיין פאָטער געווען פריהער א געצען־דיענער; דערנאָך האָט ער זיך מגייר געווען און איז געוואָרען א יוד. די גמרא סטארעט

זיך צו פערשענערען דעם דאָזיגען פאקט און ערקלערט, אז ר׳ עקיבא שטאמט פון דער בעריהמטער ביבלישער העלדין יעל, די פרוי פון חבר הקיני *), וואס האָט, אוים פריינדשאפט צו יודען, ערמאָרדעט דעם טיראן סיסרא.

ווי א סך נביאים און פערצייטיגע העלדען, איז אויך ר׳ עקיבא אין דער יוגענד געווען א פאסטוך. ער האָט געפאשעט די שאָף ביי כלבא שבוע,— איינער פון די יודישע מאגנאטען פון ירושלים,—און האָט זיך פערליעבט אין זיין באלעבאָס׳ טאָכ־טער, די שענע רחל מיט די לאנגע, פרעכטיגע האָר. א סך יונגע לייט פון די רייכסטע און שענסטע יודישע פאמיליען וואָלטען זיך געשעצט גליקליך צו האָבען פאר א ווייב אָט די שענע רחל, די איינציגע טאָכטער פון כלבא שבוע; אָבער זי האָט פון זיי גאָר ניט געהאלטען. איהר הארץ האָט שוין געהערט צו איהר פאָטער׳ס אָרעמען פאסטוכ׳ל.

די יחוס־אריסטאָקראטיע האָט ביי יודען קיינמאָל ניט געשפיעלט אזא ראָליע ווי די אריסטאָקראטיע פון גייסט. וואהרשיינליך האָט די יונגע מאגנאטין, וועלכע איז אליין געווען געלערנט, בעמערקט, אז דער פאסטוכ׳ל איז געווען ניט גאָר קיין געוועהנליכער. ער איז אָבער געווען א פראָסטער, ער האָט זאָגאר ניט געקענט לעזען. זי האָט זיך גענומען צו זיין עקיבא׳ס לעהרערין. זי האָט אין זיין גייסט אויפגעוועקט די אונגעוועהנ־ליכע קרעפטען, וואס האָבען ביז אהער דאָרטען געדרימעלט. דאן האָט זי זיך אָבגעגעבען איהר הערצענס־געליעבטען, אָב־געגעבען זיך אויף אייביג, מיט לייב און זעעלע.

---

*) דאס פאָלק קיני איז געווען א סעמיטישער שטאם, ער איז געווען פערוואנדט מיט די יודען און האָט אימער געלעבט מיט זיי אין שכנות און פריינדשאפט.

מען קען זיך פאָרשטעלן דעם פאָטער׳ס שמערץ, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע. זיין איינציגע טאָכטער, זיין יורש׳טע, זיין איינציגער טרייסט אין לעבען, האָט אָבגעטאָן אזא סקאַנדאַל! הייראַטען אָהן זיין וויסען, און מיט וועמען? מיט אַן אָרימען פאַסטוך! אָבער דאָס איז נאָך ווייניג... מיט אַ געצען־דיענער׳ס אַ זוהן, אַ פּראָסטאַק, אַן עם הארץ, וואָס האָט אפילו לעזען די תורה ניט געקענט... איבערהויפּט האָט איהם געקרענקט די פּראָסטקייט און אונווי־סענהייט פון זיין איידעם. בילדונג, קענטעניס — דאָס זענען פון די עלטסטע צייטען געווען ביי יודען אַ מיטעל, וואָס האָט געקאָנט דעם ניעדעריגען מענשען אויפהויבען און איהם שטעלען צוגלייך מיט׳ן טראָן און זאָגאר נאָך העכער.

די הארטנעקיגע, אונגעהאָרזאַמע טאָכטער איז אָבער געבליעבען פעסט ביי דאָס איהריגע. זי איז אוועק פון איהר פאָטער׳ס גרויסאַרטיגע פּאַלאַצען מיט איהר געליעבטען אין אַני־ענגער שטיבעל, וואו די דאָזיגע עדעל־געהאָדעוועטע פּרינצעסין האָט געמוזט שלאָפען אויף שטרוי און טאָן גראָבע שמוציגע ארבייט, אום צו העלפען איהר מאַן אין זיין קאַמפּף געגען נויט און הונגער.

דער פאָטער האָט אין זיין ווילדען צאָרן אַ נדר געטאָן, אז ער זאָגט זיך אָב אויף אימער פון זיין אונגעהאָרזאַמער טאָכטער און אז פון זיין גאַנצען פערמעגען, וועט זי ניט געניסען אפילו קיין איינציגע שטרוי. איהר האָט עס אָבער ווייניג גע־קימערט. זי האָט פערטראָגען איהר מאַטערניש און נויט מיט געדולד און מיט אַ שטאָלצען און פעסטען מוט. דאָס אָרימע שטיבעלע, מיט דעם שטרויענעם געלעגער איז איהר געווען געליעבט מיט אזא ליעבע, וואָס איז דאָרטען, אין די פּאַלאַצען אונבעקאַנט.

דאָס איידעלע האַרץ פון דער יונגער פרוי האָט אָפט זעהר טיעף וועה געטאָן; אָבער דער וועהטאָג איז דאָך געווען ניט אַ קאַמפּף צווישען ליעבע צו אַ פאָטער און ליעבע צו אַמאַן. צו אָפּפערען איהר פאַסטוכל׳ס ליעבע צוליעב דעם פאָטער — ווענגען דעם האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. אָבער ניט וועניגער האָט זי געליעבט איהר פאָטער, און איהר האָט וועה געטאָן דאָס האַרץ, פאַרוואָס אָט דער ליעבער גוטער פאָטער איהרער האָט געקענט אַזוי האַנדלען געגען זיין איינציגע טאָכ־טער און געגען איהם, איהר ליעבען טייערען עקיבא.

זי האָט געוואוסט, אַז איהר פאָטער האַסט איהר מאַן פיעל מעהרער פאַר זיין פּראָסטקייט און אונוויסענהייט, ווי פאַר זיין אָרעמען שטאַנד און ניט יודישען יחוס. אַלזאָ: זי וועט איהם, זי מוז איהם ווייזען, דעם פאָטער, אַז ער איז זיך טועה אין איהר עקיבא׳ן; ער פערשטעהט איהם ניט. איהר עקיבא קען זיין און וועט זיין ניט דאָס, וואָס ער איז יעצט. דער פּראָסטאַק, דער פאַסטוך, ער וועט זיין גרויס, אָבער גרויס ניט דורך זיין רייכטום, נאָר דורך זיין גייסט, דורך זיין בילדונג; און דאַן... דאַן — וועט ער (דער פאָטער) אַליין קומען, נישט קשה, ער וועט קומען און חרטה האָבען אויף זיין איצטיגען נדר. ער וועט זיי ביידען דערקענען איבער אַ נייעס, ער וועט זיי ביידע אַרומנעהמען, ווי אַ ליעבענער פאָטער נעהמט אַרום זיינע ליעבע, טרייע קינדער. דעמאַלט וועט ער פערשטעהן איהר האַרץ; און זי — ווי גוט וועט איהר דאַמאַלס זיין!...

אויסער איהר פאַסטוכל׳ס ליעבע, זענען די דאָזיגע געדאַנקען אַליין געווען איהר האָפנונג, איהר טרייסט. זי האָט געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלץ וועט ווידער ווערען גוט, און ניט בלויז איהר פאָטער, נאָר אַנדערע מענשען וועלען אויך אומבייטען זעהר יעצטיגע מיינונג און פערשטעהען

און שעצען איהר ליעבע און איהר גליק.

ניט פיעל האָבען זיי פאַרבראַכט אַזוי צוזאַמען. עקיבא האָט געדאַרפט פאָהרען קיין יבנה — די איינציגע הויכע אַקאַ־דעמיע אין פּאַלעסטינא. דערצו איז ער שוין געווען גענוג צונעגרייט. ער וועט הערען לעקציעס ביי די גרעסטע יודישע אַקאַדעמיקער פון יענער צייט: דעם גרויסען ר' אליעזר און יהושע בן הנניה. ער וועט דאָרט פערבלייבען, ביז ער וועט אַליין זיין אַ גרויסער מאַן און פיליכט אַזוי ווי זיי, ווי זיינע לעהרער; ער, איהר עקיבא — דער פּאַסטוכ'ל, דער פּראָסטאַק...

עקיבא איז אַוועק אַהין, אין יבנה, און זי, די שענע רחל, איז געבליעבען אין דער אָרימער שטיבעל, אויף דעם הוילען שטרוי־געלעגער, זי האָט זיך געדאַרפט ערנעהרען דורך גראָבע ארבייט, דורך וואַשען וועש, און צייטענווייז געמוזט שטעהען אויף די פעלדער און קלייבען מיט אַלע אָרימע פרויען צוגלייך די אַראָבגעפאַלענע זאַנגען אין פּאַרטוך.

און ער, עקיבא, האָט אויך פיעל געמוזט ליידען די ערשטע צייט. די אַקאַדעמיע פון יבנה האָט מען אויסגעהאַלטען פון דעם געלד, וואָס יעדער סטודענט האָט געצאָהלט. קיין סך האָט מען ניט געפאָדערט, אָבער צאָהלען האָט געמוזט יעדער. עקיבא האָט, פערשטעהט זיך, צאָהלען ניט געקענט; דערצו, האָט קיינער ניט געוואוסט: ווער ער איז און פון וואַנען ער איז, און זיינע פעהיגקייטען האָבען זיך פון אָנפאַנג אויך ניט ארויסגעוויזען. ער האָט געקאָנט ווייניגער פון אַלע תלמידים. אי די לעהרער אי די חברים האָבען זיך געהאַלטען פון ווייטען פון אָט דעם נייעם תלמיד. עקיבא אָבער איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעל און געלערענט פאַר זיך. אַזוי איז אַוועק אַ געוויסע צייט — און דער פערוואָרפענער קלויזניק האָט זיך שוין מיט

יינע קענטעניס ניט געהאַט וואָס צו שעמען. ער איז געוואָרען ביי זיך מוטיגער און פעסטער, און ער פלעגט זיך שוין ערלויבען אריינצומישען אמאָל אין אַ שטיקעל תורה צווישען די לעהרער מיט די תלמידים. אָבער אויף זיינע קשיות פלעגט קיינער ניט ענטפערען,— מען פלעגט אפילו ניט אויסהערען, וואָס ער פרעגט. עקיבא איז געווען ביי זיך זעהר קליין. ער האָט דאָס פערטראָגען מיט געדולד און ווייטער געלערנט און ווייטער בעלעסטיגט זיינע לעהרער מיט קשיות.

דער הויפט פּראָפעסאָר איז דאַן געווען רבי אליעזר בן הורקנוס, אָדער ר׳ אליעזר הגדול, ווי מען האָט איהם דאַן גערופען. ער איז געווען אַ גרויסער אָבער אַ שטאָלצער מאַן, אויף עקיבא׳ס פראגען אין שטאַנד צו ענטפערען, און ער פלעגט זיי אוועקמאכען אונטערן האַנד, פשוט, ווייל ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין, אַז ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערען. דער תנא ר׳ טרפון, איינער פון די גרעסטע יודישע מענער אין יענער צייט, האָט אָבער באַלד בעמערקט דעם גרויסען, שאַרפען גייסט פון דעם פערוואָרפענעם ישיבה־מאַן און האָט זיין פריינד רבי אליעזר׳ן אַ מאָל דורך אַ פסוק פון תנ״ך,— ווי דער שטייגער איז געווען ביי זיי —שטאַרק אויסגערעדט, וואָס ער בעהאַנדעלט אזוי ניט גוט דעם אָרימען תלמיד, וועלכער איז שוין יעצט געווען דער שטאָלץ פון דער ישיבה.

פון דעמאָלט אָן האָט עקיבא בעקומען אַ גרויסען שם, און וואָס אַ טאָג ווייטער, איז זיין שם אַלץ געוואָרען גרעסער, ביז עס האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו קלינגען ארום און ארום אין גאַנצען לאַנד. קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז אָט דער תנא, וועלכער איז שוין יעצט געווען איינער פון די גע־אַכטעסטע לעהרער אין אקאַדעמיע פון יבנה און האָט געהאַט טויזענדער שילער — איז יענער פאַסטוכ׳ל, איבער וועלכען דער

גרויסער מאגנאט בן כלבא שבוע--האָט זיך ענטזאגט פון זיין איינציגער טאָכטער.

אין דער גמרא ווערט געשילדערט זעהר ריהרענד די סצענע, ווי אזוי בן כלבא שבוע איז גוט פריינד געוואָרען מיט זיין טאָכטער און מיט זיין איידים. וועהרענד רבי עקיבא איז שוין געוואָרען בעריהמט אין גאנצען לאנד, האָט קיינער ניט געוואוסט די ראָמאנטישע און טרויעריגע געשיכטע פון זיין הייראַטען און איבערהויפט קיין זאך נישט פון זיין פאמיליען-לעבען. נאָר איין מענש האָט דאס געוואוסט, און דאָס איז געווען די שענע רחל, וועמען ער האָט געהאַט אַלעס צו פער-דאנקען. עס איז אָבער נאָך ניט געקומען די צייט צו ענטדעקען די נעהיימנים. רבי עקיבא איז געווען גרויס, ער האָט אָבער געשטרעבט נאָך העכער, ער האָט נאָך ניט פערנומען דעם פלאַץ, וועלכען ער האָט געדאַרפט פערנעהמען, לויט זיינע אונגעהייערע גייסטיגע פעהיגקייטען. זיין ווייב, זיין געליעבטע --האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין יענער אָרימער שטיבעל און נאָך אַלץ געשלאָפען אויף הוילע שטרוי. צו איהר אָרעמקייט האָט זי געמוזט נאָך איבערטראָגען פיעל שפאָט און געלעכטער פון איהרע שכנים און שכנות. מען האָט איהר אויפגעוואָרפען, אַז איהר מאַן, דער פאַסטוך, האָט איהר אַוועקגעוואָרפען און געלאָזען אַן עגונה. און זי קוועלט זיך אַזוי צוליעב איהם און וויל איהם נישט פערגעסען. זי האָט קיינעם אַ וואָרט נישט געענט-פערט און האָט נאָך טיפער אין הארצען בעהאַלטען איהר ליבע און טרייהייט צו איהם. אָבער דער טאָג, אויף וועלכען זי האָט מיט אַזאַ פעסטען מוט געוואַרט, איז געקומען. דורך'ן שטעטעל, וואו זי האָט געוואוינט, איז דורכגעפאָרען זעהר אַ גרויסער, זעהר אַ געלערנטער מאַן מיט אַ סוויטע פון טויזענדער סטודענטען

— זיינע תלמידים. קוים האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף אַ פּלאַץ, ערשט זיינע תלמידים מעלדען, אַז אַ פרויענצימער איז געקומען און וויל איהם זעהען. „לאָזט איהר אריין״, — האָט ער געזאָגט. אין דער מינוט איז אריין די פרויענצימער און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רבי עקיבא׳ן און צוואויינט זיך אויפ׳ן קויל. די תלמידים האָבען אָנגעקוקט די פרוי מיט גרויס פערוואונדערונג, און האָבען איהר געוואָלט אָבשטופּען. אָבער רבי עקיבא האָט זיי ניט נעלאָזען. „לאָזט איהר״, האָט ער געזאָגט, דען אייער תורה און מיין תורה איז — איהר תורה״.

יעצט האָבען זיי שוין נישט בעדאַרפט זיך בעהאַלטען. די שענע רחל האָט זיך נישט געדאַרפט שעמען מיט איהר פאַסטוך. די רייכסטע און עדעלסטע פרויען האָבען איהר מקנא געווען.

באַלד נאָך דער דאָזיגער סצענע האָט מען געמעלדעט דעם „תנא״ אַז אַן אַלטער מאַן וויל איהם זעהען. ער האָט געהייסען איהם אריינלאָזען. אַז דער מאַן איז אריין האָט איהם ר׳ עקיבא באַלד דערקענט. דאָס איז געווען זיין שווער — בן כלבא שבוע.

— רבי! — האָט זיך יענער אַ וואָרף געטאָן איהם צו די פיס, — איך וויל דו זאָלסט מיר מתיר זיין מיין נדר. אַ שרעקליכען נדר האָב איך געטאָן: איך האָב זיך ענטזאגט פון מיין איינציגע טאָכטער, פון מיין איינציגער טרייסט אין מיין לעבען. דערפאַר וואָס זי האָט חתונה געהאַט געגען מיין ווילען. אַ פּראָסטען פאַסטוך האָט זי גענומען. אָבער פון דעמאָלט אָן האָב איך קיין רוה ניט אין מיין האַרצען. איך בין איהר מוחל. איך וואָלט וועלען, אַז זי מיט איהר פאַסטוך זאָלען קומען צו מיר, איך וועל זיי גליקליך מאַכען, מיין גאַנצען פערמעגען וועל איך זיי אָבגעבען, רבי, זיי מתיר מיין נדר! איך מוז האָבען מיין טאָכטער צוריק... איך קען אָהן איהר ניט לעבען...

-- ווען איהר זאָלט וויסען, אז אייער טאָכטער׳ס געליבטער איז ניט קיין פּראָסטאַק, אז ער וועט קענען אביסעל לערנען, וואָלט איהר אזא נדר געטאָן? -- האָט רבי עקיבא נעפרעגט דעם שווער, וועלכער האָט איהם ניט דערקענט.

-- געוויס ניט! -- האָט יענער געענטפערט.

-- אויב אזוי, איז אייער נדר קיין נדר ניט. איהר קענט האָבען צוריק אייער טאָכטער, אויב איהר ווילט עס נאָר.

און פאַר דעם ערשטוינטען מאַגנאַט האָט ערשיינט זיין טאָכטער. ער איז איהר ארויפגעפאַלען אויפ׳ן האַלז, און זי אויף איהם.

-- נעהם איהם ארום, איהם אויך, פאָטער! דאָס איז דיין איידים, מיין מאַן... האָט זי געזאָגט, אָנווייזענדיג מיט׳ן האַנד אויף דעם תנא.

די גאַנצע פערזאַמלונג איז געווען איבערראַשט, דאָך מעהר פון אַלעמען -- בן כלבא שבוע אַליין. ער איז ארויפגעפאַלען אויף זיינע ביידע קינדער און האָט זיי געהאַלזט; גליקליך איז ער איצטער געווען.

אָבער גליקליכער איז געווען זיין טאָכטער. ניט אומזיסט האָט זי געליעבט און געליטען; זי האָט דערגרייכט איהר וואונש. דער, וועמען זי האָט געליעבט און געאַכט, ווערט געליעבט און געאַכט פון אַלעמען, שפּיעלט אזא גרויסע ראָלע. זי האָט אָבער ניט געוואוסט, אז איהר פאַסטוך איז בעשערט צו שפּיעלען שפּעטער אביסעל א גרעסערע ראָלע, און אויף אַגאַנץ אַנדער פּלאַץ; אז דער וועמען זי האָט געאָפּפערט איהר יוגענד, קעמפּפענדיג מיט הונגער און נויט -- וועט זיין איינער פון די גרעסטע קעמפּפער פאַר דער יודישער פרייהייט און פּילייכט דער גרעסטער מאַרטירער, וועלכען דער קאַמפּף פאַר פרייהייט האָט וו״ען עס איז געהאַט.

איידער מיר וועלן שילדערן ר׳ עקיבא׳ס טעטיגקייט אלס רעוואלוציאָנער אין דעם גרויסען אויפשטאַנד פון בר כוכבא, מוזען מיר געבען צו ערקלערען זיין ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּיעלט אין דעם גייסטיגען לעבען פון זיין פּאָלק אין זיין צייט און אין די שפּעטערדיגע דורות. זעהר ווייניג זענען דאָ אין דער אידישער היסטאָריע אַזעלכע מענער, וועלכע פעראייניגען אין זיך אַזוי פיעל פערשיעדענע מעלות, ווי ר׳ עקיבא. די הויפּט זאך אָבער, וואָס האָט איהם געמאַכט אַזא נאָמען, איז זיין שאַרפער קאָפּ און קלאָרער געדאַנק, זיין סיסטעם, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט אין דער תלמודישער וויסענשאַפט פון יענער צייט. אין אָט דער הינזיכט ווערט ער פון די תלמוד-דיסטען פערגליכען צו משה׳ן אליין. די דאָזיגע פערגלייכונג ווערט אויסגעדריקט אין מדרש דורך אַזא לעגענדע: ווען משה איז ארויף אויפ׳ן הימעל, האָט איהם גאָט בעוויזען די גרעסטע נשמות פון אלע דורות. ווען משה האָט בעטראַכט רבי עקיבא׳ס נשמה, איז ער ביי זיך זעהר אראָבגעפאַלען.

— „רבונו של עולם״,— האָט ער דאַן געזאָגט צו גאָט: „אַז דו האָסט ביי זיך אַזא גרויסע נשמה ווי רבי עקיבא׳ס, טו פאַרוואָס האָסטו געדאַרפט געבען די תורה דורך מיר״.

„ווען ניט רבי עקיבא״— האָבען געזאָגט זיינע חברים די תנאים — „וואָלט די תורה פערגעסען געוואָרען ביי יודען״. און דאָס איז געווען ריכטיג. דורך דעם, וואָס ער האָט איינגעפיהרט א שטרענגע סיסטעם אין דער תלמודישער וויסענשאַפט, האָט רבי עקיבא געמאַכט דאָס לערנען א סך לייכטער, ווי פריהער. ער האָט צוטיילט די משנות לויט זייער אינהאַלט אין בעזונדערע אָבטיילונגען. די דאָזיגע אָבטיילונגען זענען יעצט געווען פיעל בעסער איינגעאָרדענט ווי פריהער. די צוטיילונג פון דעם תלמוד אויף מסכתות איז אויך זיין ארבייט.

אָבער אחוץ דער אויסער־ליכער אָרדנונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער גאַנצער יודישער ליטעראַטור פון יענער צייט, האָט ער געבראַכט אַנ׳אָרדנונג אין לערנען נופא. זיין לערן־סיסטעם מעג נאָך יעצט דיענען פאַר אַ מוסטער אין יעדער וויסענשאַפט. פון דעם לעהרער האָט ער געפאָדערט, ער זאָל רעדען דייטליך און קלאָר, כדי דער שילער זאָל לייכט פערשטעהען, וואָס ער מיינט, און זאָל האָבען אַ פאָלקאָמענעם בעגריף פון דעם, וואָס ער לערענט. איבערהויפּט זאָל ער פערשטעהען דעם תוך, דעם עיקר, און זאָל קענען איבערגעבען דאָס, וואָס ער האָט געלערענט, איינפאַך און קלאָר.

ר׳ עקיבא׳ס חבר, רבי ישמעאל, האָט פערפאַסט דרייצעהן כללים, ווי אזוי צו פערשטעהען די דינים פון גמרא. אין גרונד גענומען, זיינען די כללים געווען בלויז איינפאַלען, ווי אזוי צו פערבינדען מיט דער תורה די נייע געזעצען און אָרדנונגען, וועלכע יענע צייט און אומשטענדען האָבען געפאָדערט. רבי עקיבא איז געגאַנגען פיעל ווייטער. פאַר איהם איז געווען גענוג איין פינטעלע, איין פּאַסיקעל אויף אַ בוכשטאַב פון אַנ׳אות אין דער תורה, אַז מען זאָל קענען אויף דעם בויען אַ נייע געביידע, נייע רעפאָרמען אין לעבען. דאָס האָט מען געמוזט טאָן, אום צו ווייזען דעם פאָלק, אַז די נייע אָרדנונגען שטעהען ניט אין ווידערשפּרוך מיט דעם גייסט פון די אַלטע געזעצען. וואָרום דאָס ברייטע פאָלק האַלט זיך אימער פעסט אָן אַלטע זיטען און געזעצען און נעהמט ניט גערן אָן נייע רעפאָרמען. יעדערן איז געוואָרען זעהר לייכט צו צו פאַסען זיינע געדאַנקען צו אַ וועלכען עס איז פסוק אין דער תורה, און דאָס האָט געבראַכט זעהר פיעל נוצען.

די געדאַנקען זענען אַלזאָ בעפרייט געוואָרען פון פריהער־דיגע קייטען. רבי עקיבא איז געווען אַ מערקווירדיגער רעדנער,

איבערהויפּט איז ער געווען אַ בריה מיט זיין שאַרפן גייסט אַזוי קונציג צוזאַמענשטעלען פּסוקים, געדאַנקען, ווערטער און בוכשטאַבען פון תנ״ך, אַז די צוהערער פלעגן אָפט נשתומם ווערען פון די דרייסטע טיעפזיניגע, אָפט הומאָריסטישע איינפאַלען, וואָס פלעגען אַרויסקומען פון זיינע פערגלייכונגען.

אָט די קונסט, אין וועלכער רבי עקיבא איז געווען דער גרעסטער מייסטער, הייסט אויף דער תלמודישער שפּראַך „פּלפּול״. לכתחילה איז דער פּלפּול געווען אַ מין ווערטליכער שאָך־שפּיעל, אַ מיטעל צו שאַרפען דעם פערשטאַנד און צו פערברענגען די צייט אין גייסטיגען פערגניגען. אין יענע טרויעריגע צייטען, ווען די בלוטיגע רוימישע מלוכה האָט טיעף אריינגעלאָזען איהרע נעגעל אין דעם קערפּער פון דעם יודישען פאָלק, ווען מען האָט צוגענומען ביי יודען די פּאָליטישע פרייהייט, און יעדע פרייהייט איבערהויפּט צו דענקען, צו רעדען, צו בעוועגען זיך אין זייער אייגענעם לאַנד — אין יענע פינסטערע צייטען, איז דער פּלפּול פיעלייכט געווען דער איינציגער מיטעל, וואָס האָט פערהיט דעם יודענס גייסט פון שימעל און זיין האַרץ פון פערצווייפלונג. דאָך שפּעטער, ווען די צייטען זענען געוואָרען נאָך פינסטערער, האָט דער פּלפּול בעקומען אַן׳אַנדערע בעדייטונג, פון אַ שפּיעל איז געוואָרען אַן׳ערנסטע בעשעפטיגונג — אַ צו ערנסטע. אייגענטליך, אַנשטאַט צו שאַרפען דעם גייסט, האָט ער איהם פערטעמפּט און געמאַכט אונפעהיג צו בעקומען פרישע לעבעדיגע אידעען און געדאַנקען.

דאָך אין דעם איז ניט געווען שולדיג ניט דער פּלפּול אַליין, ניט דער תלמוד און ניט זיינע פאַרשטעהער — נאָר יענע טרויעריגע אומשטענדען, אין וועלכע דעם יודען איז פאָרגעקומען צו לעבען אין זיין לאַנגען, שרעקליכען גלות.

נאָך רבי יהושע בן חנניא׳ס טויט איז רבי עקיבא געוואָרען דער אָנפיהרער פונ׳ם גאַנצען יודישען פאָלק, סיי אין ארץ ישראל, סיי אין אַנדערע לענדער. דאָס וואָרט אָנפיהרער איז אָבער שוואַך אום אויסצודריקען די מאַכט, וואָס רבי עקיבא האָט געהאַט איבער אַלעמענס גייסטער און געמיטער. דאָס איז געווען אַ קיסר אָהן אַ טראָן, אָהן אַקרוין און אָהן מיליטער; און דאָך קען מען געפינען זעהר ווענינ קיסרים, וואָס האָבען געהערשט מיט אַזאַ מאַכט, ווי רבי עקיבא. מערקווירדיג איז אָבער דאָס, וואָס ער אַליין האָט פון זיין מאַכט ווענינ געוואוסט: ער האָט אימער פיינט געהאַט צו שטעהען אויבען אָן. פון כבוד איז ער שטענדיג אַנטלאָפען. ווי אַ מאָל, די ערשטע צייט אין דער ישיבה, האָט ער אימער ליעב געהאַט צו זיצען אָן אַ זייט, אין אַ ווינקעל און לאָזען דעם אויבען אָן פאר אַנדערע. און ער וואָלט פיעלייכט נים אָנגענומען די ראָלע פון אַ פיהרער, ווען די אומשטענדען, אין וועלכע דאָס יודישע פאָלק האָט זיך דעמאָלט געפונען,— וואָלטען איהם דערצו ניט געטריעבען.

עס איז שווער צו געפינען אין דער יודישער געשיכטע אַ מאַן, אין וועלכען עס זאָלען זיין פעראייניגט די פערשיעדענע טאַלאַנטען אי פון אַ גרויסען געלעהרטען, אי פון אַ מוטיגען פאָלקס-קעמפפער, אין אַזאַ הויכער שטופע, ווי ביי רבי עקיבא׳ן. און ווענינ קען מען געפינען אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנען אַזוינע העלדען, וואָס האָבען מיט אַזאַ פייער, און צו דערזעלבער צייט מיט אַזאַ פּאָרזיכטיגקייט אָרגאַניזירט אַ רעוואָלוציאָן פון אַ קליינעם הייפעל קעמפפער געגען אַזאַ ריזענמאַכט, ווי רוים איז געווען צו יענער צייט. און אין דער געשיכטע פון אַלע מאַרטירער איז שווער צו קריעגען איינעם, וואָס איז געשטאָרבען מיט אַזאַ שרעקליכען טויט פאַר זיין אונעדליכער ליעבע צו זיין אָרימען, געדריקטען פאָלק, ווי רבי עקיבא.

אשווערע צייט האָבען יודען דעמאָלט געהאַט. דאָס איז געווען ניט מעהר ווי פופציג יאָהר נאָכ'ן צווייטען חורבן. אין זיין לעצטען פערצווייפעלטען קאמפף פאַר פּאָליטישע פרייהייט האט דאָס יודישע פאָלק אוועקגעלעגט אויפ'ן שלאכט־פעלד זיינע גרעסטע העלדען, די בעסטע קרעפטען, וואָס זיי האָבען געהאַט, אַלץ וואָס האָט בעזעסען שטאָלץ, מוט און גייסט האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט איבערלעבען די פרייהייט. ווי לייבען האָבען זיי געקעמפפט. אָבער די פעסט־אָרגאַניזירטע מאַכט פון ווילדען רוים איז געווען שטארקער פון דעם הייפעל יודישע העלדען. דער גרעסטער טייל פון דער גאַנצער יודישער יוגענד האָט ארויסגעלאָזען דעם לעצטען אָטעם אין פעלד, אָדער איז צוריסען געוואָרען פון ווילדע חיות אין די רוימישע צירקען. עס האָט געשיינט, אַז יעדער קראַפט איז פערניכטעט געוואָרען, יעדע האָפנונג איז אויסגעלאָשען גע־וואָרען אויף אַלע מאָל. פון דער גאַנצער גלענצענדער, בעריהמ־טער פערגאַנגענהייט איז געבליעבען די איינציגע יודישע אַקאַדעמיע אין יבנה, פאַר וועלכער רבי יוחנן בן זכאי, דער גרינדער פון דער אַקאַדעמיע, האָט קוים אויסגעבעטען די ערלויבענים ביי דעם רוימישען טיראַן וועספּאַסיאַנוס, אין די לעצטע טעג פאַר'ן חורבן.

ר' יוחנן בן זכאי'ס בקשה איז דאַכט זיך געווען א קליינע: דער טיראַן האָט ניט פערשטאַנען דעם מיין פונ'ם יודישען געלעהרטען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַר א ראָלע די שולע פון יבנה וועט שפּיעלען אין דעם לעבען פון יודישען פאָלק.

אין גיכען האָט זיך ארויסגעוויעזען, וואָס פאַר אַני־אונגעהויערע בעדייטונג אָט די שולע האָט בעקומען אין דעם וויטערדיגען לעבען פון דער יודישער נאַציאָן. זי האָט גערעטעט

די יודישע קולטור, די יודישע וויסענשאפט פאר די שפעטער־דיגע דורות; נאָר איהר הויפּט-פערדינסט איז געווען, וואָס זי האָט פערפלאַנצט ביי זיך יענע דעמאָקראַטישע אידעען און שטרעבונגען, וועלכע זי האָט בעקומען בירושה פון דער גאנצער יודישער פערגאנגענהייט, און האָט ערצויגען אין די דאָזיגע אידעאַלען די יודישע יוגענד. פון אָט דער אקאדעמיע זענען ארויס די גרעסטע תנאים און פרייהייטס קעמפפער און צווישען זיי אזעלכע מענער, ווי רבי יהושע בן חנניא און רבי עקיבא.

עס זענען נאָך ניט אוועק קיין צוואנציג יאָהר נאָכ'ן חורבן, ווי אין אלע מזרח־לענדער, וועלכע האָבען געשמאַכט אונטערן יאָך פון רוים, האָט זיך אויפגעהויבען א גוואלדיגער אויפשטאנד. קיינמאָל, זינט רוים האָט אריינגענומען אין איהרע נעגעל די גאַנצע וועלט -- האָט זי נאָך ניט געהאט צו טאָן מיט אזא מעכטיגע רעוואלוציע, וואָס האָט זיך אויפגעפלאַקערט מיט אמאָל אין אזוי פיעל פערשידענע ערטער. קיין פאָלק האָט אזוי ניט בעזעסען די קונסט פון מלחמה אין יענער צייט ווי רוים; אין קיין מיליטער איז ניט געווען אזא שטרענגע דיסציפּלין, אזא פעסטע אָרגאניזאציע, אזוינע קונציגע צושטערנדע געוועהר, צו שיעסען און ברעכען פעסטונגען -- ווי אין דער רוימישער מיליטער; אין ערגעץ זענען ניט געווען אזעלכע געלעהרנטע, פעהיגע גענעראַלען און מיליטער־פיהרער, ווי ביי די רוימער. און דאָך זענען זיי מיט זייער גאַנצער קריעגס־קונסט, אייזערנע דיסציפּלין, אונגעהויער צאָהל מיליטער -- ניט געווען אין שטאנד איינצולעשען דעם שרעקליכען פייער פון דער רעוואלוציע. ווער זשע זענען געווען די אונטערצינדער? ווער האָט אזוי געשיקט, אין אזא קורצע צייט געקענט אויפוועקען אין די אזיאטישע פעלקער דעם צאָרן אַנטקעגען דער ווילדער רוימישער מאכט? יודישע רעוואלוציאָנערען זענען עס געווען! זיי זענען דאָס

געווען די פייערדיגע אגיטאטאָרען, זיי זענען געווען די אָנפיהרער פון קליינע הייפעלעך רעוואלוציאָנערען, וועלכע זענען אָבער געווען געפערליכער פאר די רוימישע חיל, ווי איין גרויסע ארמעע, ווייל זיי האָבען צוריסען די רוימישע מיליטער אין הונדערטער ערטער און האָבען אויף אזא אויפן אָבגעשוואכט איהר מאכט. זיי האָבען געקעמפפט ווי לייבען, געשניטען און געיאָגט די רוימער סאָלדאטען אומעטום מיט די געשרייען: „טויט און ראכע די בלוטיגע טיראנען!״

די רוימער האָבען אָנגעווענדט די גאנצע קונסט זייערע; רעגימענטען נאָך רעגימענטען האָט מען אהער געבראכט פון איירופא און אוועקגעלעגט זיי דאָ אין פערצווייפעלטען קאמפף מיט די רעוואלוציאָנערען. און די רעוואלוציע איז געוואקסען און געוואקסען פערבאפענדיג אלץ מעהר לענדער און ארייג־ציהענדיג אימער נייע פעלקער.

און דאָ איז אויסגעבראָכען אַ רעוואלוציע גאָר אין אַנ־אנדער זייט; די בריטישע אינזלען אין איירופא, וואו איצט איז ענגלאנד, זענען אויפגעשטאנען אנטקעגען זייערע דריקער; און אָט דער אויפשטאנד איז געווען פיעל געפעהרליכער פאר רוים; ער האָט זיך לייכט געקענט פערשפרייטען איבער אלע אייראָפעאישע לענדער, וועלכע זענען געווען אונטערטעניג צו רוים, און מאכען אַ סוף צו איהר וועלט־ממשלה.

מען האָט געמוזט די בעסטע רעגימענטער האָבען דאָר־טען, אין אייראפא, און דאָ ווערט דער קאמפף אלץ הייסער און געפעהרליכער; די לאגע פון דער רוימישער רעגירונג איז געווען אַ פערצווייפעלטע.

ווָאס־זשע האָט זיך אין אָט דער קריטישער צייט געטאָן אין ארץ ישראל גופא? מערקווירדיג איז, אז ווען ארום און ארום האָט געברענט און געפלאקערט. איז דאכט זיך, געווען

ארץ ישראל שטיל. אָבער דאָס איז געווען אַ שטילקייט פאַר אַ שטורם, אַ רוהיגקייט וואָס הערשט ארום אַ פייער־שפּייענדיגען באַרג, איידער ער ברעכט אויס אין אַ העלישען פייער־שטראָם. עס פערשטעהט זיך, אַז צווישען פּאַלעסטינא און די ארומיגע רעוואָלוציאָנערע לענדער זענען געווען פערבינדונגען. דאָס פּאָלק איז געווען שרעקליך אויפגערייצט פון די שינדעריי און נידערטרעכטיגקייט פון די רוימישע גובערנאַטאָרען, וועלכע האָבען אויסגעזאַפּט ביי די פעראָרימטע, פערביטערטע יודען דאָס לעצטע טראָפּען בלוט, עס איז אָבער נאָך ניט געווען די רעכטע צייט אויפצוהויבען דאָ דעם בונט, מיט אַלע קרעפטען האָבען די תנאים פון יבנה געזוכט איינצוהאַלטען דאָס פּאָלק און פריהער גוט צו בעטראַכטען די לאַגע.

דערווייל זענען פּאָרגעקומען זעהר וויכטיגע ענדערונגען אין דער רוימישער רעגירונג. דער קיסר טראַיאַנוס איז אין מיטען דערינען געשטאָרבען. אויפ'ן רוימישען טראָן האָט זיך געזעצט אדריאַנוס. ער האָט די מלוכה נישט כשר בעקומען. די לאַגע פון רוים איז געוואָרען אַלץ קריטישער: דער בונט אויף די בריטישע אינזלען איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און געפעהר־ליכער. זיינע פיינד האָבען זיך געקענט בענוצען מיט דער דאָ־זיגער פערצווייפעלטער לאַגע פון דרויסען און מאַכען אַ רעוואָלוציע אינוועניג אין לאַנד גופא. אדריאַנוס האָט געמוזט, ווי עס איז, מאַכען אַן ענדע אין אזיען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ראָלע יודען האָבען דאָ געשפּיעלט און ווי געפעהרליך עס וועט זיין פאַר איהם, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פייער וועט זיך אָנכאַפּען אין ארץ ישראל גופא.

מען האָט געמוזט נעהמען אַנדערע מיטלען: איינשטילען די רעוואָלוציע מיט גוטען און בעזונדערס בערוהיגען די יודען.

ער איז געקומען אַליין אויפ'ן קאַמפף־פּלאַץ, אין אזיען;

האָט אויסגעהערט די קלאָגען פון די אונטערדריקטע פעלקער; האָט זיי צוגעזאָגט פרייהייטען: דעם גובערנאַטאָר פון ארץ ישראל, דעם טיראַן קוויעטוס, אָדער קיטוס, ווי ער הייסט אין דער גמרא, האָט ער אַראָבגעוואָרפען און געטויט אין דעם מאָמענט, ווען יענער האָט פער'משפט צום טויט צוויי יודישע רעוואָלוציאָנערען, ער האָט זאָגאר צוגעזאָגט יודען לאָזען זיי בויען צוריק דעם בית המקדש.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר א גערודער עס האָט זיך אויפגעהויבען אין פאַלעסטינא, ווי די גייסטער האָבען זיך אויפגעמונטערט. די האָפנונג אויף פאָלקאָמענע פאָליטישע פרייהייט האָט זיך אויפגעכאַפּט אין די שוואַכסטע און פערצווייפעלטסטע געמיטער מיט אַנ'אונגעהייערער מאַכט. מען האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט. אין ארץ ישראל איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהליך, עס האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען אַהער פון אַלע עקען וועלט גאַנצע מחנות פערטריבענע, פעריאָגטע יודען און — שוין לאַנג האָט ירושלים אויף א יום-טוב ניט געזעהען ביי זיך אַזאַ אונגעהויערע צאָהל עולי-רגל, ווי אין דער צייט.

אדריאַנוס האָט דערזעהען אַזאַ אויפרעגונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג — האָט ער זיך דערשראָקען, מסירות האָט אויך ניט געפעהלט, בעזאָנדערס פון די שומרונים — א פאָלק וואָס סנחריב מלך אשור האָט בעזעצט אין ארץ ישראל אנשטאַט די ארויסגעטריבענע צעהן שבטים, דערצו איז די לאַגע פון אדריאַנוס געוואָרען יעצט פיעל זיכערער: דער בונט אויף די בריטישע אינזלען איז כמעט שוין איינגעשטילט געוואָרען דורך דעם גענעראַל יוליוס סעוועררוס. דער דאָזיגער פעלד מאַרשאַל איז אין דער מיליטער-געשיכטע אַנערקענט פאַר איינעם פון די גרעסטע קריעגס-פיהרער פון אַלע צייטען.

אדריאנוס׳ן איז שוין ניט געווען קיין גרויסער נויט צו האלטען זיין צוזאָג דעם יודישען פּאָלק.

ער האָט אָבער ניט געוואגט אָפען צו ברעכען זיין וואָרט, און האָט עס געטאָן מיט אַ שווינדעל. ער האָט די ערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש — ניט צוריקגערופען, ער האָט נאָר צוגעשטעלט אַ פּונקט, אז בויען מעג מען איהם, אָבער ניט אויף דעם זעלביגען פּלאַץ, נאָר אַ ביסעל אָבגערוקט.

אז די נאכריכט איז געקומען אין ירושלים אין מיטען קאָך פון דער ארבייט, איז דאָס גאנצע פּאָלק, ווי איין מאן גרייט געווען נעהמען זיך צו געוועהר. עס האָט געקאָסט די תנאים פיעל מיה איינצוהאלטען דעם צאָרן פון פּאָלק, ער זאָל ניט אויסברעכען, ווי אַ ווילדער שטורם, אָהן אַ טאָלק און אָהן אַ סדר. —

רבי עקיבא און בר כוכבא.

רבי עקיבא איז געוואָרען דער פיהרער פונ׳ם יודישען פּאָלק. זיין פּאָליטיק איז געווען אַ גאנץ אנדערע, ווי זיין לעהרער רבי יהושע בן חנניאָ׳ס. דער האָט ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען ניט אויפגעהערט צו האָפען, אז מען קען ביי דער רוימישער רעגירונג דערגעהן יושר און אויף אַ פריעדליכען וועג. רבי עקיבאָ׳ס פּאָליטיק איז געווען: ראַבע און טויט, קאַמפּף מיט די טיראַנען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער מיט לייב און זעלע, און נאָר זיין עניוות, זיין אכטונג צו זיינע לעהרער און חברים האָבען איהם ביז אהער געקענט אָבהאלטען ארויסצוטרעטען אנטקעגען דער אונטער-טעניגקייטס-פּאָליטיק, וועלכע מען האָט געפיהרט מיט די טיראַנען. דאָס לעבען אָהן פּאָלקאָמנע פּאָליטישע פרייהייט

האָט ביי איהם קיין שום ווערט ניט געהאט, ער האָט נאָר געוואוסט איינס פון די ביידע: אָדער לעבען פריי, אָדער שטאַרבען אין קאַמפף פאַר די פרייהייט.

דאָך ווי שטאַרק עס האָט אין איהם געברענט דער פייער פון ראַבע און דורשט צו א טויט פון א מאַרטירער, איז ער דאָך געווען גענוג פאָרזיכטיג אום ניט אַרויסצוטרעטען באַלד אין קאַמפף, איידער די קרעפטען זענען ניט אָרגאַניזירט. ער האָט אַלעמען געהייסען האַלטען זיך וואָס רוהיגער, און ניט צולאָזען קיינע צוזאַמענשטויסונגען מיט די רוימער. ער אַליין איז זאַגאַר געווען אַנ׳איינגעהער ביי דעם נייעם רוימישען גובערנאַטאָר רופוס, וועלכער האָט זיך אין גיכען אַרויסגעוויזען פאַר אַזא טיראַן, ווי דער פריהערדיגער גובערנאַטאָר. די גמרא דער־צעהלט זאָגאַר, אַז רופוס טאָכטער האָט זיך פערליעבט אין ר׳ עקיב׳ן. אַלענפאַלס האָט ער מיט זיין קלוגהייט פערשטאַנען איינצושלעפערען רופוסעס פערדעכטיגקייט און איינשמועסען איהם, אַז די יודען זענען די רוימער געטריי. צו דערזעלבער צייט איז ער אַרומגעפאָרען אומעטום איבער׳ן גאַנצען לאַנד, און האָט איבעראַל אָרגאַניזירט מחנות רעוואָלוציאָנערען. אין די היילען האָט מען בעהאַלטען מאַסען געוועהר און לעבענס־מיטעל. פון די בתי מדרשים, די קינדער־שולען האָט מען געמאַכט אַרסענאַלען פון געוועהר, אַלט און יונג האָט מען געלערנט פעכטען און שיסען און מיליטער־דיסציפּלין. דאָס אַלעס איז געשעהען רוהיג און שטיל און אַזוי געהיים, אַז די רוימער האָבען גאָר נישט געקענט מערקען

דאַן איז רבי עקיבא אַרומגעפאָהרען אַלע אַרומיגע לענדער. זאָגאַר אין רוים איז ער געווען, און האָט איבעראַל געקריעגען נייע פריינד און מיטקעמפפער צו דער בעוועגונג און געזאַמעלט געלד און געוועהר. ווי עס פאַסירט אָפט אין אַזעלכע צייטען

-- האָט זיך פּלוצלונג בעוויזען אַ העלד, אַ קריעגס־העלד מיט אַנ׳אייזערנעם מוט און אַנ׳אייזערנע מאַכט -- בר כוזיבא. האָט ער געהייסען, אָבער רבי עקיבא האָט איהם אַ נאָמען געגעבען -- „בר כוכבא״. דאָס הייסט אויף גמרא לשון -- דער זוהן פון אַ שטערען. אַ מערקווירדיגער העלד איז דאָס געווען. ווי אַ שטערן איז ער ווירקליך איבערגעפלויגען איבער דעם יודישען הימעל מיט אַזאַ צויבערהאַפטען גלאַנץ -- ווי עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געשיינט. מען ווייס ניט -- פון וואַנען ער איז געקומען, און ווי אַזוי ער איז פערשוואונדען. דער שיין, מיט וועלכען דער העלד האָט אַ בלישצע געטאָן אויף דעם יודישען הימעל, איז געווען אַזוי וואונדערשען, אַזוי, דאַכט זיך, איבערנאַטירליך, אַז מען האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך צוקוקען צו זיין פּערזאָן און בעהאַלטען אין זכרון עטוואָס פון זיין לעבען. אַזוי ווי רבי עקיבא אַליין, וועלכער האָט איהם געליעבט און פערגעטערט -- איז ער אויך אַרומגערינגעלט מיט אַ וואָלקען פון וואונדער מעשיות, אַז עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען פון איהם אַ נאַטירליך מענשליך בילד.

אין דער וויסטעניש איז גענוג אַז איין קליינער שטיינדעל זאָל זיך אָנריהרען אָן אַ זאַמד־באַרג אום דער גאַנצער באַרג זאָל פּלוצלונג איינפאַלען מיט אַ גוואַלדיגען קראַך. אַזוי איז געווען מיט דער נייער יודישער רעוואָלוציע. דער אויסברוך פון דער רעוואָ־לוציע איז פאָרגעקומען, לויט ווי אין דער גמרא ווערט דער־צעהלט, צוליעב אַ הוהן מיט אַ האָן, וואָס רוימישע סאָלדאַטען האָבען אָבגענומען ביי חתונה־לייט בשעת אַ חופּה (דער מנהג איז דאַן געווען צו טראָגען אַ האָן מיט אַ הוהן פאַר חתן־כלה צו דער חופּה). די סאָלדאַטען האָט מען גלייך גע׳הרג׳עט, דאַן אין מען בעפאַלען די גאַנצע רוימישע חיל און אַ טייל אויסגע׳הרג׳עט; די אַנדערע זענען צולאָפען. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו אַנ־

אלגעמיינעם אויפשטאנד איבערן גאנצן לאנד, מיט א גרויסער אָרגאַניזירטער מאַכט פון הונדערטער טויזענדער מאַן, האָט זיך בר כוכבא א וואָרף געטאָן אויף די רוימער און האָט אומעטום געמאַכט פון זיי א תל. ער האָט איינגענומען צוריק א שטאָדט נאָך א שטאָדט, א פעסטונג נאָך א פעסטונג, ביז וואַנען פופציג פעסטונגען זענען שוין געווען ביי איהם אין האנד, צעהנדליגע גרויסע שטעדט און הונדערטער קליינע שטעדטלאך, זענען געבליבען ריין פון רוימישע מיליטער. די הויפטשטאָדט צעזערעא, וואו דער רוימישער גובערנאַטאָר איז געזעסען. אין ירושלים, זענען געווען פריי. דער טיראַן רופוס איז קוים אַנטלאָפען א לעבעדיגער נאָך רוים. מען האָט זיך האַסטיג גענומען בעפעסטיגען די שטעדט ביים ים. בר כוכבא איז געוואָרען קעניג. מען האָט אַרויסגעלאָזען מטבעות צום אנדענקונג פון דער בעפרייאונג. די רעוואלוציע האָט מיט א נייער קראַפט שטאַרק אָבגעהילכט אַרום און אַרום אין אַלע דערבייאיגע און וויטע אזיאַטישע לענדער. פון אומעטום זענען געקומען צו בר כוכבא שלוחים מיט געשענקען און בעגריסונגען און צוגעזאָגט איהם הילף. ארץ ישראל איז געוואָרען פריי. עס האָט געשיינט, אז קיינמאָל איז נאָך דער יודישער הימעל ניט געווען אזוי ליכטיג, און די יודישע מאַכט אזוי שטאָלץ.

אדריאַנוס האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. ער האָט גלייך אַרויסגעפאָדערט פון די בריטישע אינזלען דעם גענעראַל סעווערוס און איהם געשיקט אין פאַלעסטינא מיט א געוואַלדיגע אַרמעע. סעווערוס האָט זיך אָבער בעשלאָסען ניט אַרויסצוטרעטען אָפען אין קאַמפף מיט די רעוואלוציאָנערען. ער האָט זיי אָבגעשניטען דעם וויטערדיגען וועג און גענומען בעלאַגערן די שטעדט און ניט צולאָזען קיין פּראָוויאַנט. צו דערזעלבער צייט האָט ער אונטערגעקויפט א סך יודישע פעררעטער מיט

נאָלד און יענע האָבען אָנגעמאכט מישענינעס אין די מחנות פון די קעמפפער. אזוי האָט ער ביסלעכווייז צוריק איינגענומען א שטאָדט נאָך א שטאָדט, ביז עס איז געקומען צו דער גרעסטער פעסטונג ביתר.

וואָס דאָרטען איז געשעהען, און איבערהויפט, וועגען דעם גאנצען קאמפף, איז געבליבען וועניג היסטאָרישע נאָכ־ריכטען, נאָר איניגע שפורען געפינען זיך אין דער גמרא און פון די דאָזיגע ווינציגע פאָרשטעלונגען שטעלען זיך די האָר...

דאָס איז געווען דער לעצטער קאמפף פון די יודען מיט די רוימער פאר פאָליטישע פרייהייט... דער כמעט איבערנאַ־טירליכער העלדענמוט פון דעם קליינעם פאָלק האָט ניט געקענט ביישטעהען אנטקעגען דער וועלט-מאכט פון די וועלט איינשלינגענדע רוימער. בר כוכבא איז פערשוואונדען געוואָרען. צעהנדליגע טויזענדער רעוואָלוציאָנערן זענען געבליבען אויפ׳ן שלאכט-פעלד... און נאָך א גרעסערע צאָהל פערקויפט אלס שקלאפען אין אלע עקען וועלט. פון אלע העלדען פון דער לעצטער יודישער רעוואלוציע איז געבליבען נאָר איינער — און דאָס איז געווען רבי עקיבא.

ער האָט ניט געוואָלט, ער האָט ניט געקענט איבערלעבען די שענע פאַנטאזיען, פון וועלכע ער האָט אימער געטרוימט און געזעהען פערווירקליכט אזא קורצע צייט. ער האָט זיך נאָך אלץ ניט בערוהיגט.

וועגען א נייער מלחמה האָט איצט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין, עס האָט זיך אָנגעהויבען אנ׳אנדער קאמפף. מען האָט געדארפט רעטען די יודישע קולטור, די יודישע תורה.

אדריאנוס האָט זיך ערשט איצט געכאפט, אז כל זמן עס

וועלן עקזיסטירען די יודישע אקאדעמיען און שולען איז אונמעגליך ארויסצוטרייבען פון זיי דעם רעוואלוציאָנערן גייסט. און ער האָט זיך מיט דער גאַנצער מערדעריי און ווילדהייט אַ וואָרף געטאָן צו פערניכטען מיט געוואַלד די יודישקייט. פאַר דער קלענסטער רעליגיעזער צערמאָניע האָט מען אָבגעמשפט אויף טויט. אַ געהיימער קאָמיטעט פון תנאים צוזאמען מיט רבי עקיבאַ׳ן האָבען בעשלאָסען, אז צוליעב לעבענס-געפאהר איז ערלויבט עובר צו זיין אויף דער גאַנצער תורה, אויסער דריי זאכען: הרג׳ענען אַ מענשען, שענדען אַ פרוי און געצענ-דינעריי.

שרעקליכער פון אַלץ איז געווען די שטראָף פון די, וואָס מען האָט ביי זיי געפונען אַ יודישען ספר און נאָך מעהר, אז מען האָט געכאַפּט אימיצען לערנענדיג. רבי עקיבא מיט זיינע וויניגע תלמידים און חברים זענען אומגעפאָהרען אין גאַנצען לאנד און, אזוי ווי פריהער האָט ער געוועקט און אָרגאַניזירט צום קאַמפף, אזוי האָט ער איצט געגרינדעט איבעראַל געהיימע שולען, וואו ער און זיינע תלמידים האָבען געלעהרנט מיט לעבענס-געפאהר קליין און גרויס.

די רוימישע שפּיאָנען האָבען זיך נאָך איהם געיאָגט אויף טריט און שריט, אָבער ער האָט געטאָן זיינס. זיינע חברים און פריינד פלעגען שטוינען קוקענדיג אויף דעם מוט, וואָס ער האָט בעוויעזען. מען האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל אין אזא שרעקליכער צייט שוינען זיין לעבען, וואָס איז געווען אזוי טייער פאַר דעם גאַנצען פאָלק, אָבער ער האָט געענטפערט, אז קיין זאַך ווינשט ער ניט אזוי, ווי -שטאַרבען „על קידוש השם״, שטאַרבען ווי אַלע יענע העלדען, וואָס זענען אומגעקומען פאַר זייער פאָלק.

זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען. מען האָט איהם

ענדליך געבאפט. שוידערהאפט איז געווען זיין שטראף. לעבע־
דיגערהייט האבען די טיראנען זיין לייב מיט אייזערנע קאמען
געריסען און אויפ׳ן הארצען געלעגט נאסע פלאקס, כדי ער זאל
ניט אזוי גיך שטארבען, זאל ליידען וואס לענגער די יסורים...

דער לעצטער יודישער פרייהייטס־קאמפף פון ר׳ עקיבא
און בר כוכבא האט פאסירט, לויט א לעגענדע וואס ווערט
געבראכט אין דער גמרא, אין די טעג צווישען פסח און שבועות,
אין די ספירה טעג, אין יענע שענע פריהלינגס־טעג, ווען אלץ
ארום שפראצט און בליהט און שטרעבט נאך לעבען און לוסט
— האבען די יודישע העלדען ארויסגעלאזען זייער לעצטען אטעם
אין דעם פערצווייפעלטען קאמפף פאר זייער פאלק און פרייהייט.

איז א וואונדער וואס אט די שענע טעג זענען ביי יודען
פערצויגען מיט א שלייער פון טרויער?...

די קאַראַאימען.

(אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון סעקטען ביי יודען).

די געשיכטע פון סעקטען איז איינע פון די וויכטיגסטע טיילען פון דער אלגעמיינער מענשליכער געשיכטע. דורך איהר קען מען בעקומען אַ ריכטיגען בעגריף וועגען די שטרעבונ־גען פון דעם מענשען׳ס גייסט אין פערשיעדענע צייטען פון זיין ענטוויקלונג, ווי אזוי אָט די ענטוויקלונג איז צוגעגאנגען, וויפיעל פעהלער דער מענש האָט געמאכט אין זיין גייסטיגער עוואָלוציע, וויפיעל אָפּפער מען האָט געבראכט פאַר יעדען פאָרטשריט א. אז. וו.

ביז די לעצטע יאָהרהונדערטען שפּיגעלט זיך אָב אין רעליגיאָן, אַלעס וואָס דער מענש האָט ערוואָרבען ניט נאָר אין אידעען, אין פאָרשטעלונגען, נאָר אויך אין זיין געזעל־שאַפטליכען און אַפילו עקאָנאָמישען לעבען. ווייל אַלעס, וואָס איז נאָר געווען עטוואָס העכער פאַר׳ן איינפאַכען פיזישען לעבען, איז געווען רעליגיאָן. וויסענשאַפט, קונסט, צייט־פערטרייבונג איז געווען רעליגיאָן. רעליגיאָן האָט ארומגענומען אַלעס וואָס אונטערשיידעט דעם מענשען פון חיות און בהמות. און דעריבער האָט יעדע בעוועגונג פון דעם מענשען׳ס גייסט, פון זיין געזעלשאַפטליכען לעבען, יעדער קאַמפּף, יעדער זיעג

און יעדע נידערלאגע אין זיין ענטוויקלונג, זיך אויסגעדריקט אין רעליגיעזע שטרייטיגקייטען, און סעקטען־צוטיילונג און פער־פאלגונגען.

ווען מען קוקט אריין טיפער אין אזעלכע געשיכטען זעהט מען, אז אונטער דעם קאמפף פון דעם אדער יענעם רעליגיעזען מנהג אדער צערמאניע, ליעגט דער זעלבינער פשוט׳ער, אייבינער קאמפף פאר׳ן לעבען, קאמפף פאר מאכט, פאר רעכט און גערעכטיגקייט. אפט פיהרט א רעליגיעזער שטרייט צו א רעוואלוציע אין געזעלשאפטליכען לעבען. אדער איז אליין א שטיק רעוואלוציע. דעריבער, ווען מען לעזט די געשיכטע פון א סעקטען־קאמפף ביי א געוויסען פאלק, דארף מען אימער זוכען דעם אונטערשלאג פון אט דער געשיכטע. מען דארף זוכען: וואסערע פאליטישע, סאציאלע און עקאנאמישע אור־זאכען האבען איהם ארויסגערופען און צו וואסערע פאליטישע, סאציאלע און עקאנאמישע ענדערונגען ער האט געפיהרט.

פון אט דעם שטאנדפונקט ווילען מיר בעטראכטען די גרעסטע פון אלע שפאלטונגען וואס האבען ווען עס איז פאסירט אינ׳ם לעבען פונ׳ם יודישען פאלק, נעמליך: די סעקטען־שפאל־טונג פון די קאראאימען.

I

סעקטאנטען ביי יודען און אנדערע פעלקער.

אום צו פערשטעהן טיפער א געוויסען היסטארישען פאקט, דארף מען איהם פערגלייכען מיט אנדערע עהנליכע פאקטען. די קאראאימער־שפאלטונג איז די וויכטיגסטע אין דער יודישער געשיכטע. זי איז אבער ניט די ערשטע. די ערשטע שפאלטונג אין דעם יודישען פאלק האט פאסירט נאך אויף דעם באדען פון פאלעסטינא, אין א קאמפף פאר פאליטישע פרייהייט.

דאָס איז געווען די רעוואָלוציע פון ירבעם בן נבט.

אָנגעהויבען האָט זיך מיט אַ פּאָליטישען קאמפף, געענדיגט האָט זיך מיט אַ רעליגיעזער שפּאלטונג.

דאָס פאָלק האָט פערלאַנגט פון שלמה׳ס תכשיט, פון רחבעם׳ען אַ שטייער־ערלייכטערונג און אַ מילדערע בעהאַנדלונג, און ער האָט זיי געגעבען די בעריהמטע אנטוואָרט: מיין פאָטער האָט אייך געשלאָגען מיט ריטער און איך וועל אייך שמייסען מיט שטעכעדיגע דערנער". אַז די רעוואָלוציע איז ניט געווען לכתחילה אַ רעליגיעזע, ווייזט דער פאַקט, וואָס דער נביא אחיה השילני, דער פאָרשטעהער פון רעליגיאָן, האָט געהאָלפען און אויפגעמונטערט ירבעם בן נבט צו אַנ׳אויפשטאַנד. דערפאַר האָט ירבעם בן נבט, בשעת ער איז שוין געווען אויפ׳ן פערד, אוועקגעשטעלט צוויי קעלבער און געזאָגט צום פאָלק: „אלה אלוהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים".— דאָס זענען דיינע געטער ישראל, וואָס האָבען דיך ארויסגעפיהרט פונ׳ם לאַנד מצרים.

די צווייטע שפּאלטונג איז געווען אין דער צייט פון די חשמונאים, ווען דאָס יודישע פאָלק איז געווען אונטער די הערשאפט פון די גריכען. דאָס איז געווען די שפּאלטונג פון די צדוקים און די פּרושים. אַ סך מיינען, אַז די סעקטע צדוקים איז געווען אַ פּראָטעסט געגען דעם רעליגיעזען דרוק פון די פּרושים. דאָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג. אַזוי ווי אין דעם ערשטען קאמפף צווישען אפרים און יהודה נאָך שלמה׳ס טויט, אַזוי איז דער באָדען יעצט אויך געווען אַ ריינער פּאָליטישער אָדער ריכטיגער געזאָגט, אַ סאָציאַלער. די פּראָטעסטירענדע פּאַרטיי זענען געווען די פּרושים, ניט די צדוקים. די צדוקים זענען געווען די אריסטאָקראַטען, די הערשענדע פּאַרטיי.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער קאַראַאימישער שפּאַל־

טונג. לכתחילה איז דאָס געווען אַ פּאָליטישער קאַמף. אַ רעליגיעזע פאַרב האָט דער קאַמף בעקומען צופעליג און נאָר שפּעטער האָט זיך דער שטרייט אומגעוואַנדעלט אין אַ ריין רעליגיעזע שפּאַלטונג.

איידער מיר געהען איבער צו שילדערן די איינצעלהייטען פון דער קאַראַאימישער שפּאַלטונג, מוזען מיר נאָך אויפמערקזאם מאַכען אויף איין אומשטאַנד פון די סעקטען-בעוועגונגען אין דעם יודישען פאָלק. אָט דעם אומשטאַנד איז נויטיג צו נעהמען אין בעטראַכט. אום צו פערשטעהן ריכטיג די בעדייטונג פון דער קאַראַאימען-שפּאַלטונג. דאָס איז נעמליך: די פאָלגען, וואָס יעדע פון די שפּאַלטונגען האָט געהאַט אינ׳ם יודישען פאָלק בכלל און אין דער קאַראַאימישער סעקטע בפרט. די פאָלגען זענען פונקט דער הפוך פון דעם, וואָס מיר בעמערקען אין גרויסע סעקטאַנטען-בעוועגונגען ביי אַנדערע קולטור־נאַציאָנען, ווי צב״ש: ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

די פּוריטאַנער, די בעדייטענדסטע רעליגיעזע סעקטע פון ענגלאַנד, און די פּראָטעסטאַנטען — די דייטשע און די פראַנצויזישע מתנגדים — זענען ביים ערשטען בליק שטאַרק עהנליך צו די יודישע צדוקים און קאַראַאימען. ווי יענע, אַזוי אויך אָט די האָבען פּראָטעסטירט געגען די טויזענדפאַכע צאַהמען און פּלאָנטערס, וואָס האָבען אַרומגעפלאָכטען, געדריקט און געשטערט דעם פרייען מענשענס-גייסט. זיי האָבען זיך געוואָלט האַלטען אָן דער פּשוט׳ערער, ריינערער רעליגיאָן פון דער ביבעל. ווערהענד אָבער די פּוריטאַנער האָבען געבילדעט דעם פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָן, און די פּראָ־טעסטאַנטען האָבען געשאַפען די גרעסטע דענקער און פריי־הייטס-קעמפפער פון אייראָפּאַ, זענען די גרעסטע דענקער און פרייהייטס־קעמפפער פון יידישען פאָלק אַרויס נ י ט פון די

פּראָטעסטאַנטען, נאָר דוקא פון די, געגען וועלכע די פּראָ־טעסטאַנטען האָבען געקעמפּפט.

די גרעסטע רעוואָלוציאָנערען פון דער אַלטער וועלט — די נביאים זענען געוועןאינ'ם לאַנד יהודה און ניט אין אפרים. די ערשטע יודישע פּראָטעסטאַנטען, די בני אפרים, וועלכע האָבען צעבראָכען דעם דעספּאָטישען יאָך פון רחבעם און געבילדעט א זעלבסטשטענדיגען פרייען שטאַאט, זענען אַריינ־געפאַלען אין מאָראַלישע פערדאָרבענהייט, זענען ניט געוועזען אין שטאַנד צו פערטיידיגען זייער לאַנד גענען דעם ערשטען דרוק פון שלמנאסר מלך אשור און זענען אונטערגעגאַנגען; וועהרענד דאָס לאַנד יהודה האָט א לאַנגע צייט געקעמפּפט פאַר אינערליכע און אויסערליכע פרייהייט, און נאָר די אייזערנע מאַכט פון רוים האָט עס געקענט אינגאַנצען צעברעכען. די חשמונאים, אָט די העלדען וואָס האָבען בעפרייט דאָס יודישע פּאָלק פון גריכישען יאָך, זענען געוועזען אָנהענגער פון די פרושים און ניט פון די צדוקים. די יודישע פרייהייטס־קעמפּפער אין איצטיגער צייט אין אַלע לענדער זענען קינדער פון די תלמוד־דיסטען, און ניט פון די קאַראַאימען. די קאַראַאימער זענען אין אַלע גייסטיגע און געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען פון דעם 19־טען און אָנהויב 20־טען יאָהרהונדע־ט אזוי ווי אויסגעלאָשען...

די הויפּט-אורזאַכע פון די פערשיעדענע רעזולטאַטען אין דער סעקטען־בעוועגונג ביי יודען און אנדערע פעלקער דאַרף מען זוכען אין דעם פאַקט, וואָס יענע פעלקער האָבען געלעבט און לעבען נאָך יעצט א נאָרמאַלען פּאָליטישען און נאַציאָנאַלען לעבען, זענען קיינמאָל ניט געוועזען אָבגעריסען פון זייער טערי־טאָריע, וועהרענד דאָס יודישע פּאָלק האָט דעם גרעסטען טייל פון זיין עקזיסטענץ אַלס א פּאָלק געלעבט אָהן א באָדען, ווי אַנ'אייביגער נע-ונדניק. זיין לעבען, זיין נאַציאָנאַלער כאַראַקטער

האָט זיך מעהר אויסגעאַרבייט פון א ו י ס ע ר ל י כ ע אומשטענ־
דען, ווי פון געזונדע נאַטירליכע אינערליכע קרעפטען. שוין די
מלכות אפרים, אין דער צייט פון פּאָליטישער פרייהייט, האָט
זיך ניט געקענט זעלבסטשטענדיג ענטוויקלען, ווייל דער שעד־
ליכער איינפלוס פון דרויסען, פון די פיינדליכע שכנים האָבען
איהר צו אָפט און צו שטאַרק געשטערט אין איהר אינערליכען
לעבען און ענדליך, נאָך א קורצען קאַמפף, געמאַכט צו איהר
א סוף.

עס זענען געווען נאָך אורזאַכען, וועלכע האָבען געמאַכט
די יודישע סעקטען, אנשטאַט א קראַפט וואָס שטויסט ווייטער
דעם לעבען און שאַפט נייע פאָרמען און א נייעם אינהאלט
— הינטערשטעליג, רעאַקציאָנער און מעהר פעראַלטעט, ווי די
אַלטע פאָרמען געגען וועלכע זיי האָבען געקעמפפט. און אָט די
אורזאַכען וועלען מיר ווייטער ערקלערען.

II

די לאַגע פון יודען אונטער די אַלטע קאַליפען און ענן'ס קאַמפף פאַר „ריש גלותא".

און דעם 8־טען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער
צייטרעכנונג איז אין דעם לעבען פון די מזרח־פעלקער פאָר־
געקומען א גרויסע פערענדערונג. די ניי־געגרינדעטע מאָהאַמע־
דאַנישע רעליגיע האָט אויפגעוועקט א סך אראַבישע און
אַנדערע אזיאַטישע און אפריקאַנישע שטאַמען, וועלכע האָבען
דאַן געדרימעלט אין א האַלב ווילדען וואַנדערלעבען; זי האָט
זיי צוגעצויגען צו דער קולטור פון די גרעסערע און געבילדעטערע
נאַציאָנען, און צו דער זעלבער צייט אויפגעוועקט אין זיי

געפיהלען און שטרעבונגען צו הערשאפט און מאכט, פון וועלכע די אראבישע שטאמען האבען פריהער גאר ניט געטרוימט.

אויף די יודען, וועלכע האבען געהאט א שטארקען חלק אין דער נייער מאהאמעדאנישער אמונה, אזוי ווי מיט זיבען הונדערט יאהר פריהער, אין דער קריסטליכער רעליגיאן, האט די דאזיגע איבערקעהרעניס אין דעם לעבען פון די מזרח־פעלקער אויך געהאט, פערשטעהט זיך, א גרויסען איינפלוס. זיי האבען די ערשטע אויסגענוצט די נייע וועגען, די לעבעדיגע פערבינדונגען צווישען אבגעלעגענע פעלקער און לענדער, דורך די זיעגען פון די אראבער, וועלכע האבען געקעמפפט מיט א מורא׳דיגע בעגייסטערונג אין דעם נאמען פון זייער נייער רעליגיאן.

אין דעם לעבען פון די יודען וואס האבען געוואוינט אין אראביען איז באלד פארגעקומען א שטארקע ענדערונג. פון איין זייט האבען א סך יודישע געמיינדען, וועלכע האבען געלעבט כמעט אין פאליטישער אונאבהענגיגקייט אין זייערע פערוואר־פענע ווינקלעך פון אראביען *), פערלארען זייער פרייהייט און געמוזט -- נאך ביטערע קאמפפען זיך אונטערווארפען דעם יאך פון די ניי־געגרינדעטע אראבישע מלוכות. א סך יודען האבען געמוזט אויסוואנדערן און בעזעצען זיך אין אנדערע לענדער.

פון דער אנדערער זייט האבען זיך אומגעביטען די עקאנאמישע פערהעלטעניסע. פריהער האבען זיך כמעט אלע יודען בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט און געפיהרט א פשוט׳ען לעבען נאהענט צו דער נאטור, אזוי ווי א סך פון זייערע שכנים,

---

*) אט די אונאבהענגיגע יודישע געמיינדעס אין אראביען האבען געגעבען א גרונד צו די בעריהמטע לעגענדען וועגען די „עשרת השבטים" „בני משה און דעם טייך סמבטיון".

די אַראַבער. יעצט האָבען זיי זיך אָנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען מיט האַנדעל, מיט וויסענשאַפט. זיי זענען געוואָרען די פער-מיטלער צווישען די ניי-פערבונדענע פעלקער און האָבען אַ סך מיטגעווירקט אין דעם קאָמערציעלען און גייסטיגען פערקעהר פון פערשיעדענע נאַציאָנען און לענדער.

די קאַליפען, די נייע אַראַבישע הערשער, האָבען לכתחילה די יודען בעקעמפפט ניט בלויז דערפאַר, וואָס זיי, די יודען, זענען געווען געגענער פון דער מאָהאַמעדאַנישער רעליגיאָן, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַזוי מוטיג געקעמפפט פאַר זייער פרייהייט. שפּעטער אָבער, ווען די קאַליפען אַליין זענען געוואָרען מעהר ציוויליזירט, האָבען זיי פערשטאַנען צו שעצען די פעהיגקייטען פון די יודען און האָבען געגעבען זיי די רעכט צו וואוינען אומעטום. אָפט האָבען זיי יודען פערטרויט הויכע פּאָליטישע שטעלען.

אין זייער אינערליכען געזעלשאַפטליכען לעבען זענען יודען געווען כמעט אונאבהעניג. אין אַלע שטעדט זענען זיי געווען אָרגאַניזירט און געמיינדען, האָבען געהאַט זייערע אייגענע פיהרער און ריכטער און האָבען געלעבט כמעט אינגאַנצען נאָך זייערע אייגענע דינים, מנהגים און זיטען. נאָר אַ געוויסע אָב-צאָהלונג האָבען זיי גערארפט צושטעלען דער רעגירונג. אום צו זאַמלען די דאָזיגע אָבצאָהלונג, ווי אויך צו האָבען אַ פערמיט-לער, אין אַלגעמיין, צווישען דעם יודישען פאָלק און דער רעגירונג, האָבען די יודען אַליין ערוועהלט אין דער קאַליף האָט בעשטעט-טיגט אַ „ראש גלותא״, דאָס הייסט: דער עלטעסטער פון די פארטריבענע״.

דאָס איז געווען אַ מין וויצע-קעניג מיט אַ גרויסער פּאָ-ליטישער מאַכט. ניט אַלע מאָל האָט דער „ראש גלותא״ בענוצט זיין מאַכט צו פערטיידיגען זיין פאָלק. ניט זעלטען

פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט בעקומען דורך זיין אמט דורך באבאר און פערראט צו זיין פאלק און אויסנוצען דערנאך זיין מאכט אום אויסצופרעסען ביי די געמיינדען דאס לעצטע פערמעגען. קיינמאל איז דער אמט פונ׳ם „ראש גלותא אבער ניט געפאלען אזוי נידעריג ווי אין דעם אנפאנג פונ׳ם 8־טען יאהרהונדערט, צו דער צייט, ווען עס איז ענטשטאנען די סעקטע פון די קאראאימען.

דאס אמט פונ׳ם ראש גלותא פלעגט איבערגעהן בירושה פונ׳ם טאטען צום זוהן. דער ראש גלותא פון יענער צייט איז געווען אנ׳אונבעדייטענדע פערזאן. ער האט ניט געהאט קיין זיהן, און נאך זיין טויט זענען, ווי אימער אין אזא פאל, געוואר רען שטרייטיגקייטען צווישען פערשידענע פארטייען. די וויכטיגסטע קאנדידאטען אויף דעם יודישען „וויצע-קעניגס טראן״ זענען געווען צוויי ברידער, נאהענטע פערוואנדטע צו דעם פערשטארבענעם ראש גלותא. איינער פון זיי איז געווען ווניג געלערענט און האט איבערהויפט ניט בעזעסען די איינגע־שאפטען פון א פאלקספארשטעהער. דערפאר איז ער געווען א פרומער מענש. זיין ברודער, ענן, איז געווען, פערקעהרט, א געלערנטער מאן, מיט גרויסע פעהיגקייטען פון אנ׳אנפיהרער און מיט א שטארקען עהרגייץ. און זיין פרומקייט האט מען אבער שטארק ניט געגלויבט. מען האט גערעדט אויף איהם, אז ער גלויבט ניט אין א סך זאכען פון תלמוד.

די אנפיהרער פון פאלק אין גייסטיגען אדער גיכער רעליגיעזען לעבען, זענען געווען געוועהנליך די „ראשי המתיב־תות״ אדער די עלטעסטע פראפעסארען פון די צוויי גרעסטע תלמודישע אקאדעמיען אין סורא און אין פומבדיתא צוזאמען מיט די אנדערע לעהרערס. דער „ראט״ פון אט די תלמודיסטען וואס האט זיך גערופען „ישיבת הגאונים״, מיט די צוויי „ראשי

המתיבתות" אין דער שפּיץ, האָבען געהאַט אַ גרויסע דעה אין אויסקלייבען דעם ראש גלותא. אויסער דריי פון זיי זענען אַלע יעצט געווען געגען ענן.

דער קאַמפּף איז געווען אַ הייסער. דער סוף איז געווען, אַז ענן'ס געגנער האָבען געזיעגט: ערוועהלט איז געוואָרען ענן'ס ברודער און דער קאַליף האָט איהם בעשטעטיגט. די קאַראַאימער בעהויפּטען, אַז ענן'ס געגנער האָבען איהם פער־מסר'ט פאַר'ן קאַליף, אַז ער איז אַ מורד במלכות און מען האָט דאַריבער איהם אַריינגעוואָרפען אין געפענגניס. אבוגאַפאַ אַלמאַנזאָ, דער קאַליף פון יענער צייט, האָט אין אָנפאַנג פון זיין רעגירונג געהאַט אויסצושטעהן אַ ביטערען קאַמפּף מיט יודישע רעוואָלוציאָנערען אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געוויסען עיסו. דער קאַליף האָט דארום געגלויבט די מסירה און ענן איז פערמשפּט געוואָרען צום טויט.

אין געפענגניס איז ענן צופעליג בעקאַנט געוואָרען מיט אַ געוויסען אבו חאַניפאַ, אַ מאַהאָמעדאַנישען געלעהרטען און פילאָזאָף. דער דאָזיגער אבו חאַניפאַ האָט איהם געגעבען אַן עצה, ער זאָל זיך ערקלערען אַלס געגנער פון דער יודישער תלמודי׳שער רעליגיאָן און אַנ׳אַנהענגער פון אַ רעליגיעזע סעקטע וואָס אַנערקענט ניט דעם תלמוד און שעצט מאַהאָמעד פאַר אַ נביא. ווי עס שיינט האָט דער דאָזיגער פּלאַן געווירקט. דער קאַליף האָט דאַן גאָר אַנדערש אָנגעהויבען צו קוקען אויף ענן און זיין פאַרטיי און האָט איהם אויך בעפרייט פון געפענגניס.

III

ענן און די פריהערדיגע יודישע סעקטען.

ווען ענן האָט פריהער געהאט נאָר איין געדאנק: צו בעקומען דאָס אַמט פונ׳ם „ראש גלותא״, האָבען יעצט אלע אומשטענדען און זיין אייגענער עהרגייץ איהם געטריבען צו ווערען דאָס, פאר וואָס ער האָט זיך אויסגעגעבען. ווען איהם איז ניט געלונגען צו שטעהן אן דער שפּיץ פון גאנצען יודישען פאָלק האָט ער ווענינסטענס געוואָלט זיין דער אנפיהרער פון אַ טייל פאָלק. דערצו האָט ער געדארפט ווייזען פראקטיש דעם קאָליף, אַז ער געהערט ניט צו דערזעלבער רעליגיאָן, ווי די תלמודישע יודען.

ענן האָט דארום גענומען גרינדען פון זיין פּאָליטישע פארטיי אַ רעליגיעזע סעקטע. שאפען עטוואָס נייעס האָט ער אייגענטליך ניט געהאט נויטיג. צו יעדער צייט זענען ביי יודען, ווי אין יעדען אַנדער פאָלק, געוועזען פּראָטעסטאנטען געגען די אלגעמיין אנערקענטע רעליגיאָן. עס איז אָבער אַ טעות, ווען מען זאָל רעכנען, אַז די פּראָטעסטאנטען זענען אימער בעשטאַנען פון זעלבסטבעוואוסטע דענקער, וואָס האָבען געוואָלט צער־ברעכען דעם פאָלקס גייסטיגע קייטען און בעפרייען זיין געדאנק; ווי עס איז אויך אַ טעות צו רעכנען, אַז דער תלמוד בעשטעהט נאָר פון אַ גאנצען בארג פּלאָנטערס און דריידלעך, וואָס געוויסע פאנאטיקער האָבען מיט אַ כיוון אָנגעפּלאָנטערט, כדי צו פער־שטומפּפען און פערקלאָמערן דעם יודענס גייסט.

דער תלמוד, אַזוי ווי די ביבעל, איז ניט מעהר, ווי אַ קולטור היסטאָרישער מאָנומענט פונ׳ם יודישען פאָלק אין אַ געוויסער צייט פון זיין עקזיסטענץ. דאָ האָט איהר אי לעגענדען, אי היסטאָרישע פאַקטען, אי דינים, זיטען, מנהגים,—אייגענע און פרעמדע— ווי אויך פּאַרצייטיגע וויסענשאַפטען: פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פּאָעזיע, משלים, וויצען, גלייכ־ווערטליך א. אז. וו. קורץ דאָס איז אַ שפּיגעל פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען, סאָציאַלען און פאַמיליען לעבען.

אַזוי האָבען געקוקט אויפ׳ן תלמוד די גייסטיגע פיהרער פונ׳ם יודישען פאָלק אין די ליכטיגערע מאָמענטען, ווען יודען איז געווען מעגליך צו נעהמען אַנ׳אַנטייל אין דעם קולטורעלען לעבען פון די אַרומיגע פעלקער. אין די פינסטערע צייטען אָבער, ווען מען האָט זיי געיאָגט אוּ געהעצט און געפּייניגט, און אויב מען האָט זיי ערלויבט צו לעבען און צו אָטעמען, איז דאָס געווען אין אַ ענגען, שמוציגען געטאָ, אונטער אונאויפהערליכע בעליידיגונג און שאַנדע— האָט זי[illegible] דאָס יודי[illegible] פאָלק צו [illegible]ע־צויגען אין זיך, און אַזוי ווי שטאַרבען האָט עס ניט ג[illegible]וואָלט און ניט געקענט, ווייל עס האָט בעזעסען צו פיעל גייסטיגען לעבען, האָט עס זיך אַרומגעוויקעלט מיט זיינע אַלטע פערטריי־קענטע בלעטער, אַזוי ווי אַנ׳איינסעקטען־פּופּע מיט איהרע געוועבעכטס און אינעווייניג האָט עס קוים קוים דערהאַלטען זיין אָטעם און זיין לעבען.

אין אַזאַ צושטאַנד איז יעדער פינטעלע פון די אַלטע בלעטער געווען טייער און הייליג, ווייל נאָר אין זיי אינעווייניג איז געווען מעגליך באַטש ווי עס איז צו לעבען. אין אַזאַ צו־שטאַנד שיינט יעדע אינערליכע רעפאָרם אוננאַטירליך און אונזיניג, וואָרום צו וואָס נוצען די אינערליכע רעפאָרמען, אַז פון אויסען איז דער לעבען סיי ווי סיי קיין לעבען ניט? און

דעריבער איז יעדע רעפאָרם־מאַבער, וואָס האָט געוואָלט צע־רייסען די אלטע בלעטער, געווען פעררעכענט ביי דעם פאָלק פאַר א פיינד, פאַר א פעררעטער. אויס ליעבע צו זיין אונגליק־ליכען פאָלק האָט ניט איין רעפאָרמער אין אַזעלכע פאַלען אויפגעגעבען זיינע פלענער און געשמאַכט צוזאַמען מיט זיינע ברידער און פינסטערנים און עלענד. די יעניגע אָבער, וואָס ביי זיי זענען די רעפאָרם־אידעען געווען בלויז א מיטעל צו עהרגייציגע שטרעבונגען, האָבען זיך אין אַזעלכע פאַלען אָבגעריסען, געמאַכט א בעזונדער קלייזעל מיט א בעזונדער שלחן ערוך און זענען מיט זייער הייפעל אוועק ניט פאָרווערטס, נאָר צוריק צו די אָבגעלעבטע זיטען און זענען אין אַזא צושטאַנד פערהאַר־טעוועט און פערשטיינערט געוואָרען נאָך מעהר ווי די, געגען וועלכע זיי האָבען זיך ארויסגעשטעלט אלס פּראָטעסטאַנטען.

א הייפעלע פון אמאָליגע סעקטען האָבען זיך נאָך וואו ניט וואו געוואַלגערט אין די אָבגעלעגענע ווינקלאַך פון ארץ ישראל, בבל און פרס. דאָס זענען מייסטענס געווען די איבערבלייבכטסען פון די אמאָליגע צדוקים און איסעער. די לעצטע זענען געווען א מין סאָרט יודישע מאָנאַכען. אָט די רעסטען פון אמאָליגע סעקטען האָבען געדיענט ענז׳ען אלס א מוסטער פאַר זיין נייער לעהרע. זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך גערופען מיט זיין נאָמען „עננים” אָדער „בני מקרא”, א נאָמען פון אַנ׳אַלטער יודישער סעקטעלע, וואָס האָט זיך אַזוי גערופען, ווייל זיי האָבען נאָר געהאַלטען פון „מקרא”, דאָס הייסט פון תנ״ך. „קוראים” אָדער קאַראַאימען האָט זיך די דאָזיגע סעקטע אָנגעפאַנגען צו רופען ערשט שפּעטער.

דער הויפּט־פּונקט פון דער קאַראַאימער לעהרע איז געווען ניט צו אַנערקענען די אויטאָריטעט פון תלמוד און צו בעגרינדען דעם גייסטיגען יודישען לעבען אויפ׳ן תנ״ך. הויפּט־

זעכליך-- אויפ׳ן חומש.

אין דער פּראַקטיק איז דאָס אָבער געווען ניט אַזוי לייכט. אין חומש זענען דאָ אַזעלכע געזעצען און פאַראָרדנונגען, וואָס האָבען זיך געפּאַסט צום פאָלקס-לעבען מיט טויזענד יאָהר צוריק, אָבער ניט יעצט. דער תלמוד האָט מיט פערשיעדענע איינפאַלען אַ טייל פון אָט די געזעצען און פאַראָרדנונגען אָבגעשאַפט, אַ טייל רעפאָרמירט. אָט די רעפאָרמען האָבען פון זייער זייט געהאַט צוריק אַנ׳איינפלוס אויף דעם פאָלקסלעבען, געשאַפען נייע דינים, מנהגים, זיטען, געוואוינהייטען,-- און געגען די דאָזיגע צו קעמפּפען איז געווען אוננוצליך, ווייל זיי זענען צו טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין לעבען. אַזעלכע אָרדנונגען און זיטען האָט מען געמוזט לאָזען, כאָטש זיי זענען גאָר ניט געווען אין גייסט פון חומש.

דאָן זענען דאָ אַ סך געזעצען אין חומש, וועלכע זענען ניט דייטליך, וועלכע מען מוז ערקלערען. אַנדערע האָבען איבערהויפּט קיין זין ניט, ווען מען זאָל זיי נעהמען בוכשטעבליך. מען מוז זיי, אויף וואָסער עס איז אָרט, אויסטייטשען. ענן האָט אַלזאָ אַ סך פון די דינים און מנהגים פון יודישען פאָלק געמוזט לאָזען אונבעריהרט, אַנדערע, וואָס ער האָט געשאַפען לויט דעם חומש, האָט ער געמוזט ערקלערען כמעט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי דאָס האָבען געטאָן די תלמודיסטען.

אויף אַזאַ נ׳אויפן איז די קאַראַאימישע לעהרע געגרינדעט געוואָרען אויף דריי פּרינציפּען: 1) „כתב“, שריפט, דאָס הייסט: חומש, תנ״ך; 2) היקש--פערגלייכונג, דאָס הייסט אַרויסנעהמען לאָגיש איין זאַך פון דער אַנדערער דורך אַוועלכע ס׳איז פערגלייכונג; 3) „מוסכם“--טראַדיציע, דאָס הייסט: אַזעלכע אָרדנונגען און זיטען, וואָס עקזיסטירען אין פאָלקס לעבען פון דור דורות און זענען איבערגעגעבען געוואָרען דורך

לעהרע און ערציהונג פון עלטער-עלטער-זיידעס צו אור־אור־אייניקלאך.

מיר זעהען אלזא, אז אין צוויי-דריטעל האט די קאראאי־מישע לעהרע געמוזט אננעהמען דעם זעלבען כאראקטער, וואס דער תלמוד׳ישער יודענטום האט געהאט. אום ער זאל אבער דאך ניט זיין דאס זעלבע, האט מען זיך געמיהט א סך זאכען בלויז אומקעהרען אויף דער לינקער זייט, איבערניצעווען, עס זאל כלומרשט האבען אן אויסזעהען פון עפעס נייעס.

את די ענדערונגען האבען אבער אין אלגעמיין ווענינ בעריהרט דעם פראקטישען לעבען. די הויפט-ענדערונגען זענען געמאכט געווארען אין די דינים פון שבת, יום טוב, און די בעציהונגען צווישען מאן און ווייב און אין די הלכות כשר און טרייף. אין את די אלע זאכען זענען די קאראאימישע דינים גראד א סך שטרענגער ווי די תלמוד׳ישע. בעזונדערס דורך זייערע דינים פון שבת האבען די קאראאימער אומגעוואנדעלט דאס שענסטע פון דער יודישער קולטור, דעם טאג פון רוהע, פרייד און פערגניגען, אין א טאג פון מאטערניס און ליידען. שבת טארען די קאראאימער ניט ארויס פון הויז, אויב אין איין שטוב מיט זיי וואוינען ניט-יודען; שבת טאר מען ניט מל זיין א זוהן; מען טאר ניט היילען א קראנקען, אפילו ווען ער איז געפעהרליך; מען טאר ניט אנווארעמען קיין שפייז, וואס איז אפילו געקאכט געווארען פאר שבת. פרייטאג ביי נאכט טאר מען ניט אנצינדען קיין ליכט, אפילו דורך א גוי. אפילו ווען דאס ליכט האט מען אנגעצונדען פרייטאג ביי טאג, טאר עס שבת ניט ברענען. פרייטאג ביי נאכט מוזען די קאראאימען זיצען אין דער פינסטער, ווייל עס שטעהט אין פסוק: „לא תבערו אש בכל מושבותיכם״. (איהר זאלט ניט אנצינדען קיין פייער אין אלע אייערע וואוינונגען). את די אלע שווערנקייטען

האָט ענן איינגעפיהרט דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגענומען די פסוקים אין זייער בוכשטעבליכען זין. אין כשר און טריפה האָט ער אָנגעמאַכט חומרות גאָר אָהן א גרענעץ. ער האָט במעט גאָר אין גאַנצען פערבאָטען עסען פלייש, אויסער פלייש פון הירשען. די קאַראַאימישע געזעצען וועגען שידוכים זענען נאָך מעהר משונה׳דיג. משדך זיין זיך איז פערבאָטען ניט נאָר די קרובים, וואָס ווערען דערמאָנט אין חומש, נאָר אפילו אויך קינדער פון דעם ערשטען מאַן און דער ערשטער ווייב, דאָס הייסט: שטיף־שוועסטער מיט שטיף-ברידער. און ניט נאָר זיי אפילו זייערע קינדער און קינדסקינדער ביז צום פערטען דור טאָרען זיך ניט מתחתן זיין. און ניט נאָר שטיף־קינדער פון מאַן און ווייב, וואָס לעבען צווישען זיך, אפילו ווען זיי האָבען זיך גע׳גט, אָדער זענען צעשטאָרבען — זענען אויך זייערע קינדער פון דער פריהערדיגער הייראַט איינע צו די אַנדערע פערבאָטען. דערפון איז ארויס אזא פלאָנטער, אז נאָך א צייט פון איינינע דורות איז במעט ניט געבליבען א פּאָר קאַראַאימישע פאַמיליען, וואָס זענען ניט געווען איינער מיט דעם אנדערן אין אזא סאָרט קרובה׳שאַפט אָדער מחותן׳שאַפט. דאַן איז מען געווען געצוואונגען א ביסעל צו פערגרינגערען. צו אזעלכע פלאָנטערס האָבען געפיהרט די קאַראַאימישע געזעצען, ווייל די געזעצגעבער זייערע האָבען ניט פערשטאַנען, ניט דעם גייסט פון פאָלק, ניט די אומשטענדען פונ׳ם לעבען. זיי האָבען דאָס לעבען צוגעשניטען נאָכ׳ן פסוק און ניט צוגעפּאַסט דעם פסוק צום לעבען. דאָס קען מען זעהן בעזאָנדערס דייטליך דערפון, וואָס זיי האָבען אָבגע־שאַפט אַלע תפילות, וועלכע האָבען געהאַט א פּאָעטישען זינן, אָדער א היסטאָרישע בעדייטונג, און האָבען איינגעפיהרט אנדערע טרוקענע, געשמאַקלאָזע תפילות און פסוקים. זיי האָבען אויך אָבגעשאַפט דעם חנוכה־יום טוב, די טעג, וואָס עראינערען

אָן די שענסטע מאָמענטען אין דער יודישער היסטאָריע.

מיר וואָלטען, פערשטעהט זיך, בעגאַנגען אַן אונרעכט נעגען די קאַראאימען, ווען מיר זאָלען ניט אָנווייזען די אייניגע גוטע זייטען פון זייערע פיהרונגען. דער הויפט נוצען וואָס זיי האָבען געבראַכט זיך און די תלמוד׳ישע יודען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען געהייסען שטודירען דעם פשוט׳ן זין פון תנ״ך. דורך דעם האָבען זיי ענטוויקעלט די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך. דערין זענען זיי אָבער שליסליך אויך געבליבען הינטער די תלמוד׳יסטען מיט צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער. אין דער שפּאַניש־אַראַבישער פעריאָדע פון דער יודישער געשיכטע, ווען די העברעאישע פּאָעזיע האָט דאָן דערגרייכט צו אזא גלענצענדער ענטוויקלונג, זענען דאָס געווען די תלמוד׳ישע יודען, וואָס האָבען ארויסגעבראַכט די גרעסטע דיכטער און דענקער פון יענער צייט, און ניט די קאַראאימען. וויכטיגע סאָציאַלע רעפאָרמען האָבען זיי (די קאַראאימען) איינגעפיהרט דערמיט, וואָס זיי האָבען גלייך געשטעלט די זיהן מיט די טעכטער אין ירושה, און האָבען בעשלאָסען, אז דער מאַן טאָר ניט ירש׳ענען די פרוי. זיי האָבען אָבגעשאַפט לעגען תפילין צום דאַווענען. אָט די עטליכע ערלייכטערונגען האָבען אָבער אַ גאַנץ קליינע בעדייטונג אין פערגלייך מיט די אונגעהויערע חומרות און גייסטיגע פענטעס, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט אין די געזעצען פון שבת און יום טוב, פון כשר און טריפה, פון מתחתן זיין זיך א. ז. וו.

די ערשטע קאַראאימען מיט זייער אָנפיהרער ענן אן דער שפּיץ האָבען געקראָגען די ערלויבנים פון קאַליף אבוגאַפאַר אַלמאַנזאָר צו בעזעצען זיך אין ירושלים. דאָרטען האָבען זיי געגרינדעט אַ קליינע געמיינדע, געבויט פאַר זיך אַ שול און האָבען געלעבט אויף זייער שטייגער, אַ צוריקגעצויגענעם לעבען,

במעט א לעבען פון מאָנאכען. א געוויסע צייט האָט געדויערט די צאַנקעריי צווישען ענן׳ס אָנהענגער און די תלמודיסטען, א צאַנקעריי, וועלכע איז אייגענטליך מעהר געווען א קאמפף פאַר׳ן טיטול און אמט פונ׳ם „ראש גלותא״, ווי א שטרייט פאר רעליגיעזע איבערצייגונגען. דערנאָך האָט די קליינע, צו־ריקגעצויגענע געמיינדע זיך צעזייט און צעשפּרייט אין די אַרו־מיגע שטעדט פון ארץ ישראל און אויך אין בבל און מצרים, און איז זאָגאר פערקראָכען אין קרים. זייערע קליינע געמיינדען וואָלטען איינגעשלאָפען און פערגעסען געוואָרען מיט דער צייט, אַזוי ווי די עלטערע יודישע סעקטען — די צאַדוקעער און איסעער, אָדער די שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטען, וואָס האָבען הונדערטער יאָהרען שפּעטער אויך אָנגעמאכט א רעש אויף א געוויסע צייט; נאָר די שטאַרקע בעוועגונג און קאַמפף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט א הונדערט יאָהר שפּעטער צווישען די פערשידענע מאהאָמעדאנישע סעקטען, איבערהויפּט צווישען די צוויי סעקטען — די „שייאיטען״ און „סוניטען״ האָבען געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף די יודישע סעקטען. האָבען זיי אויפ־געמונטערט און אריינגעגעבען אין זיי אויף א געוויסע צייט נייעם לעבען און לוסט צום קאַמפף. די שייאיטען זענען געווען א סאָרט מאהאָמעדאנישער קאַראאימער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן דעם קאָראַן (די תורה פון מאהאָמעדאנער), און ניט אנערקענט די ערקלערונגען, וואָס די שפּעטערדיגע מפרשים פון קאָראַן האָבען געמאכט. די סוניטען האָבען אנער־קענט די מאהאָמעדאנישע טראַדיציעס.

די קאַראאימען האָבען דאַן אויך אָנגעהויבען צו ווייזען שפּורען פון לעבען, האָבען ארויסגעגעבען פון זיך עטליכע גע־לעהרטע און אַניטאטאָרען. די מערקווירדיגערע פון זיי זענען: סאָלאָמאָן בן ירוחם, סאהאל און בעזונדערס בנימין נאהאוואנדי.

ביז יענער צייט האָבען די רבנים זיך וועניג געקימערט וועגען זייערע געגנער. נאָר צו יענער צייט איז ביי די תלמוד׳ישע יודען ערשיענען א פערזאָן, וואָס האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער גאַנצער וויטערדיגער יודישער קולטור און איז בכלל געוועזען איינער פון די גרעסטע גייסטער פון יענער צייט. דאָס איז געוועזען דער בעריהמטער רבי סעדיה גאון ער האָט אויפגענומען דעם קאַמפף מיט די קאַראַאימער און דורך דעם קאַמפף איז ענטשטאַנען א שטאַרקע גייסטיגע בעוועגונג אין ביידע לאַגערן, ווייל עס האָט ביי די און ביי יענע געוועקט די שטרעבונג צו פאָרשען און דענקען. ביי א הונדערט יאָהר האָט געדויערט דער קאַמפף. וועהרענד דאָס האָט אָבער געבראַכט צום פאָרטשריט די תלמוד׳ישע דענקער און ביי זיי איז ענטשטאַנען א גאַנצע רייהע פילאָזאָפען און דיכטער, וועלכע האָבען געהאַט א שטאַרקען איינפלוס ניט אויף יודען אליין, נאָר אויך אויף דער גאַנצער מענשליכער קולטור, זענען די קאַראַאימער בּיסלעכווייז אראָב פון דער סצענע און זיך ווידער צוזאמענגעצויגען און איינגעשלאָסען אין א שמאָלער, פערטריקענטער סעקטע, ווי מיר זעהען זי ביי היינטיגען טאָג.

מיר ווילען דאָ רעזומירען (איבערגעבען אין קורצען) די אורזאַכע: פאַר וואָס די קאַראַאימען האָבען ניט געהאַט דעם ערפאָלג, ווי סעקטען ביי אנדערע נאַציאָנען; פאַר וואָס זיי האָבען איבערהויפּט קיין פּראָגרעסיווע בעדייטונג, אזא בעדייטונג אפילו ווי די העלעניסטען *), אין דער צייט ווען די יודען זענען געוועזען אונטער דער מאַכט פון גריכענלאַנד, און— נעהנטער צו

---

*) די פריינד פון דער גריכישער קולטור.

אונזער צייט — די חסידים, וועלכע האָבען דאָך אריינגעטראָגען אביסעל פרישקייט, לעבעדיגקייט און פּאָעזיע אין דעם ענגען צירקעל פונ׳ם פינסטערען געטאָ.

אין דער צייט פון די העלעניסטען זענען די יודען געווען אויף זייער באָדען, ווי אלע אנדערע לעבעדיגע פעלקער. דער העלעניזם האָט אריינגעטראָגען אין יודישען גייסטיגען לעבען א נייעם שטראָם, א נייע וועלט פון אידעען, וועלכע זענען געווען ניצליך אזוי לאנג ווי זייער וועקסעל איז געגאַנגען פריי, נים געצוואונגען. די העלעניסטען און חסידים האָבען ביידע נים געמאכט קיין שפּאַלטונג ביי יודען; זיי האָבען זיך פּאַקטיש נים אָבגעטיילט פון פּאָלק. אי דער העלעניזם, אי דער חסידיזם האָבען געהאַט זייערע וואָרצלען אין אינערליכען לעבען. ביידע האָבען אריינגעטראָגען גאַנץ פערשידענע, אָבער דאָך נייע שטראָמען פון פּאָלקסלעבען. דער קאראאימענטום אָבער איז נים געווען קיין געזונדע, נאַטירליכע ערשיינונג. דאָס איז געווען לכתחילה א צאַנקעריי פאר ..באות. דערצו איז ער, לויט זיין כאראקטער, געווען רעאקציאָנער: ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער אלטער קולטור, וועלכע איז שוין געווען אין א סך הינזיכטען אָבגעלעבט און האָט מעהר נים געהאַט קיין וואָרצלען אין די נייע בעדינגונגען פונ׳ם לעבען. מיר האָבען געזעהן, אז פאר די איינצעלנע גוטע זאכען, וואָס ער האָט איינגעפיהרט, האָט ער דערפאר איינגעשמיעדט דעם פּאָלקסגייסט אין קייטען, וועלכע זענען געווען פיעל שווערער און דריקענדער ווי די אלטע, נעגען וועלכע ער האָט געקעמפּפט.

אין דער צייט ווען דער קאראאימענטום האָט זיך ענט-וויקעלט, איז די עקאָנאָמישע לאגע פון יודען אין די מזרח-לענ-דער עפּעס בעסער געווען ווי פריהער. דערפאר אָבער איז זייער פּאָליטישע און מאָראלישע לאגע געוואָרען פיעל שלימער. אזא

צושטאנד שאפט ניט קיין באָדען פאַר פראָגרעסיווע רעפאָרמען. און דעריבער איז די קאָנסערוואַטיוו־רעפאָרם, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין וואָרצלען אין לעבען, געווען א רעאַקציע, א שריט צוריק.

איינע פון די הויפט־אורזאַכען אָבער, וואָס זענען נאָך ניט אָנגעגעבען געוואָרען, ליעגט אין דעם כאַראַקטער פונ׳ם יודאַאיזם, גענומען, פערשטעהט זיך, אין זיין ריינערער, ליכטיגער פאָרם. די יודישע רעליגיאָן ווייס ניט פון „עקרים״, פון דאָס וואָס אין אנדערע רעליגיאָנען הייסט „דאָגמען״. אויף דער ערשטער פריהערסטער שטופע איז זי כמעט א נאַטור־רעליגיאָן, און א נאַטור־רעליגיאָן בלייבט זי אויך אין איהר העכסטער ענטוויקלונג. אין דער לעהרע פון ספינאָזא, איינ׳גע תלמודיסטען האָבען געוואָלט איינפיהרען ביי יודען „אני מאמין׳ס״, אָבער דאָס האָט זיך ניט צוגענומען.

די יודישע „אני מאמין׳ס, כאָטש מ׳זאָגט זיי אין דאַווענען, האָבען דאָך ניט די געזעצליכע הייליגקייט, ווי די „אני מאמין׳ס״ פונ׳ם קריסטענטום. די יודישע רעליגיאָן פאָדערט זאָגאר ניט, אז מען מוז גלויבען אין גאָט *). וואָס זי פאָדערט, איז נאָר, מען זאָל לערנען און פאָלגען די תורה, ווייל דאָס בעלאַנגט צום לעבען און דעם גליק פונ׳ם פאָלק. און ווייל דער עיקר איז דער לעבען און ניט דער גלויבען, דעריבער האָבען די גרויסע דענקער און קענער פונ׳ם פאָלקסגייסט אימער געהאַט די מעגליכקייט איינצופיהרען אין פאָלקסלעבען רעפאָרמען, ניט ברעכענדיג מיט אמאָל זיין גאַנצע וועלט־אנשויאונג. רבי

*) אויף דעם פסוק אין תהלים: „אותי עזבו ואת תורה שכחו״ (מיך האָבען זיי פערלאָזען און מיין תורה פערגעסען) מאַכט די גמרא: „הלואי וואָלטען זיי מיר פערלאָזען, אָבער מיין תורה ניט פערגעסען).

סעדיה גאון, דער רמב״ם, דער אבן עזרא, משה מענדעלסאָן, נחמן קראָכמאַל, און יצחק בער לעווינזאָהן האָבען צעשטערט די אַלטע אָבגעלעבטע אידעען און אריינגעבראַכט פרישע שטראָמען אין דעם יודענס געדאַנקען־וועלט א סך מעהר, ווי די קאַראַאימען האָבען עס געטאָן. און דאָך האָבען זיי צו קיין שפּאַלטונג ניט געבראַכט, ווייל זיי זענען געווען גרויסע מענשען־קענער און האָבען פערשטאַנען צו בויען אויף אַזאַ אָ׳ארט אַז קיין צערייסונג זאָל ניט פּאַסירען. דאָס יודישע פאָלק, פון זיין זייט, איז אימער געווען פעהיג אָנצונעהמען נייע פאָרמען פון לעבען און פון דענקען, ווען די דאָזיגע פאָרמען זענען אין זיין לעבען אריינגעטראָגען געוואָרען ניט אומגעלומפּערט. נאָר געלאַסען און נאַטירליך, אָהן צוואַנג, אָהן גייסטיגע שמערצען. איבערהויפּט, ווען די נייע פאָרמען האָבען געשטימט מיט די ווירקליכע נייע בעדערפניסען פון לעבען און זענען געפּרעדיגט געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען פערשטאַנען אָט די בעדערפניסען און דעם פאָלקסגייסט, און האָבען זייערע רעפאָרמען צוגעפּאַסט צום ווירקליכען לעבען.

אויף להכעיס די תלמוד׳יסטען האָבען די קאַראַאימער זיך גאַנץ אַנדערש פערהאַלטען צו די צוויי אַנדערע רעליגיאָנען. די תלמוד׳ישע יודען האָבען געקוקט אויפ׳ן קריסטענטום און מאַהאַמעדאַנערטום קרום, זאָגאַר פיינדליך. אָט די פיינדליכע האַלטונג האָט אָבער ניט אַזוי געשטאַמט פון פאַנאַטיזם און אונטאָלעראַנץ, ווי זי איז געווען די פאָלגע פון דער פיינדליכער בעהאַנדלונג, פון דער אונטערדריקונג, וואָס יודען האָבען גע־ליטען פון די קריסטליכע און מאַהאַמעדאַנישע פעלקער. די קאַראַאימער האָבען עפענטליך געמעלדעט, אַז זיי אַנערקענען קריסטוס און מאַהאַמעד אויך פאַר נביאים און דעם קאָראַן און דעם עוואַנגעליום פאַר ביכער וואָס פּרעדיגען, אַזוי ווי תורת משה,

הויכע רעליגיעזע אידעאַלען. דאָס איז אָבער געווען פיעל מעהר א דיפּלאָמאַטישע רעכנונג און חניפה, ווי אן אמת׳ער איבער־צייגטער רעספּעקט צו פרעמדע מיינונגען. ווייל אין פּראַקטישען לעבען זענען די קאַראַאימער געווען אַ סך וועניגער טאָלעראַנט צו די קריסטען און מאהאָמעדאַנער, ווי די תלמוד׳יסטען. זיי האָבען ניט געגעסען קיין שפּייז ווען אַ׳,,ערל״ האָט זיך אין דעם אָנגעריהרט. קריסטען האָט מען געהאַלטען פאַר אונריין. מען האָט געוואַשען פון זיי און קיינמאָל ניט ארויפגעטראָטען אויף זייער שוועל. איבערהויפּט די אַלע דינים פון ,,טומאה״ און ,,טהרה״ וואָס ווערען דערמאָנט אין חומש, היטען אָב די קאַ־ראַאימער ביז׳ן היינטיגען טאָג.

די פערביסענקייט און האס צווישען די קאַראַאימען און תלמוד׳יסטען זענען פערבליבען אויף דור דורות, הונדערטער יאָהרען נאָך דעם, ווי דער קאַמפּף צווישען זיי איז שוין איינגע־שטילט געוואָרען. אין דעם נעגענזייטיגען האס זענען די קאַראַ־אימער אימער געווען פאַנאַטישער און העסליכער, ווי די תלמוד׳יסטען. זיי האָבען פערגעסען, אז ווען זייערע רעליגיעזע מיינונגען זענען אנדערע, זענען זיי דאָך מיט די תלמוד׳יסטען ברידער פון איין פאָלק, פון איין שטאַם. אין דונקעלע צייטען, ווען די תלמוד׳ישע יודען האָבען געליטען שרעקליכע פערפאָל־גונגען און פּיינונגען פאַר זייער גלויבען, פלעגען די קאַראַאימען ארויסטרעטען און מעלדען עפענטליך, אז זיי זענען ניט די זעלבע יודען, אז זיי שעצען קריסטוס און זענען פיינדליך צו די תלמוד׳יסטען.

מיט אזא גאַנג האָבען זיי אויסגעבעטעלט ביי יעקאַטע־רינאַ דער צווייטער אין רוסלאַנד בירגערליכע רעכט פאַר זיך. איבערהויפּט זענען נאָר די ,,פּראַוועס״ געווען די אורזאכע, פאַר וואָס די קאַראַאימער האָבען זיך אימער דערוויטערט פון

זייערע תלמודישע פאָקסברידער. זיי האָבען מורא געהאַט צו
ליידען דורך די צרות און פערפאָלגונגען פון די תלמודישע
יודען. קיין שום מיטלייד האָבען זיי ניט געפיהלט צו די געהעצטע
און געפייניגטע ברידער. נאָר איין געדאַנק האָבען זיי געהאַט:
זיי אליין זאָלען לעבען רוהיג; זיי זאָל מען ניט אָננעהמען, על
פי טעות פאַר יודען!

דוד הראובני און שלמה מאָלכאָ.

דאָס איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטען אין דער מענשליכער געשיכטע.

די ענטדעקונג פון אמעריקא און אנדערע נייע אונבעוואוסטע לענדער, די אויפלעבונג פון וויסענשאַפטען און קונסטען, דער קאמפף פון לוטערן, דעם דייטשען קריסטליכען רעפאָרמאַטאָר געגען די מאַכט פונ׳ם פּאַבסט — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַזא שטאַרקע איבערקערענים אין דער געשיכטע פון די פעלקער, אַז ניט אומזיסט הויבט מען פון יענעם מאָמענט אָן צו רעכענען אַ נייע צייט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענשהייט. עס האָט אויסגעזעהען, אַז די לאַנגע, פינסטערע נאַכט פון פאַנאַטיזם, אַבערגלויבען און ווילדהייט געהט צו ענדע; אַז אויפ׳ן הימעל פון אייראָפּא הויבען זיך אָן פאַרנאַנדערצושלאָגען די כמאַרעס און ערטער ווייז ווייזט זיך אַ ליכטיג פינטעלע, אַ שפור פון אַ שיין, וואָס זאָגט אָן, אַז אין גיכען וועט ווערען ליכטיגער, עס וועט אויפגעהן דער מאָרגענשטערען און וועט ברענגען אַ נייעם לעבען, מיט נייע האָפנונגען פאַר די פעלקער.

דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען קיין עכטע ליכטיגקייט... נאָר איין פּינטעלע, איין שפור פון אַ שוואַכען שיין האָט זיך

אַנגעהויבען צו זעהען. אָבער צייטענווייז האָט פון דעם שיין, די ארומיגע פינסטערנים אויסגעזעהען נאָך שרעקליכער, מורא־דיגער. די פינסטערע שאָטענס פון דער נאכט האָבען אזוי ווי דערשפּירט, אז זייער ממשלה האלט ביים סוף, און זיי האָבען געסטארעט זיך מיט אַלע קרעפטען צו פערשפּרייטען אומעטום זייער מורא און שרעק נאָך דיקער, נאָך טיעפער; זיי האָבען געמיהט זיך צו פערדונקלען די מענשליכע גייסטער, פערבע׳ופ׳ען זיי ווייטער דורך אַלערליי שרעקליכע, פינסט׳ערע מיטלען, כדי מען זאָל ניט מערקען דעם ליכטיגען שיין און—ווידער איינ־שלאָפען אין א מרה שחורה׳דיגען שלאָף ווי טויזענדער יאָהרען בעפאר.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, ווי אָט דער צושטאנד האָט געווירקט אויף דעם יודישען פאָלק. פון איין זייט האָט דער נייער מאָמענט אויפגעמונטערט זיין שלומערנדען גייסט. עס האָט זיך אזוי ווי א צוכע געטאָן דער פערכשופט׳ער העלד און געוואָלט אראָבווארפען פון זיך די קייטען פון טויזענד יעהריגער שקלאפהייט; פון דער אנדערער זייט האָט זיך דער גאנצער האס און צאָרן פון אַלע פיינדליכע קרעפטען אויסגעגאָסען אויף יודען, ווייל יודען זענען געווען דער זינדענבאָק, איבער וועלכען מען האָט געקאָנט טאָן אַלץ וואָס די הארץ גלוסט, ניט האָבענ־דיג מורא פאר ראַבע אָדער שטראָף.

עס האָט זיך געדוכט, אז קיינמאָל איז די יודישע וועלט ניט געווען פינסטערער און טרויעריגער ווי אין יענער צייט.

דער אויפגעוואכטער יודישער גייסט, דאָס שטרעבען צו פרייהייט האָט אין יענעם דיקען חושך גאָר ניט געקענט האָבע קיין פראַקטישען באַדען. ווי העלדיש און ווי מוטיג דער יודישער גייסט וואָלט ניט זיין, איז די ארומיגע פינסטערנים געווען נאָך אזוי דיק, אז ווענען א נאטירליכען קאמפף איז געווען אונמעגליך

צו קלערן. דאָס וואָלט געווען אַן אונזין, ווי עס אונזיניג פּאָר אַ פליעג צו קעמפּפען מיט אַ לייב. דערצו האָט אויך גע־פעהלט אַ פּראַקטישע, אַ לעבעדיגע סיסטעם, ווי אַזוי צו פיהרען דעם פרייהייטס־קאַמפּף: ניט אומזיסט זענען אַוועק דרייצעהן הונדערטיאָהר נאָך דער לעצטער יודישער רעוואָלוציע פון בר כוכבא אין רבי עקיבא. דער לאַנגער, פינסטערער גלות האָט אָבגעשוואַכט דעם יודענס גייסטיגע און קערפּערליכע קרעפטען. די נייע שטרעבונגען האָבען זיך געקענט אויסדריקען נאָר אין דונקעלע פאַנטאַזיעס, אין חלומות און קרענקליכע פאַרשטעלונ־גען, וועלכע האָבען אי געטרייסט דעם יודענ׳ס האַרץ, אי אָנגעמאַכט איהם טיעפע יסורים.

דערמיט ערקלערט זיך, וואָס קיינמאָל איז ביי יודען ניט געווען אַזוי בעליעבט, אַזוי ענטוויקעלט די לעהרע פון קבלה, ווי אין יענער צייט. דער טרוקענער תלמוד, דער פּלפּול האָט די אויפגערעגטע גייסטער און די צוקלעמטע בענקענדע הערצער שוין ניט געקענט צופרידענשטעלען; נאָך ווייניגער האָט זיי געקענט בערוהיגען און אויפמונטערן די שרעקליכע ווירקליכקייט.

די קבלה איז געווען אַ פאַנטאַסטישער צויבער־שלאָס, וואָס האָט אויפגעהויבען דעם יודען הויך, הויך איבער דער טרויעריגער, פינסטערער ערד. דאָרטען איז דער יוד געווען ווייט פון זיינע שונאים, אַהין — אין זיין גייסטיגער וועלט, האָבען זיי ניט געקענט צוקומען. אין צויבער־שלאָס פון קבלה איז די צוקונפט און פערגאַנגענהייט געוואָרען אַ יעצט, דער וואונש איז געוואָרען אַ ווירקליכקייט און קיין זאַך איז ניט געווען אונמעגליך.

אין אָט דער שרעקליכער צייט האָט דאָס יודישע פאָלק אַרויסגעבראַכט אַ פּאָר העלדען־מענער, וואָס די ליידען פון זייערע ברידער האָבען אַזוי פיעל געדריקט זייערע איידעלע

הערצער, אז זיי האָבען בעשלאָסען צו אָפּפערן זיך אינגאַנצען אום צו ראַטעווען זייערע עלענדע ברידער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון דעם פינסטערען גלות. דאָס זענען אָבער ניט געווען געוועהנליכע העלדען, ווי יהודה המכבי, אָדער בר כוכבא; נאַטירליכע העלדען מיט אַן אייזערנעם כח און אַ גרויסען טאַלאַנט צו אָרגאַניזירען און אָנפיהרען אַ פאָלק. ניט דורך אָרגאַניזאַציאָנס-טאַלאַנט, ניט מיט זייער קערפּערליכען כח האָבען זיי געוואָלט בעפרייען זייער פאָלק, נאָר דורך זייער איינגעבילדעטער איבערנאַטירליכער קראַפט, מיט דער הילף פון קבלה, פון סודות און שמות האָבען זיי געהאָפט צו ווירקען אויף די גייסטער און דערגרייכען זייער איידעלען צוועק. עס פערשטעהט זיך, אַז זיי זענען אומגעקומען אין זייער קאַמפף, און זייער פאָלק האָבען זיי קיין רעטונג ניט געבראַכט. אָבער דאָך האָבען זיי בעוויעזען העלדענטאַטען, אמת׳ע, כמעט איבערנאַטירליכע, וועלכע האָבען געמאַכט צום שטוינען די גרעסטע מענשען פון זייער צייט. אַט די מערקווירדיגע פערזאָנען זענען געווען דוד הראובני און דיעגאָ פּירעס, אָדער שלמה מאָלכאָ, ווי דער לעצטער האָט געהייסען מיט זיין יודישען נאָמען.

ווער דוד הראובני איז געווען, פון וואַנען ער איז געקומען, ווייס מען נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט אויף בעשטימט. ער איז אָנגעקומען פּלוצלונג אין ווענעדיג און האָט אין אַ קורצע צייט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויף אַלע אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע יודען. נאָך מעהר אָבער אויף די מאַראַנען, די יודען, וואָס האָבען לפנים אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, אויס מורא פאַר דער אינקוויזיציע, זענען אָבער געבליבען יודען אין הארצען און אין הויז.

אז מען האָט איינגעפיהרט פאַר די מאַראַנען די אינקוויזיציע אין שפּאַניען — זענען אַ סך פון זיי אַנטלאָפען אין דער

שכנה׳שער קליינער מדינה פּאָרטוגאַל. אַ צייט האָט זיי דער קעניג פון פּאָרטוגאַל געשיצט און געמאַכט זיך ניט זעהענדיג אויף זייער פאַלשעווען אין דער קריסטליכער אמונה. דער פּאַבסט קלעמענס דער זיבעטער, אַנטקעגען וועלכען לוטער האָט געקעמפפט, איז געווען אַ געבילדעטער מאַן און ניט קיין שלעכטער. ער האָט די מאַראַנען ניט פערפאָלגט און אָפט געשיצט פאַר זייערע פיינד, אָבער די קאַרדינאַלען און אינקוויזיטאָרען פון שפּאַניען, צוזאַמען מיט דעם שפּאַנישען קעניג און קעניגין, האָבען נעבכט ניט געשלאָפען איבער זיי. די פינסטערנים און פאַנאַטיזם פון איין זייט און דער דורשט נאָך דעם פערמעגען פון די רייכע מאַראַנען פון דער אַנדערער זייט, האָט זיי ניט געלאָזט רוהען און ראַסטען: זיי האָבען ניט געקענט פערטראָגען, וואָס די „נייע קריסטען״, ווי מען האָט געוועהנליך גערופען די מאַראַנען, לעבען זיך רוהיג גאַר נאַהענט פון זיי און זיי קענען זיי ניט כאַפּען און ברענען אויף דעם „הייליגען פייער״ פון דער אינקוויזיציע.

זיי האָבען געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען, מען זאָל אין פּאָרטוגאַל אויך איינפיהרען די אינקוויזיציע. כל זמן אין איטאַליען איז געווען קעניג עמאַנועל האָט ער ניט געוואָלט הער׳ען די טענות פון די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרען און פאַנאַטישע גלחים. אָבער נאָך זיין טויט האָט זיין זוהן יאָהאַן דער דריטער, וועלכער איז געווען אַ פערדאָרבענער מענש, געלאָזען זיך איינרעדען פון די פינסטערע שפּאַנישע מענשען־פרעסער און בלוטזויגער. עס איז בעשלאָסען געוואָרען איינצופיהרען אין פּאָרטוגאַל די אינקוויזיציע מיט אַלע איהרע שוידערהאַפטע הענקער־געצייג און באַנדעס בלוטיגע שפּיאָנען, ווי אין שפּאַניען.

מען האָט זיך געריכט אויף די בעשטעטיגונג פון דער אינקוויזיציע פון טאָג צו טאָג, און די מאַראַנען זענען געווען אין

פערצווייפלונג.

און ווי אימער אין אזעלכע פערצווייפעלטע, פינסטערע מאָמענטען, האָט דאָס יודישע פאָלק געזוכט זיין איינציגען טרייסט אין וואונדערליכע מעשות וועגען משיח׳ן, אין פאנטאס־טישע, איבערנאַטירליכע שילדערונגען און חשבונות פון הייליגע ספרים, אז די גאולה איז שוין גאָר נאָהענט, אז באלד וועט קומען א סוף צום גלות.

פלוצלונג האָט זיך פערשפרייט איבער פיעלע שטעדט פון שפאניען און פאָרטוגאל א מערקווירדיגע נאכריכט, אז פון יענער זייט סמבטיון די טייך וואָס, לויט עס ווערט דערצעהלט אין פאָלק,־־ קאָכט זי, און זידט א גאנצע וואָך, און ווארפט משונה׳דיגע שטיינער ־־ נאָר שבת רוהט זי; אז פון יענער זייט טייך איז געקומען אהער א שליח פון די צעהן שבטים, וועלכע לעבען דאָרטען גליקליך. ער איז געקומען צום פאבסט און צום קעניג ווי אמאָל משה צו פרעה מלך מצרים, און וויל אויסלעזען די יודען פון גלות. מען האָט דערצעהלט, אז דער פאבסט און דער קעניג פון פאָרטוגאל האָבען איהם צוגענומען מיט גרויס פאראד, אז ער איז געפאָרען צום קעניג אויף א שיף וואָס האָט געהאָט א יודישע פאָהן, און אז ער איז געגאנגען אין גאס האָט איהם בעגלייט א סוויטע פון 10 יודען און 200 קריסטען -- די גרעסטע לייט פון פאָרטוגאל. נאָך א גרעסערע אויפרעגונג אויף די גייסטער האָט געמאכט דאָס, וואָס פלוצלונג איז אראָב־גענומען געוואָרען די גזרה פון דער אינקוויזיציע פאר די פאָר־טוגעזישע מאראנען און מען האָט זיי אויפגעהערט נאָכצוקוקען, צו זיי האלטען זיך טריי ביים קריסטליכען גלויבען.

אָט די אלע קלאנגען זענען געוועזען ריכטיג, און דער מאן וואָס האָט אָנגעמאכט פלוצלונג אזא שטורם אין דער יודישער וועלט איז געוועזן־־ דוד הראובני.

ער האָט זיך אַזוי גערופֿען, ווייל ער האָט ערקלערט, אַז ער שטאַמט פֿון שבט ראובן, איינער פֿון די צעהן שבטים, וואָס לעבען אויף יענער זייט סמבטיון. שוין מיט זיין פּערזאָן אַליין האָט דער דאָזיגער מאַן געמאַכט אויף יעדען, וואָס האָט אויף איהם נאָר איין מאָל אַ קוק געטאָן, אַ אונגעהויערן איינדרוק. ער איז געווען זעהר אַ קורצער, אַ שוואַרצער, מיט דאַרע איינגע־צווינגענע באַקען, פֿון וועלכע עס האָבען געטאָרטשעט די ביינער; קורץ, דאָס איז געווען אַ לעבעדיגער סקעלעט. אָבער אויף זיין אויסגעדאַרטען געזיכט איז געלעגען אַן אייזערנער ווילען. פֿון די אויגען האָט געשטראַהלט מוט און ענטשלאָסענהייט. יעדע בעוועגונג פֿון זיין קערפּער איז געווען שטאָלץ און פֿעסט. יעדעס וואָרט, וואָס זיינע ליפּען האָבען אויסגעשפּראָכען איז געווען געצעהלט און געוואויגען, און געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון אַהערשער, וואָס איז געוואוינט צו בעפֿעהלען. זיין האַלטען זיך איז געווען אויסגערעכענט, כדי צו האַלטען די מענשען פֿון ווייטען. זיי זאָלען ניט וויסען מעהר, ווי דאָס האָט ערלויבט זיין גרויסע און שווערע אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען

איבערהויפּט האָט ער זיך געסטאַרעט צו האַלטען זיך וואָס ווייטער פֿון יודען. ניט פֿון שטאָלץ, נאָר צוליעב פֿאָר־זיכטיגקייט. ער האָט ניט געוואָלט אויפֿוועקען אין דעם יודישען פֿאָלק קיין צו גרויסע האָפֿנונגען אום ניט צו מאַכען זיי נאָכהער אונגליקליכער. די נייגעריגע, וואָס זענען צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי אויסזאָגען דעם אמת: ווען קומט שוין משיח, האָט ער געענטפֿערט קאַלט און מיט פֿערדרוס, אַז ער וויים דערפֿון גאָר גישט; ער האָט מיט דעם פּאַבסט און מיט'ן קעניג קיין קיין שום עסק ניט וועגען יודען. ער האָט נאָר צו זיי אַ דיפּלאָ־מאַטישען אויפֿטראַג, ניט מעהר. נאָר מיט איניגע יודען און מאַראַנען איז ער געווען אָפֿענהערציגער און האָט זיי געגעבען

צו פארשטעהן, אז זיין אויפטראג איז זעהר וויכטיג פאר'ן יודישען פאָלק.

אין וואָס דער פלאן פון דוד הראובני, איז בעשטאנען, איז נאָך עד היום ריכטיג ניט בעוואוסט. א טייל ערקלערען, אז ער האָט געגעבען דעם פאבסט א פלאן, ווי אזוי צו פערבינדען א קריעג מיט'ן טערקישען סולטאן און האָט איהם פערזיכערט, אז די פרייע יודישע מלוכה, וואָס געפינט זיך אין אזיען, וועט איהם העלפען חרוב צו מאכען דעם טערק, און דערפאר זאָל מען די מאראנען און אייראפייאישע יודען ערלויבען צו פערלאָזען די אייראפייאישע לענדער צו פעראייניגען זיך מיט זייערע ברידער אין אזיען אין א פרייער אונאבהעניגער מלוכה. אנדערע זאָגען, אז דוד הראובני האָט גאר ניט געמיינט דעם אונטער־גאנג פון דער טערקישער מלוכה, אונטער וועלכע יודען האָבען געלעבט פיעל פרייער און רוהיגער, ווי אין אייראפא. ער האָט געמיינט, פערקעהרט, צו פערוויקלען די מלכים, וועלכע האָבען יודען געפייניגט, אין א שווערען בלוטיגען קריעג מיט טערקיי, וועלכע איז דאן געוואָרען זעהר מעכטיג, און געפעהרליך פאר אייראפא, און דורך יודישע קראפט און געלד האָט ער געמיינט צו העלפען דעם סולטאן געגען די אייראפייאישע טיראנען, כדי נוקם צו זיין זיך אָן זיי פאר יודישע בלוט און יסורים, און בעקומען דערפאר פון סולטאן א טשארטער, אז יודען זאָלען זיך פריי און פאליטיש אונאבהעניג מעגען בעזעצען אין זיין לאנד, אָדער אין אן אנדער לאנד אין אזיען אונטער זיין שוץ.

ווי די מעשה איז — איינס איז קלאָר, אז דוד הראובני האָט געהאט א גרויסארטיגען פלאן, אויף דעם אָדער אויף יענעם וועג, צו בעפרייען דאָס יודישע פאָלק פון זיין שווערען, געפייניגטען לעבען צווישען די אייראפייאישע פעלקער; און אָט דעם פלאן האָט ער געוואָלט אויספיהרען אויפ'ן דיפלאָמאטישען

ועג, דורך די מאכט פון זיין געניאלען גייסט און דורך זיין גלויבען אין געטליכע וואונדער.

אָבער, גלויבענדיג אין זיינע קרעפטען און אין דער הילף פון גאָט, איז ער צו דער זעלבער צייט געווען א גרויסער דיפּלאָמאט און א פּראַקטישער מאַן. ער האָט, צום ביישפּיל, זיך פאַרגעשטעלט פאַר א פּשוט׳ן מענשען, האָט זיך געמאַכט, אַז פון תלמוד ווייסט ער גאָר ניט, ווערענד ער איז געווען א געלערנטער מאַן און בעקאנט מיט דער געהיימער לעהרע פון קבלה. דאָס איז אַלץ געווען, כדי מען זאָל גלויבען, אַז ער איז ווירקליך פון די עשרת השבטים.

זיין ערשטער אָנקומען איז געווען אין ארץ ישראל. דאָרטען אין דער וויגעלע פון אַלע יודישע לעגענדעס, האָבען זיינע שילדערונגען פון די עשרת השבטים געמאַכט אַן אַלגעמיינע איבעראַשונג. מען האָט געהאָרכט זיינע וואונדערליכע מעשיות מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. די גרעסטע מענער און דאָס פאָלק אין דער הייליגער לאַנד האָבען געגלויבט אין זיין געטליכע שליחות און געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דער גאולה.

פון דאָרטען איז ער אַוועק קיין ווענעדיג, וועלכע האָט דעמאָלט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דעם וועלט-האַנדעל. בעזאָנדערס האָט די ווענעציאַנער רעפּובליק געפיהרט אַגרויסען ים-און קאַראַוואַנען האַנדעל מיט די לענדער פון מאָרגען-לאַנד. אויפ׳ן וועג איז דוד בעקאַנט געוואָרען מיט ווענעציאַנער רייכע סוחרים און ים-פאָהרער, וועלכע האָבען איהם געגעבען בריעף צו קאַרדינאַלען און צום פּאַבסט אַליין. דער פּאַבסט האָט אָבגעשיקט די בריעף צום קעניג אין פּאָרטוגאַל, אום צו ערקונדיגען זיך, אויב זיי זענען ריכטיגע. דער קעניג האָט זיי אָבגעשיקט מיט דער ערקלערונג, אַז אַלע פּאַפּירען זענען אמת׳ע, און אַז ער איז אַליין פּעראָנטערעסירט אין דעם מערקווירדיגען

מאַן. דאַן האָט איהם דער פּאַבסט אויפגענומען מיט זעהר גרויס פּאַראַד. מיט דעמזעלבען פּאַראַד האָט איהם צוגענומען דער־נאָך דער פּאָרטוגעזישער קעניג, יאָהאַן דער דריטער.

די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קעניג האָבען געדויערט אַ לאַנגע צייט, אָבער דוד הראובני האָט געהאַט גוטע האָפנונ־גען: ער האָט געפּאָדערט שיפען מיט געוועהר, און מען האָט שוין איהם דאָס כמעט צוגעזאָגט. פערשידענע פּאָליטישע אומשטענדען האָבען געשטערט דעם קעניג צו ערפילען זיין צוזאָג אינגאַנצען.

דערווייל'ע האָט דוד געפיהרט כמעט אַקעניגליכען שטאַט. ביי יודען איז ער פּשוט געווען פערגעטערט. די יודישע רייכע לייט און די מאַראַנען האָבען ניט געשפּאָרט קיין געלד אויס־צוהאַלטען איהם מיט דעם גלאַנץ און עהרע, וואָס פּאַסט פאַר אַזאַ מאַן, וועלכער פיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט מלכים. ניט ווייניג געלד האָט געקאָסט אונטערצוקויפען די הויפלייט און די מקורבים צום פּאַבסט, זיי זאָלען איהם העלפען אין זיינע פּלאַ־נען. אַז דוד הראובני פלעגט אַרויס אין גאַס, פלעגען זיך שפּאַ־רען צו איהם די פּאָרנעהמסטע יודישע מענער און איידעלסטע פרויען און שעצען זיך גליקליך, ווען זיי האָט געלונגען אַ קוש צו טאָן איהם די האַנד, אָדער דעם זוים פון זיין מאַנטעל.

ווי שטאַרק די אויפרעגונג און שפּאַנונג פון די גייסטער איז דעמאָלט געשטיגען, קען געבען אַ פאָרשטעלונג דער פאַקט, אַז איינער אַ געלערנטער מאַן, איז אַראַב פון זינען און האָט אָנגעהויבען פרעדיגען, אַז ער איז — גאָט אין דריי געשטאַלטען און האָט אויפגעפּאָדערט דעם עולם תשובה צו טאָן אין גלויבען אין איהם, כדי זיי זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה, וועלכע דאַרף קומען אין גיכען.

אַנשטאַט צו היילען דעם אונגליקליכען, האָבען די

בלוטיגע אינקוויזיטאָרען איהם געכאַפּט און פערברענט לעבע־דיגערהייט אויף אַ קאַסטיאָר.

די גרעסטע אויפרעגונג איז געווען אין שפּאַניען, ווי די אינקוויזיציע האָט געהערשט ווי אַ ווילדע חיה און האָט זיך גאָר ניט געקענט אָנזעטיגען מיט די בלוט פון יודען און מאַראַנען. דער גלויבען אין דער נאָהענטער אויסלעזונג האָט אַזוי אויפ־געמונטערט די געמיטער פון די ביז אַהער פערצווייפעלטע שקלאַפען, אַז אַ סך פון די מאַראַנען זענען אַנטלאָפען פון שפּאַניען אין פּאָרטוגאל, כאָטש דאָס איז געווען פערבאָטען, אום צו זיין נעהענטער צו זייער רעטער און ערלעזער דוד הראובני.

דאָ האָט זיך אין די אויפגעלעבטע הערצער ערוועקט אַ העלדישער מוט, וואָס דערמאָנט אָן די צייטען פון די חשמונאים און בר כוכבא. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ געהיימער בונד פון יונגע מאַראַנען, וועלכע האָבען געטראָגען געוועהר אונטער די קליידער. זיי זענען אַריבער דעם שפּאַנישען גרענעץ, אָנגעפאַלען מיט געוועהר אויף אַ שפּאַנישע טורמע לעבען גרענעץ, וואו עס זענען געווען פערקאָוועט אין קייטען פיעלע מאַראַנען — מענער און פרויען, וואַרטענדיג אויף זייער שרעקליכען טויט — פערברענט צו ווערען לעבעדיגערהייט. זיי האָבען ערמאָרדעט די וואַך און בעפרייט זייערע שמאַכטענדע ברידער און שוועסטער פון די קייטען און פון דער בלוטיגער אינקוויזיציע. די דאָזיגע געשהע־ניס האָט שרעקליך אויפגעבראַכט די אינקוויזיטאָרען און די שפּאַנישע רעגירונג. עס איז געוואָרען אַ גוואַלדיגער קאָך איבער׳ן גאַנצען לאַנד. מען האָט געפאָדערט פון דעם פּאָרטוגעזישען קעניג, ער זאָל אַרויסגעבען שפּאַניען די אַנטלאָפענע מאַראַנען, בעזונדערס די, וואָס האָבען אָבגעטאָן אַזוי פרעך דער הייליגער אינקוויזיציע אַרויסרייסענדיג פון איהרע נעגעל די אונגליקליכע אָפּפער.

די לאַנגע פון דוד הראובני איז געוואָרען געפעהרליך נאָך דעם איינברעכען פון די בעוואפענטע מאַראַנען אין דער שפּאַנישער טורמע. פון אַלע זייטען האָבען זיך אָנגעהויבען הערען קלאַגען אויפ׳ן קעניג. וואָס ער צערמאָניעט זיך מיט די פערהאסטע מאַראַנען און די הויפּטזאַך, וואָס ער מאַכט אַזאַ וועזען פון דעם פרעמדען כיטרען יודעל, וועלכען מען האָט בעשולדיגט אין דעם, וואָס די מאַראַנען האָבען אויפגעהויבען די קאָפּ אַזוי, אַז זיי ערלויבען זיך אָפען און פריי אויסצולאַכען זיך פון דער הייליגער אינקוויקזיציע.

דוד האָט בעקומען אַ בעפעהל פון קעניג, אין צייט פון צוויי מאָנאַטען צו פערלאָזען פּאָרטוגאַל, אָבער ער האָט פערבראַכט פיער מאָנאַטען און האָט נאָך אַלץ געהאָפט איבער צו רעדען דעם קעניג. ענדליך האָט מען איהם כמעט מיט געוואַלד אַריינגעזעצט אין אַ שיף און אַרויסגעשיקט פון לאַנד. אויפ׳ן וועג האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורם און האָט פאַרוואָרפען די שיף צום שפּאַנישען ברעג. דאָ האָט מען געכאַפּט דוד הראובני און מען האָט איהם גלייך איבערגעגעבען צו דער אינקוויזיציע אין די הענד. נאָר דער שפּאַנישער קיסר קאַרל דער פינפטער האָט איהם בעפרייט, און דוד איז אַוועק אין דער איטאַליענישער פּראָווינץ אַווינטאַן, וואָס האָט געהערט צום פּאַבסט.

קוים איז מען פטור געוואָרען פון דוד הראובני. האָט זיך אָנגעהויבען איבער אַ נייעס אַ שטורם וועגען דער אינקוויזיציע. די קעניגע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל צוזאַמען מיט אַלע אינקוויזיטאַרען און גלחים — זענען צוגעשטאַנען צום פּאַבסט, אַז ער מוז ענדליך איינפיהרען אין פּאָרטוגאַל די אינקוויזיציע. די מאַכט זייערע איז געוועזען יעצט אַזוי שטאַרק, אַז דער פּאַבסט האָט זיך דערשראָקען און געמוזט נאָכגעבען.

די מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל האָבען יעצט קיין שום האָפנונג ניט געהאַט אויף רעטונג, מיט טויט־שרעק האָבען זיי צוגעקוקט ווי די פינסטערע לייט גרייטען שוין צו די טייפעלשע פּיין־אינסטרומענטען מיט דעם „היילינגען״ פייער.

און פלוצלונג איז די גזרה ווידער אָבגעהאַלטען געוואָרען און דאָס איז געווען צוליעב אַן אנדער מאַן, וואָס האָט אויף זיך גענומען די זעלבע אויפגאַבע ווי דוד הראובני, נאָר מיט מעהר פייער, בעגייסטערונג און גלויבען ווי יענער. דאָס איז געווען דער מערקווירדיגער יונגער, בילד־שענער און טאַלאַנטפאָלער מאַראַן דיעגאָ פּירעס.

דיעגאָ פּירעס האָט געהערט צו די גרויסאַרטיגסטע מאַראַנישע פאַמיליען. ער איז געבאָרען געוואָרען אַלס קריסט; נאָר אין געהיים, ווי דער שטייגער איז געווען ביי די מאַראַנען, האָט מען איהם ערצויגען אין דעם גייסט פונ׳ם יודישען גלויבען. ער האָט אָבער פון דעם יודישען גלויבען זעהר ווענינ געוואוסט. ער האָט געהאַט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען; האָט בעקומען נאָך יענער צייט אַ פיעלזייטיגע בילדונג. ער האָט בעזעסען אויסער זיין אייגענע מוטער־שפּראַך,־ די גריכישע און לאַטייניש שפּראַכען און געווען בעקאַנט מיט די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען און דיכטער. נאָך זייענדיג זעהר יונג, קוים צוואַנציג יאָהר, האָט ער בעקומען אַ הויכע שטעלע איי׳ם קעניגליכען הויף — אַלס סעקרעטאַר פון דער קעניגין.

אַז דוד הראובני איז אָנגעקומען אין פּאָרטוגאַל, האָט די בעוועגונג צווישען די מאַראַנען געמאַכט אויף דעם יונגען דיעגאָ אַן אונגעהויערן איינדרוק. ער איז געוואָרען אַזוי בעגייסטערט, אַז ער האָט ביי טאָג און ביי נאַכט נאָר געטרוימט וועגען דער בעפרייאונג פונ׳ם יודישען פאָלק. זיין איינבילדונגס־קראַפט איז געווען שרעקליך אויפגערעגט. ער האָט געזעהען

אויפ'ן וואָהר וואונדערליכע פאָרשטעלונגען; ער האָט געהערט הימליכע שטימען. אָט די אַלע פאָרשטעלונגען, אַלע שטימען, אין זייערע טויזענד־פאַכע טאָנען און פארבען, האָבען געהאַט נאָר איין זין, איין אינהאַלט: די אויפלעבונג פון דעם יודישען פאָלק.

דער יונגער מאַראַן איז געקומען צו דעם „וואונדערבאַ־רען דעלעגאַט פון די צעהן שבטים" און ענטדעקט פאַר איהם אַלץ, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי איהם אינעווייניג אין דער נשמה. דוד הראובני האָט זיך דערשראָקען בעמערקענדיג דעם פייער פון דעם יונגען מאַראַן. אַזאַ היץ, אַזאַ איבערמענשליכע בעגייסטערונג האָט געקענט זיין געפעהרליך פאַר זיין גאַנצען פּלאַן. און פאַר אַלע מאַראַנען. ער האָט דעם יונגען מאַן צוגע־נומען מיט אַ ביוון זעהר קאַלט און מיט איהם במעט גאָר ניט געוואָלט ריידען.

דאָס האָט נאָך מעהר אָבער אויפגערעגט דעם יונגען דיעגאָ. ער האָט געמיינט, אַז דער יודישער ערלעזער וויל מיט איהם ניט ריידען, ווייל ער טרויט איהם ניט, ווייל ער איז ניט קיין יוד. ער איז אַוועק צו זיך אַהיים און האָט זיך אַליין מל געווען. עטליכע טעג איז ער געלעגען קראַנק. אַז ער איז געוואָרען בעסער און האָט געקאָנט פאַרלאָזען די בעט, איז ער געקומען אַן אָבגעצעהרטער, אַן אָבגעשוואַכטער ווידער צו דוד הראובני און געזאָגט צו איהם: „יעצט בין איך ווערט, אַז דו זאָלסט מיר דערצעהלען די סודות פון דער הייליגער זאַך, וואָס דו טראָגסט אין דיין ברוסט. יעצט בין איך אַ יוד, ווי דו, ווי אַלע יודען. איך בין גרייט צו דיענען דיר, צו לעגען מיין לעבען פאַר מיין פאָלק. צו טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסען, ווען איך זאָל נאָר וויסען, אַז מיט מיין בלוט און מיט מיין לעבען קען איך קויפען די פרייהייט פאַר מיינע עלענדע ברידער".

איצט איז דוד הראובני אַ פּערציטערטע־ געוואָרען; איצט איז אַלעס פּערשפּילט, האָט ער געטראַכט. מען וועט אַנדערש ניט רעכענען, אַז נאָר איך האָב איהם דערצו אָנגע־רעדט, און מיר זנען ביידע פּערפּאַלען. אָבער דער ליידענדער פּנים פון דעם מערקווירדיגען יונגעל האָט איהם ניט געלאָזט ווענדען זיך צו איהם מיט שטרענגע רייד. דער ריינער, אונשול־דיגער גלויבען פון דעם קינד אין דער הייליגער זאַך, אין איהם; זיין גרייטקייט צו אָפּפּערן זיך צוליעב זיינע ליידענדע ברידער, האָט ערוועקט אין איהם מיטלייד און ליעבע צו דעם יונגען מאַן. ער האָט איהם מיט ווייכע רייד געגעבען צו ערקלערען, ווי גע־פּעהרליך עס קען זיין פאַר זיי ביידען און פאַר דעם גאַנצען יודישען פאָלק, ווען דיעגא זאָל פערבלייבען אין פּאָרטוגאל. ער מוז וואָס גיכער אנטלויפען פון דאַנען כל זמן עס איז נאָך מעגליך, אנטלויפען אין ירושלים.

דיעגא פירעס איז אוועק אין ירושלים, גליקליך דערמיט וואָס דער גרויסער מאַן האָט איהם דאָך כאָטש אביסעל פער־טרויט זיין געהיימנים. זיין הארץ איז געווען איבערפול מיט הייסער ליעבע צו זיין פאָלק, און ער איז געווען גליקליך, וואָס ער האָט ענדליך געפונען אַ מענשען, וועמען צו ענטדעקען אַלץ וואָס דאָרטען, ביי איהם אין הארצען, האָט געקאָכט און געברענט, און נאָך וואָסער מענשען -- איהם אַליין, דעם רעטער פון זיין פאָלק.

קומענדיג אין ירושלים, וואו ער איז געווען פריי און זיכער פאַר דער ווילדער מאַכט פון דער אינקוויזיציע, האָט זיך דיעגאָ פירעס אָנגעהויבען צו רופען מיט אַ יודישען נאָמען שלמה מאָלכאָ. ער האָט זיך גענומען מיט אַלע קרעפטען שטו־דירען די יודישע רעליגיאָן. טאָג און נאַכט האָט ער געלערנט, ביז ער איז בעקאַנט געוואָרען גרינדליך מיט דער גאַנצער

יודישער ליטעראַטור און איז געוועזן פאַר איינעם פון די גרעסטע יודישע געלעהרטע פון זיין צייט. עס פערשטעהט זיך, אַז אַם מעהרסטען האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט דער קבלה, וועלכע ער האָט געליעבט מעהר פון אַלץ, אָבער די לעהרע פון געהיימניסע, איבערנאַטירליכע זאַכען, האָט נאָך מעהר צורייצט זיין שטאַרקע איינבילדונגס-קראַפט, און איהם האָט זיך אָנגע־הויבען צו דוכטען, אַז ער הערט אַ שטימע פון אויבען, אַ געט־ליכע שטימע, וואָס רעדט צו איהם, די גרויסע פערעהרונג, וואָס ער האָט געהאַט אין ירושלים פון קליין און גרויס, אויף וועלכע ער האָט געווירקט מיט זיין בעגייסטערנדען מעכטיגען רעדנער־טאַלאַנט — האָבען איהם נאָך מעהר געשטאַרקט אין זיין גלויבען, אַז ער איז אויסגעקליבען פון גאָט צו העלפען דעם יודישען פאָלק.

ארץ ישראל איז שוין פאַר איהם געוועזן ענג. דאָ האָט ער געוועלטיגט איבער אַלע גייסטער; אפילו אויף דעם גרויסען געלעהרטען רבי יוסף קארו, דעם פערפאַסער פונ׳ם „שלחן ערוך״, אַ מענשען מיט אַ פעסטען רוהיגען פערשטאַנד, אַ פיינד פון קבלה, פון אַלעס וואָס איז דונקעל און איבערנאַטירליך, האָט שלמה מאָלכאָ געהאַט אַן אונגעהייערן איינפלוס. ער האָט איהם פערגעטערט ווי אַ קינד, ווי אַפאָטער, ווי אַ מלאך. ער האָט אין איהם געגלויבט און מקנא געוועזן איהם. ער האָט אָנגעהויבען צו לערנען אַליין די קבלה־ספרים אום צו שעפּען אין זיי די קראַפט צו טאָן וואונדער פאַר׳ן פאָלק, דעם דורשט צו אַ מאַרטירער טויט, וואָס האָט געברענט אין דעם יונגען מאַראַן.

שלמה מאָלכאָ איז אַוועק צוריק אין איירָאפּאַ. מיט די ארץ־ישראל־יודען איז ער דאָך געוועזן פאַרטיג: זיי זענען געוועזן גרייט צו דער גאולה. יעצט איז געוועזן זיין אויפגאַבע צו געהן צו די איירָאפּעאישע מלכים, צום פּאַבסט, מיט זיין

הייליגער פּראָפּאַגאַנדע.

ער איז געווען איינער פון די גרעסטע מענער אין דער יודישער וועלט; זיין נאָמען האָט געקלונגען ווייט ארום. אין ארץ־ישראל האָט ער געפּרעדיגט אין דעם נאָמען פון דוד הראובני. ער האָט אָבער פון איהם קיין שום נאַבריכט ניט געהאט און ניט געוואוסט אין וואָס פאר א צושטאנד עס שטעהט זיין בעפּרייאונגס־שליחות: שלמה האָט זיך יעצט געפיהלט גענוג שטאָלץ און פעהיג ארויסצוטרעטען מיט דוד׳ן האנד אין האנד און זאגאר צו פיהרען זעלבסטשטענדיג די אויפגאבע פון זיין לעבען.

ער איז אָנגעקומען אין רוים. דאָ איז ער פארפאָהרען אין א האָטעל; כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען, האָט ער דער־צעהלט דעם ווירט פונ׳ם האָטעל א ראָמאנטישע געשיכטע: ער האָט דאָ א געליעבטע, האָט ער געזאָגט, וועלכע ליעבט איהם, אָבער איהרע עלטערען שטערן דעם שידוך, און ער וויל זי אויפזוכען און ריידען מיט איהר. אום צו קענען דאָס דערווייזען, מוז ער זיך פארשטעלען פאר א בעטלער, כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען. ער האָט אלזאָ געבעטען ביים ווירט פונ׳ם האָטעל, ער זאָל איהם קריגען א בעטלער־אנצוג.

דער ווירט האָט איהם געגלויבט און געקראָגען איהם דאָס, וואָס ער האָט פערלאנגט. אָנגעטאָן פאר א בעטלער איז ער אוועק צום פּאבסט אין הויף און האָט זיך געזעצט צווישען אנדערע בעטלער. פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט אין וואָס פאר א צושטאנד עס שטעהען איבערהויפּט די אומשטענדען אין איטאליען און ביים פּאבסט אין הויף. ער איז אָבגעזעסען דאָרטען דרייסיג טעג און געוואַרט, אז זיין „מגיד“ — די אינערליכע שטים אויף קבלה־לשון — זאָל איהם זאָגען וואָס צו טאָן. אויפ׳ן דרייסיגסטען טאָג האָט ער בעקומען דעם „געטליכען בעפעהל“

צו „ געהן און פּרעדיגען".

ער איז אַוועק צום רב און האָט זיך געמעלדעט אַלס שליח פון שלמה מאַלכאָ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיין נאָמען איז שוין דאָ געווען בעריהמט, און מען האָט איהם אויפגענומען אין דער רוימישער יודישער געמיינדע מיט גרויס עהרע און פּאַראַד. די בעגייסטערונג איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען ס'איז צופעליג בעקאַנט געוואָרען, אַז ער איז ניט קיין שליח, נאָר אַליין טאַקע שלמה מאַלכאָ.

דעמאָלט האט ער שוין ניט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך צו בעהאַלטען מיט זיין פייערדיגער פּראָפּאַגאַנדע; מיט זיין מעכטיגער רעדע־קראַפט האט ער געדונערט אין אַלע שוהלען און בתי־מדרשים, געוועקט אין די צואַוועהטאָגטע יודישע הערצער דעם גלויבען און האָפנונג אין אַ בעסערער צייט, וועלכע דאַרף באַלד קומען. ער האָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף דער אינקוויזיציע, אויף די בלוטיגע גלחים, דעם קריסטליכען גלויבען, דרייסט און שטאָלץ פאַר אַלעמען, ווי קיינמאָל, פאַר איהם, האָט נאָך אַ יוד אַזוינס זיך ניט ערלויבט אין אַקריסטליך לאַנד.

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האט ניט געקענט בלייבען אַ סוד פאַר די רוימישע גלחים.

מען האט געכאַפּט שלמה מאַלכאָ און געבראַכט איהם פאַר'ן הויפּט-קאַרדינאַל. שלמה האט ניט געלייקענט און אָפען און שטאָלץ איהם געזאָגט דעם אמת. דאַן האט מען איהם געבראַכט צום פּאַבסט, דעם פּאַבסט האָט ער אויך קיין זאַך ניט געלייקענט. מען האט זיך גערעכט, אַז דער „הייליגער פאַטער" וועט איהם איבערגעבען צו דער אינקוויזיציע. אָבער צו אַלעמענס בעוואונדערן איז דער פּאַבסט געוואָרען בעצויבערט פון דעם יונגען־מאַנ'ס בעגייסטערונג און שטאָלצען בענעהמען

זיך, ער האָט מיט איהם לאַנג פאַרבראַכט, און, ווי עס שיינט, איז איהם מיט זיין וואונדערבאַרע רעדנער־קראַפט, מיט זיין העלדישען מוט און אונגעוועהנליכער בעגייסטערונג געלונגען צו איבערציינגען דעם פּאַבסט אין דער ווירקליכקייט פון זיין שליחות. שלמה מאָלכאָ האָט בעקומען אַ פּאַפּיר פון פּאַבסט פריי צו פּרעדיגען און טאָן וואָס ער וויל.

עס פערשטעהט זיך, אז מאָלכאָ האָט זיך געמיהט שטאַרק אויסצונוצען די ערלויבענים פונ׳ם פּאַבסט. ער האָט געגען דעם קריסטענטום אַרויסגעטראָטען נאָך שאַרפער, ווי פריהער. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער רעש אין דער גלח׳ישער וועלט. דערצו האָט זיך געפונען אַ יודישער מוסר, וואָס האָט איבערגע־נומען מאָלכאָס אַ בריף, וואו עס זענען געווען לעסטערונגען געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן. עס איז געוואָרען אַ מורא׳דיגער גערודער פון אַלע קאַרדינאַלען געגען דעם פּאַבסט. יעצט האָט ער געמוזט איבערגעבען שלמה מאָלכאָ אין זייערע הענד. מען האָט איהם ווידער געכאַפּט און, צו דער גרויסער פרייד פון דער רוימישער בעפעלקערונג, האָט מען איהם אַרויפגעוואָרפען אויף אַ ברענענדיגען שייטערהויפען.

באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ שליח פון געריכט צום פּאַבסט אָנזאָגען איהם די בשורה, אז שלמה מאָלכאָ איז פער־ברענט. אָבער ווי ערשטוינט איז יענער געוואָרען, אז ער האָט געזעהען דעם פערברענטען יודען, פריש און געזונד, אין דעם פּאַבסט׳ס פּאַלאַץ. ער האָט זיין שטוינונג מיטגעטיילט דעם פּאַבסט. ער האָט איהם געהייסען שווייגען, און האָט איהם ערקלערט, אז אנשטאַט דעם יודען האָט מען פערברענט אַ קריסטליכען פערברעכער, וועלכער איז געווען פערמשפּט צום טויט, און אז שלמה מאָלכאָ מוז ער האָבען צוליעב אַ געהיימע אורזאַך, וואָס ער קען דערווייל ניט אויסזאָגען.

מיט אזא גאנג האָט דער פּאבסט גערעטעט מאָלכאָ׳ן דעם לעבען; אָבער לענגער פערבלייבען אין רוים איז פאַר איהם שוין געווען אונמעגליך. דער פּאבסט האָט איהם געהאָלפען אנטלויפען.

שלמה האָט זיך דאַן אין געהיים גזעהען מיט דוד הראובני. יעצט האָבען זיי איינער דעם אנדערן געגלויבט. עס שיינט אז זיי זענען געווען מעהר אָדער ווייניגער זיכער אין דער הילף פון דעם פּאבסט, פון דעם ווענעציאַנער רעפּובליק, און פיעלייכט אויך פון דעם פּאָרטוגעזישען קעניג יאהאַן דעם דריטען. זיי האָבען נאָך געדארפט איבעררעדען מיט דעם מעכ־טיגען שפּאַנישען קעניג, קאַרל דעם פינפטען. שלמה מאָלכאָ האָט דאָ געהאַט א מורא׳דיגען איינפלוס אויך אויף קריסטען. מען דערצעהלט, אז ער האָט פאָרגעזאָגט דעם פּאבסט און דעם פּאָרטוגעזישען קעניג די ערד־ציטערנים פון ליסאבאָן און די פערטרינקענים פון דער רוימישער טייך טיבער. די ביידע פּאסירונגען זענען געשעהען אין יענער צייט.

מיט אָט דעם גלויבען אין זיך אין זייער געטליכער שליחות, זענען זיי ביידע, דוד הראובני און שלמה מאָלכאָ, אוועק צום שפּאַנישען קעניג.

אָבער קאַרל דער פינפטער האָט זיי ניט צוגענומען, ווי דער פּאבסט. מען האָט זיי ביידען געבונדען און שלמה מאָלכאָ האָט מען איבערגעגעבען דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט איהם דאָס מאָל ווירקליך פערברענט. דוד הראובני האָט מען פערמשפּט צו פערשפּאַרען אין געפענגנים.

אָבער די איינבילדונג פון דעם יודישען פאָלק האָט ניט געקאָנט דערלאָזען, אז איהר ליעבלינג, איהר שענער, פערגע־טערטער העלד, שלמה מאָלכאָ, איז טויט. עס זענען בעשאפען געוואָרען ווענען איהם מאסען לעגענדען און צווישען זיי איינע,

א ראָמאַנטישע: שלמה מאָלכאָ, זאָגט אָט די לעגענדע, איז ניט טויט: ער האָט זיך נאָך אמאָל געראַטעוועט פון דעם פייער פון דער אינקוויזיציע, און־אַוועק אין צפת, אין דער הייליגער לאַנד, וואו אויף איהם האָט געוואַרט זיין געליעבטע. פון דאָרטען וועט ער קומען נאָך אמאָל און וועט בעפרייען דאָס יודישע פאָלק.

די בלוטיגע לעגענדע

קיין זאַך האָט דעם יודישען פאָלק ניט געמאַכט אַזוי פיעל יסורים און ניט געקאָסט אַזוי פיעל אָפּפער ווי די שרעקליכע בלוט-בלבולים אין פערשידענע צייטען. אָבער קיין בלוט-בלבול איז ניט געווען אַזוי שוידערהאַפט, ווי דער בעריהמטער עלילת דם אין דמשק אין דעם מיטען פונ'ם נייכצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכער ווערט געריהמט אַלס יאָהרהונדערט פון גרויסע ערפינדונגען, פון גרויסע ערפאָלגען אין בילדונג און וויסענשאַפט.

אַ שוידער נעהמט נאָך יעצט אָן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַזאַ שרעקליכע טהאַט פון דיקער פינסטערניס און ווילדעסטען פאַנאַטיזמוס האָט זיך געקענט אָבשפּילען פאַר אַלעמען אין די אויגען פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און עס האָט געקאָסט אַזוי פיעל מיה, ביז עס איז געלונגען אויפצודעקען די גרויזאַמקייט און נידערטרעכטיגקייט פון אַ באַנדע לומפּען און אויסוואורפען, וועלכע האָבען געטרונקען מענשליכע בלוט ווי וואַסער.

נאָך דער נייכצעהנטער יאָהרהונדערט האָט זיך ניט וואָס צו שעמען אַנטקעגען דעם צוואַנציגסטען. די אָפּפער פון אָט דער העסליכער בעשולדיגונג הערען נאָך יעצט ניט אויף. עס געהט ניט אַוועק קיין יאָהר, ווען מיר זאָלען ניט הערען, באַלד

דאָ, באַלד דאָרטען, פון אַ שפּאַגעל נייעם עלילת דם, און עס דאַכט זיך, אַז עס וועט גאָר נישט נעהמען קיין סוף צו דער דאָזיגער שמערצליכער, בלוטיגער בייקע, וועלכע לעבט אָב אַלע פאַר־פסח אויף דאָס ניי.

מיר ווילען געבען דאָ אין קורצען די געשיכטע פון דעם בעריהמטען עלילת־דם אין דמשק. דאָס איז איינע פון די שרעקליכסטע בלעטער אין דער יודישער געשיכטע פון פאָריגען יאָהרהונדערט און פון אַלע צייטען.

דעם פינפטען פעברואר איז אין דמשק, די הויפּט שטאָדט פון סיריען, (אַ מדינה אין צפון זייט פון ארץ ישראל) ארויס אַ קלאַנג, אַז אַ גלח, פּאַטער מאַמאַס, פון אַ קאַטוילישען קלויסטער, איז פערשוואונדען געוואָרען צוזאמען מיט זיין דיענער. דער דאָזיגער גלח איז ניט געווען קיין הייליגע פּערזאָן. ער האָט ליעב געהאַט די מטבע און האָט זיך בעשעפטיגט מיט דאָקטאָריע און פּאָקען־שטעלען אין די יודישע און קריסטליכע קוואַרטאַלען. דעם פּאַטער מיט זיין דאָקטאָריע האָבען געקענט קליין און גרויס אין גאַנץ דמשק.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהין געקומען. עטליכע האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען געהערט, ווי ער האָט זיך געקריגט מיט אַ טערקישען קעמלען-טרייבער. דער „פּאַטער" האָט פאַר איהם געשאָלטען מאַהאָמעד'ן, דעם טערקישען נביא. דער קעמלען־טרייבער האָט דעריבער געשוואוירען צו נעהמען אָן דעם „קריסטענהונד" בלוטיגע נקמה פאַר דעם נביא'ס עהרע, וועלכע ער האָט געשענדעט.

די ריכטיגקייט וואָלט פיליכט זיך באַלד ארויסגעוויזען און עס וואָלט ניט אָנגעמאַכט קיין טומעל, ווען עס וואָלטען זיך ניט געהאַט אריינגעמישט אַ באַנדע אַנטיסעמיטען, פון וועלכע די רעכטע מאַכער זענען געווען: דער פראַנצויזישער

קאָנסול ראַטי מענטאָן, אַן׳איטאַליענער, אַן׳אַפּעריסט און אַ שורקע, וועלכער האָט אָבגעטאָן די שענדליכסטע מעשים אין סיציליען און אין טיפּליס, און איז פון דאָרטען אנטלאָפען; זיין קאַמעראַד על טעלי, אויך אַזאַ נידערטרעכטיגער קערל, און אַ דריטער שיבלי איוּך, אַן׳אַראַב, אַ קריסט, וועלכער האָט אַזוי ווי המן זיך געוואָלט נוקם זיין אָן אַלע יודען פון ראַבע צו איין יודען, וואָס האָט איהם אריינגעזעצט אין טורמע פאַר אַ פערברעכען.

די פּאָליטישע צושטענדען אין עגיפּטען זענען דעמאָלט אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען מיטגעווירקט דער בלוטיגער העצע. דער ביטרער עגיפּטישער פּאַשאַ מחמד עלי האָט דעמאָלט אָבגעהאַלטען אַ גלענצענדען זיעג איבער דעם טער־קישען סולטאַן. ער האָט אָבגעריסען פון איהם עגיפּטען און אויך סיריען און פּאַלעסטינע. די „מזרח־פראַגע״ האָט דעמאָלט גע־קאָכט. רוסלאַנד האָט געשטיצט טערקיי; עסטרייך און ענג־לאַנד זענען געווען ניט אַהין, ניט אַהער, פראַנקרייך האָט געשטיצט דעם פּאַשאַ און איז צוליעב דעם אריינגעקראָכען אין די דאָזיגע דריי לענדער מיט אַלע פיער. אַזוי ווי די קאַטאָליקען האָבען דעמאָלט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין פראַנקרייך, האָבען זיי אויך געקאָמאַנדעוועט אין סיריען און אין פּאַלעסטינא.

אין דמשק האָבען דעמאָלט געוואָהנט אַ 5000 יודישע פאַמיליען, וואָס זענען בעשטאַנען פון אַן׳ערך 20,000 נפשות.

ווי נאָר דער קלאַנג פון פאַטער טאָמאַס׳ס פערשווינדונג איז בעקאַנט געוואָרען איבערן שטאָדט, זענען די קאַטוילישע מאָנאַכען אַוועק צום פראַנצויזישען קאָנסול און געפאָדערט: מען זאָל אויסגעפונען דעם מערדער. די צייט איז געווען גראָד איינינע וואָכען פאַר פסח. דערצו האָבען איינינע יודען, ניט פערקלערענדיג קיין זאַך, געזאָגט, אַז זיי האָבען פאַטער טאָמאַס,

איינע שטונדען פאר זיין פערשווינדען, געזעהען אין יודישען קווארטאל. דאס איז געווען גענוג, אז ביי איניגע גלחים זאל אריינקומען א געדאנק: אז יודען האבען איהם געקוילעט. די אויבענדערמאנטע באנדע האט אונטערגעכאפט דעם פאנא־טישען געדאנק, ווייל ער האט זיך זעהר געפאסט צו זייערע פלענער. בשעת דעם קריעג און געשלעג צווישען פאטער טאמאס מיט דעם טערקישען קעמעל-טרייבער איז געווען דערביי א טערקישער קויפמאן. ווען מען זאל האבען געמאכט די אונטער־זוכונג אין דעם דאזיגען וועג, וואלט מען געקאנט לייכט אויפ־רייצען גענען די קריסטען די גאנצע אראבישע און טערקישע פאנאטישע בעפעלקערונג. פיעל לייכטער איז געווען ארויפצר וואָרפען דעם בלבול אויף די שוצלאזע יודען. ערשטענס איז דאך גלאט א מצוה אנצוטאן יודען צרות; צווייטענס האבען איינינע פון דער באנדע געקענט אויספיהרען דא זייער פערזענ־ליכע נקמה געגען איינינע רייכע און אנגעזעהענע יודען; דריי־טענס איז דא געווען א געלעגענהייט אנצוזויגען זיך מיט יודישע געלד. אט די האפנונג האט דערהויפט געהאט דער גובערנא־טאר פון דמשק — שעריף פאשא.

עס האט זיך באלד געיאוועט א שלעפער, וועלכער האט געמעלדעט, אז מען האט פאטער טאמאס געמארדעט אין א יודישע הויז. אנדערע האבען זיך געפונען וואס האבען „געהערט" ווי יודען ריידען איינער צו דעם אנדערן: „שליסט צו די טויערן — עס איז איצט א געפאהר". מען האט געטאן אלע מעגליכקייטען אויפצורייצען דעם טערקישען און קריסטליכען המון. א סך יודען האט מען געכאפט און געבראכט זיי פאר דעם פראנצויזישען קאנסול ראטי מענטאן צום פערהער. אנ־ארימער יודישער שערער האט זיך פון שרעק צעטומעלט און געפלאנטערט. אבער וועגען מארד פון דעם פאטער טאמאס

האָט ער גאָר נישט געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט מען איהם איבערגעבען צום שעריף פּאשא, אלס שטאַרק פּערדעכטיגע פּערזאָן, און דער פּאשא האט איהם געגעבען 500 שטעקענס איבער די הוילע פּיס. אויסער דעם האָט מען איהם נאָך אָנגעטאָן אנדערע געברענטע יסורים. ער איז אָבער געבליבען פעסט.

דאַן האָט מען אריינגעלאָזען צו איהם אין טורמע דעם שורקע על-טעלי, וועלכער איז דעמאָלט געזעסען אין געפענגניס פאַר שולדען. דורך פּערשידענע גוטע ריידעלעך און איבערהויפּט סטראַשונגעס, אז מען וועט איהם בראָטען און ברענגען — האָט ער אַזוי געווירקט אויף דעם צושראָקענעם שערער, אַז ער האָט אָנגערופען שולדיגע — די נעמען, וואָס מען האט איהם דיקטירט. ער האט אָנגערופען זיעבען פון די אָנגענומענסטע און רייכסטע יודען פון דמשק. צווישען זיי — איינעם יוסף לאַניאדא, אגרייז פון 80 יאָהר.

מען האָט זיי גלייך גענומען צום פערהער. אָבער זיי האבען ניט געוואוסט פון וואָס צו זאָגען. האט מען זיי גענומען אָנטאָן יסורים. שטעקענס האָט מען זיי מורא געהאט צו געבען — זיי זאָלען ניט שטאַרבען אונטער די הענד; האט מען זיי געהייסען שטעהן 36 שעה נאָכאנאנד אונטער א וואך פון סאָלדאטען, — אויסגעצווינגען גלייך, ניט געבענדיג זיי צו עסען און צו טרינקען, און ניט לאָזענדיג זיי צומאַכען מיט אַנ׳אויג. אז אָט די פּייניגונג האט ניט געהאָלפען, האט מען זיי געגעבען ריטער. צום צוואנציגסטען רוט זענען זיי געפאַלען אין חלשות. מען האָט זיי אָבגעמינטערט און ווייטער געשמיסען. זיי האבען זיך אָבער ניט מודה געווען. שעריף פּאשא האט אויסגעטראַכט נאָך א סאָרט פּייניגונג. מען האט ארויסגעריסען ביי יודישע עלטערן מעהר ווי 60 קינדער אין דעם עלטער פון 3 ביז 10 יאָהר. מען

האָט זיי אַלעמען געהאַלטען פערשפּאַרט אין אַ צימער, ניט געגעבען זיי קיין שום נאַהרונג, כדי די מוטערס, וועלכע וועלען ניט קענען אויסהאַלטען די געוויינען און געשרייען פון די קינדער, זאָלען קומען און מודה זיין זיך כאָטש אין ניט געשטויגענע פערברעכענס. די יודישע מוטערס האבען אָבער, ניט קוקענדיג אויף די ביטערע געשרייען פון זייערע קינדער, מיט קיין איינציגען וואָרט ניט בעשטעטיגט די שענדליכע בעשולדיגונג. נאָר איין מוטער און איהר טאָכטער האבען ניט געקענט אויסהאַלטען די שמערצען פון די קינדער און האָבען פון פערצווייפלונג אָנגענומען דעם מחמד'אַנישען גלויבען.

דער גובערנאַטאָר פון דמשק, שעריף פּאַשא, איז געוואָרען ווילד פון צאָרן און האָט געסטראַשעט. אז ער וועט צוקווילענען אַ מאַסע יודען, אויב דער פערשוואונדענער גלח וועט ניט געפונען ווערען. ער האָט געזאָגט און געטאָן. מיט אַ מחנה סאָלדאַטען האָט ער זיך אַריינגעריסען אין יודישען קוואַרטאַל, האָט חרוב געמאַכט די הייזער פון די רייכסטע יודען פון דמשק, אום צו געפונען אַ שפּור פון דעם פערפאַלענעם גלח.

אַ יודישער בחור, וועלכען דער חורבן און די יסורים פון זיינע ברידער האָבען שרעקליך דערנומען, האָט זיך ענדליך בעשלאָסען צו זאָגען, אַז ער האָט אַ קורצע צייט פאַר דעם גלח'ס פערשווינדען, איהם געזעהן אַריינגעהענדיג אין אַ טערקישע קראָם. דעם פּאַשא מיט'ן קאָנסול האט זיך אָבער ניט געוואָלט אַראָבצונעהמען דעם חשד פון די יודען און אַרויפלעגען אויף אַ טערק, האָבען זיי אָנגעווענדעט אַלע מיטלען דעם דאָזיגען שפּור צו פערניכטען. דעם בחור האָט מען מיט אַזאַ אכזריות געשלאָגען, אַז ער איז דיזעלבע נאַכט געשטאָרבען פון די יסורים.

ראַטי־מענטאָן, דער פראַנצויזישער קאָנסול, האָט אויס־

געטראכט די שרעקליכסטע יסורים פאר די ארעסטירטע, אום צו צווינגען זיי מודה צו זיין זיך אין א פערברעכען, וואס זיי האבען ניט בעגאנגען. א טערקישען דינער, וואס האט געדיענט ביי איינעם פון די ארעסטירטע רייכע יודען, האט מען אזוי צעשונדען און צעפאסעוועט זיין פלייש, אז ער האט געמאכט א בלבול אויף זיך אליין, אז ער האט דעם גלח גע׳הרג׳עט אויף דעם בעפעהל פון זיין באלעבאס און די אנדערע אנגעקלאגטע. דעם יודישען שערער האט מען געהייסען ער זאל דאס בעשטעטיגען. ראטי־מענטאן האט געפונען ערגעץ א ביין און א קליאפטע פון א בגד. קריסטליכע דאקטוירים האבען ערקלערט, אז דאס איז א ביין פון א מענשען. די קליאפטע האט מען אויסגעגעבען פאר׳ן גלח׳ס. אט אזוי האט מען געקראגען בעשיינפערליכע בעווייזען פון דעם מארד אין יודישען קווארטאל.

יעצט האט מען די יודען אנגעטאן געברענטע יסורים, זיי זאלען זאגען: וואו איז דאס פלייש מיט בלוט, וואס זיי האבען גענומען פון גלח און בעהאלטען אויף פסח. איינער פון די געפייניגטע, דער 80 יעהריגער זקן יוסף לאניאדא, איז געשטארבען אונטער די ריטער; אנ׳אנדערער משה אבולאפיע, האט, כדי צו אנטגעהן פון די יסורים, אנגענומען דעם טורבאן, ד. ה. דעם טערקישען גלויבען. די איבעריגע זענען געווארען אזוי בעוואוסטלאז פון די פייניגונגען, אז זיי האבען געזאגט אלץ, וואס מען האט פון זיי פערלאנגט, און האבען גור געוואלט א גיכען טויט. דאס האט אבער זיי ניט געהאלפען. דער פראנצויזישער קאנסול האט נאר פערלאנגט: דאס פלעשעל מיט בלוט זאל מען איהם ווייזען. אזוי ווי מען האט זי ניט געקענט ברענגען, האט דאס געבראכט צו נייע ארעסטען און נייע פייניגונגען.

פון די נייע ארעסטירטע זענען געווען דריי רבנים פון

דמשק און איינער פּיקאטא, אַן עסטרייכישער אונטערטאַן, אַ פּלימעניק פונ'ם עסטרייכישן קאָנסול. פאַר איהם האָט זיך דער עסטרייכישער קאָנסול אָנגענומען און האָט איהם ניט געלאָזט פּייניגען. פּיקאָטאָ האָט זיך געהאַלטען שטאָלץ און האט די מערדערישע שעריף פּאשאַ און ראטי מענטאָן אויפגעוואָרפען אין די אויגען זייער אונמענשליכקייט.

פון אָט דעם מאָמענט אָן איז געקומען אַ נייע ווענדונג אין דעם גאַנצען פּראָצעס. דער עסטרייכישער קאָנסול איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט פערלאָרען דעם געדולד און געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטען אין קאַמפּף געגען די אונמענשען.

דער פראנצויזישער קאָנסול האָט זיך אָבער געאיילט מאַכען אַ סוף צום משפּט, איידער עס וועט ווערען אַ קאָך וועגען דעם אין איירופּא. ער האָט אַרויסגעקראָגען פון דעם עגיפּטישען אויבערפּאשאַ מחמד-עלי, אַן ערלויבעניס אַרויסצוגעבען דעם פּסק צו הענגען די, וואָס זענען נאָך געבליעבען לעבען, אַזוי ווי עס איז בעשיינפּערליך בעוויזען געוואָרען, אַז די דאָזיגע אַרעסטירטע זענען די יעניגע, וואָס האָבען ערמאָרדעט דעם גלח טאָמאָס.

צום אונגליק האָט זיך גראָד צו דערזעלבער צייט אָבגעשפּילט נאָך אַזאַ בלוט-בלבול אין ראָדוס, אַ גריכישער אינזעל, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו טערקיי. מען האָט געפונען אַן אויפגעהאנגענעם צעהן יעהריגען קריסטליכען יונגעל. עס איז געוואָרען אַ קאָך, אַז יודען האָבען דאָס געטאָן. צוויי גריכישע פרויען האָבען עדות געזאָגט, אַז דער יונגעל איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ יודען. דעם דאָזיגען יודען האָט מען באַלד פערנומען און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט פון וואָס צו זאָגען, האָט מען איהם אונמענשליך געפּייניגט. מען האָט איהם דורכ-

געבויערט די נאָזלעכער מיט אַ הייסען אייזערנעם דראָט. אויפ׳ן קאָפּ האט מען איהם געלעגט גליהענדע קויהלען און אויפ׳ן הארץ אַ שווערען שטיין. דאָס האבען געטאָן געבילדעטע אייראָ־פּעער די קאָנסולען פון ענגלאנד, פראנקרייך און שוועדען. נאָר דער עסטרייכישער קאָנסול האָט זיך געהאַלטען ווייט פון דער דאָזיגער אונמענשליכקייט. מען האט זיך געמיהט אויסצומוטשען פון דעם געפּייניגטען ווערטער, אז ער האט אויסגעצאַפּט ביי דעם קריסטליכען יונגעל דאָס בלוט און אוועקגעשיקט צו דעם הויפּט-רב פון אַלע טערקישע יודען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

די בלוט-בלבולים זענען איבערגעגאנגען אין אַ געוואַלדיגע פערשווערונג פון אַלע קריסטען אין טערקיי געגען יודען, פון קנאה, וואָס דער יונגער סולטאַן אבדול מעגיד, האָט, ביי זיין קרוינונג, ארויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט, אין וועלכען ער האט צוגעזאָגט אַלע אונטערטאַנען פון זיין מלוכה, און די יודען אויך, צו געבען גלייכע רעכטע.

אין ראָדוס האט דער בלוט-בלבול זיך אָבגעשפּיגעלט פּונקט אויף אַזאַ נ׳אויפן ווי אין דמשק; נאָך מיט מעהר האַס, ווילדהייט און פּייניגונגען. דער עסטרייכישער קאָנסול, וועלכער האט זיך פריהער אָנגענומען פאַר די יודען, איז דערנאָך געצוואונגען געווען אָנצושליסען זיך אָן די איבעריגע.

צוליעב דעם דאָפּעלטען בלוט-בלבול האט זיך אויפגעהויבען אַ גאַנצער שטורם געגען די יודען אין סיריען און אין גאַנץ טערקיי. אין אַ שטעדטעל נעבען דמשק האט זיך דער המון אריינגעריסען אין אַ יודישע שוהל, האט זי צעשטערט, געראַבט און צוריסען די ספר תורה׳ס אין שטיקער. אין אנדערע ערטער האָט זיי געראַטעוועט דער האָלענדער און פּרייסישער קאָנסול פון דעם המונ׳ס צאָרן.

און אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך דאַן אויפגעבונטעוועט

געגעבן דאָס יודישע פאָלק, האָט געדאַרפט פּאַסירען אַנ׳עהנליכער בלבול אויך אין אייראָפּא, אין אַ פּרייסישער שטאָדט יוליק. אַ קריסטליכע מיידעל האָט גע׳טענה׳עט, אַז אַ יוד האָט איהר געגעבען אַ שטאָך אין לייב. מען האָט געכאַפּט אַ יודישען קאַ־ראַבעלניק, וועלכער איז גראָד דעמאָלט דורכגעגאַנגען דאָס פּרייסישע שטעדטעל. דאָס מיידעל האָט אָנגעוויזען אויף איהם און האָט דערלעגט, אַז זי האָט אויך געזעהען, ווי דער זעלבער יוד האָט געקוילעט אַנ׳אַלטען קריסט מיט אַ מעסער.

דאָ וואָלטען זיך ווידערהאָלט די זעלביגע פּייניגונגען, ווי אין טערקיי, ווען אַ שטרענגע אונטערזוכונג וואָלט ניט אַרויס־געוויזען, אַז דאָס איז אַלץ געווען אַ ליגען פון אָנהויב ביז׳ן סוף. צוויי קריסטען האָבען אָנגערעדט די קינדער, זיי זאָלען מאַכען די שרעקליכע בעשולדיגונג. מען האָט, פערשטעהט זיך, דעם יודען אַרויסגעלאָזען פריי און די צוויי קריסטען האָבען בעקומען זייער פּסק.

אין פּרייסען איז די אונשולד פון די יודען אויפגעוויזען געוואָרען שנעל. אָבער אין טערקיי האָבען רעליגיעזער פאַנאַ־טיזם, יודענהאַס און פּאָליטישע אינטריגען אַזוי געזוכט צו פערדרייען און פערפלאָנטערן דעם משפּט, אַז עס איז געווען זעהר שווער פאַנאַנדערצוואַוויקלען די טייוועלשע געוועבעץ פון די מענשענפרעסער.

דער עלילת דם פון דמשק און פון ראָדוס איז דעריבער געוואָרען געפעהרליך ניט פאַר די טערקישע יודען אַליין. ער האָט אָנגעהויבען צו ווערען געפעהרליך פאַר די יודען פון גאַנץ אייראָפּא. די יודען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען דעמאָלט אָנגעהויבען צו שפּילען אַ גרויסע ראָלע. זיי האָבען ערוואָרבען רייכטימער, האָבען אָנגעהויבען צוגעלאָזען ווערען צו גרויסע שטעלען אין דער רעגירונג; ראָטשילד און מאָנטעפיאָרע האָבען

בעקומען באראָנען־טיטולען. אדאָלף קרעמיע איז געווען פראנ־צויזישער מיניסטער און — אין מיטען דערינען — איבער א נייעס די אַלטע בלוט־געשיכטע! ניט אונוויסענדע פאנאטיקער, ניט דער המון, נאָר גרויסע געבילדעטע לייט, די אייראָפּעאישע קאָנסולען אַליין האָבען זי ווידער ארויפגעבראכט אויפ'ן טעלער. די אייראָפּעאישע צייטונגען האבען געקאָכט, די יודען־פיינד האבען געקערט וועלטען. דאָ איז שוין ניט געגאנגען און אָנ־געהמען זיך פאר עטליכע געפייניגטע יודען. די געהויבענע יודישע פאָרשטעהער האָבען ערגעץ גיט געקענט ווייזען דעם פנים. זייער עהרע און פּילייכט אויך זייער פערמעגען און לעבען איז געווען אין געפאהר. מען מוז אָבער זאָגען דעם אמת, ביי די יודישע באראָנען און מיליאָנערען האָט זיך דעמאָלט אויך ער־וועקט א ווארעמער געפיהל פון מענשליכקייט און ליעבע צו זייערע ליידענדע ברידער. דריי בעריהמטעסטע יודישע פאָר־שטעהער: מאָנטעפיאָרע, ראָטשילד אין אדאָלף קרעמיע האבען אָנגענומען דעם קאמפף געגען די בלוטיגע פייניגער.

דעם 21־טען אפּריל איז דורך אָט די מענער איינבערופען געוואָרען אַן עקסטרא־פערזאמלונג פון די אָנגעזעהענסטע יודען פון ענגלאנד. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו ווענדען זיך צו די רעגירונגען פון ענגלאנד, פראנקרייך און עסטרייך, זיי זאָלען מאבען א סוף צו די אונמענשליכקייטען אין דמשק.

קרעמיע האָט זיך געווענדעט צום פראנצויזישען קעניג לואי פיליפּ און א יודישע דעפּוטאציע — צום ענגלישען מיניסטער פּאלמערסטאָן. ביידע האבען צוגעזאָגט צו העלפען די זאך זאָל ווערען אונטערזוכט און די ווארהייט זאָל ארויפשווימען פון אויבען, און האבען געגעבען אין דעם זין אינסטרוקציעס צו זייערע קאָנסולען. נאָך מעהר פון אַלעמען האָט געארבייט ארויסצואווייזען דעם אמת דער עסטרייבישער קאָנסול, דער

מענשענפריינד מערלאַטאָ. דורך זיין איינפלוס האט זיך אָנ־
גענומען פאר די אונגליקליכע דער עסטרייכישער גענעראַל־
קאָנסול פון עגיפּטען. ער האָט גענווירקט אויף דעם בעריהמטען
עסטרייכישען מיניסטער מעטערניך, וועלכער האָט אויפגעמונ־
טערט זיינע אַגענטען אין עגיפּטען און סיריען, זיי זאָלען זיך
איינשטעלען שטארק פאר די יודען און דערוויזען זייער אונשולד.

צו דערזעלבער צייט האָבען די יודען-פריינדליכע קריסטען
אויסגעסטאַרעט ביי׳ם סולטאַן, ער זאָל בעפעהלען מאכען אַ
רעוויזיע פון דעם עלילת־דם אין ראָדוס. דעם 21-טען יולי האָט
דער סולטאַן ארויסגעגעבען אַ פירמאַן (אַ בעפעהל), אַז די
גריכישע, ווי אויך די יודישע בעפעלקערונג פון ראָדוס זאָלען
אויסקלייבען צו דריי ריכטער פון יעדען צד און שיקען זיי אין
קאָנסטאַנטינאָפּאָל איבערמשפּט׳ן אויף דאָס ניי דעם פּראָצעס.
דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דעם פּאשא פון ראָדוס האָט מען
אראָבגעזעצט, די אָנגעקלאָגטע יודען האָט מען בעפרייט און די
אייראָפּעאישע קאָנסולען, וואָס האבען געהאַט אַ יד אין דעם
בלבול האָט מען צוגעמשפּט זיי זאָלען בעצאָהלען די יודען
דעם שאָדען, וואָס זיי האָבען געליטען.

ניט אזוי לייכט אָבער איז צוגעגאַנגען די זאַך אין דמשק.
מאהאָמעד־אַלי, דער עגיפּטישער פּאשא, האט צוגעזאָגט
אפילו דעם עסטרייכישען קאָנסול צו מאכען אַנ׳ענדע צו די
אכזריות. אָבער דער פראַנצויזישער געזאַנדטער האט איהם
אָבגעהאלטען. דאַן האָבען זיך די יודען פון אלעקסאַנדריען,
אַ שטאָדט אין עגיפּטען, געווענדעט צום פּאשא מיט אַ פּייער־
דיגען בריעף און האָבען מוטיג און שטאָלץ געפאָדערט ניט
רחמנות, נאָר גערעכטיגקייט. מחמד אלי האָט געוואוסט אַז
הינטער די דאָזיגע „עזות פּנימער״ שטעהט אַ גרויסע מאכט,
נעמליך די עסטרייכישע רעגירונג, פאר וועלכער ער האָט שטאַרק

מורא געהאַט. ער איז געווען געצוואונגען צו זעצען אַ נייעם געריכט פון די קאָנסולען פון עסטרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד און פרייסען, און די דאָזיגע קאָנסולען זאָלען אונטערזוכען די זאַך אויף ריכטיג.

די נייע ריכטער האָבען אָוועקגעשיקט אַ קאָמיסיע אויפ'ן אָרט אויסצוהערען אונפּאַרטייאיש די עדות. דער פּאַשאַ פון דמשק האָט בעקומען אַ בעפעהל אָבצוהאַלטען די פּייניגונגען און איבערהויפּט די פערפאָלגונגען געגען יודען. צו דערזעלבער צייט האָט מען געשיקט אַהין אַ מחנה פון 800 סאָלדאַטען איינצוהאַלטען די צעווילדעטע פאַנאַטישע קריסטען, אויב זיי וועלען ניט דערלאָזען אַ ריכטיגען פּערהער. די זאַך איז שוין געשטאַנען אויף אַ גוטען וועג. אָבער אינמיטען האָבען זיך אריינגעמישט פּאָליטישע אינטריגעס און האבען געשטערט דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דעם פּראָצעס.

טיער, דער הויפּט-מיניסטער אין פראַנקרייך, האָט אָנגעזאָגט דעם פראַנצויזישען קאָנסול און עגיפּטען, ער זאָל איבעררײדען מיט דעם עגיפּטישען פּאַשאַ מאַהאָמעד אַלי, אַז ער זאָל אָבשטעלען די רעוויזיע פון דעם עלילת דם, און דער פּאַשאַ האָט אַזוי געטאָן. דער דאָזיגער רעגירונג האָט געבערענט ווי אַ פייער, וואָס מען האט איהר קאָנסול אויסגעשלאָסען פון דעם רעוויזיאָנס-געריכט. דערצו האָט פראַנקרייך יעצט זיך געחנ'דילט צו די קאַטאָליקען און גלחים, וועלכע האָבען אין דער דאָזיגער אפּערע געשפּילט אַזאַ שענדליכע ראָלע. אָט אַזוי האָט דער אמת ווידער געזאָלט פערשטיקט ווערען און די אינקוויזיציע אין דמשק האָט געזאָלט זיך אָנהויבען אויף דאָס ניי. מעהר ווי הונדערט קינדער זענען צעשטאָרבען אין געפענג־ניס פערמאָרעטע פון הונגער. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ גוואַלד און אַ געשריי פון די געפּייניגטע יודען און זייערע

ברידער פון דמשק און גאַנץ טערקיי".

דאָן איז פאַררופען געוואָרען יענע בעריהמטע היסטאָרישע יודישע פערזאַמלונג אין לאָנדאָן, וועלכע גרעץ פערגלייכט מיט נאָך אזא פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנ־דריען מיט 18 הונדערט יאָהר צוריק אין די צייטען פון דעם רוימישען טיראַן קאַליגולא. די יודישע געמיינדע פון אַלעק־סאַנדריען האָט דאָן געשיקט אין רוים דעם בעריהמטען יודישען פילאָזאָף פילאָן צו פערטיידיגען דאָס יודישע פאָלק געגען די בלוטיגע בעשולדיגונגען פון די גריכען.

די פערזאַמלונג אין לאָנדאָן איז אָבער געווען פיעל פרייער, מוטיגער און שטאָלצער, ווי יענע אין אַלעקסאַנדריען. עס זענען דאָרט געווען פאָרשטעהער פון אַלע גרויסע אייראָ־פעאישע לענדער. די „צרת הרבים" האָט פעראייניגט יודען פון פערשידענע לאַגערן און מיינונגען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצוריכטען מאָנטעפיאָרען און קרעמיע אין עגיפּטען און דמשק און זיי זאָלען זעהען, אז דער משפט זאָל פאָרגעזעצט ווערען. ווי ווייט די ענגלישע רעגירונג האָט סימפּאַטיזירט מיט די יודען, ווייזט דער פאַקט, אז די ענגלישע קעניגין וויקטאָריא האָט געגעבען מאָנטעפיאָרען איהר אייגענע שיף צו דער רייזע.

נאָר אויסער די רעגירונג, איז אויך געווען די גאַנצע געזעלשאַפטליכע מיינונג אין ענגלאַנד אויף דער זייט פון די אונשולדיג געפּייניגטע. נאָך דער פערזאַמלונג אין א לאָנדאָנער שול, איז פאָרגעקומען אין דעם בעריהמטען לאָנדאָנער „מענ־שאָן־הויז" אמיטינג פון טויזענדער ענגלענדער, איינבערופען פון דעם לאָנדאָנער לאָרד־מעיאר אויף דעם פערלאַנג פון 210 בעריהמטעסטע מענער פון לאָנדאָן. אזא אכטונג, אזא סימפּאַטיע צו זיך פון א־גאַנדער פאָלק, האָט נאָך די יודישע נאַציאָן נאָך קיינמאָל אין איהר טויזענדער־יאָהריגען לעבען ניט

געזעהען, און ניט געהערט און ניט געטרוימט, זאָגאר ווען עס איז צו הערען. א סך בעגייסטערטע, ווארימע רעדען, האָבען אויף דער דאָזיגער קריסטליכער פערזאמלונג געקלונגען, היילענ־דיג די צעוועהטאָגטע הערצער פון די טיעף בעליידיגטע און געקוועלטע יודען. אָט די פערזאמלונג וועט בלייבען איינע פון די שענסטע בלעטער אין דער ענגלישער, ווי אויך אין דער יודישער היסטאָריע.

נאָר אויסער ענגלאַנד, האָט דאָס יודישע פאָלק געהאַט די סימפּאַטיע אויך פון אנדערע פעלקער. אין אָט דער סימ־פּאַטיע האָבען זיך פעראייניגט זאָגאר -- אמעריקא מיט רוסלאַנד. ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אָפען אויסגעדרוקט זיין אָבשיי־ליבקייט געגען דער עקעלהאַפטער בלוט־בעשולדיגונג אויף יודען. נאָר אין פראנקרייך און אין דייטשלאַנד האָבען די בלעטער געוואָרפען שמוץ -- יענע פון פּאַנאַטיזמוס, און די פּשוט צוליעב „געשעפט", ווייל די העצע האָט צוגעצויגען מאַסען לעזער פון דעם המון.

דורך אַלע שטעדט אין פראנקרייך, וואו מאָנטעפיאָרע און קרעמיע זענען דורכגעפאָהרען, האָבען זיי די יודישע גע־מיינדען מקבל פּנים געווען און בעגריסט מיט גרויס בעגייסטע־רונג. מען האָט געמאַכט פאר זייער כבוד וועגען ימים טובים. רבנים האָבען פערפאַסט ספּעציעלע תפילות, וועלכע מען האָט געזאָגט אין די שולען, אז זייער שליחות זאָל זיין מיט ערפאָלג.

גלייך ווי זיי זענען אָנגעקומען אין עגיפּטען, האָבען זיי זיך געווענדעט צום עגיפּטישען פּאַשאַ מאהאָמעד אַלי. גרויס שטיצע האָבען זיי בעקומען פון דעם ענגלישען קאָנסול, וועלכען דער ענגלישער מיניסטער פּאַלמערסטאָן האָט געגעבען דעם בעפעהל: צו טאָן פאר דער יודישער דעפּוטאַציע אַלעס, וואָס נאָר מעגליך. מאָנטעפיאָרע האָט געבעטען, מען זאָל איהם

ערלויבען פאַהרען אין דמשק, ריידען פערזענליך מיט די אַנ־געקלאַגטע יודען און זעהען די אונטערזוכונג זאָל געמאַכט ווערען ריכטיג און גיך. דער פּאשא האָט זיך געווינט אַהין און אַהער, ווייל דער פראנצויזישער קאָנסול האָט געאַרבייט מיט אַלע קרעפטען צו פערציהען און פערפּלאָנטערן דעם משפּט. ענדליך האָט מאָנטעפיאָרע ארויסגעקראָגען אַ פּאפּיער אונטער־געשריבען פון 9 אייראָפּעאישע קאָנסולען, וועלכע האָבען אַלע געבעטען דעם פּאשא, ער זאָל בעפרייען די יודען פון געפענגניס. מאהאָמעד אַלי האָט זיך דערשראָקען און געמוזט נאָכגעבען. נאָך איידער די פּאפּיער איז צו איהם אָנגעקומען האָט ער זיך פון איהר דערוואוסט און האָט אוועקגעשיקט אַ בעפעהל אין דמשק, מען זאָל די געפּייניגטע יודען ארויסלאָזען פריי. פון די נײַן יודען, וועלכע זענען נאָך געבליבען לעבען זענען זיעבען געוועזען שרעקליך צעקאַליעטשעט פון די אונמענשליכע יסורים. פיער זענען אומגעקומען פון די פּייניגונגען.

ווי נאָר די נאַכריכט וועגען דער בעפרייאונג פון די אונ־גליקליכע האָט זיך פערשפּרייט אין דמשק האָבען זיך פער־זאמעלט אַלע יודען און אַ גרויסער טייל פון די טערקען, און האָבען בעגלייט די בעפרייטע ביז אין שול. זעקס אנטלאָפענע יודען זענען אויך געקומען צוריק. די אָנגעזעהענסטע טערקען האָבען געהאַט גרויס מיטלייד און סימפּאַטיע מיט די יודען, וואָס האָבען געליטען אומזיסט.

די אַלע, וואָס האָבען גענומען אַ אַנטייל אין דעם עלילת דם פון דמשק האָבען ניט גוט אָבגעשניטען. מאהאָמעד אַלי, דער עגיפּטישער פּאשא, האָט ווידער פערלאָרען סיריען, וועלכע איז איבערגעגאַנגען צו טערקיי. דעם נידערטרעכטיגען גובער־נאַטאָר פון דמשק, שעריף פּאשא, האָט דער עגיפּטישער פּאשא אַליין געהייסען אָראָבהאַקען דעם קאָפּ, ווייל מען האָט

איהם בעשולדיגט אין פעררעט. פראנסוא סאלען, א פראנצויז, וואס האט געהאט א גרויסען יד אין דעם בלוט-בלבול, האט דער המון צעריסען אויף שטיקער. פרומע יודען האבען דאן געזאגט, אז דאס איז געווען „אנ׳אצבע אלהים״, א פינגער פון גאט.

מאנטעפיארע און קרעמיע האבען זיך אבער דערמיט ניט בענוגענט. עס איז נויטיג געווען אנצונעמען מיטלען, אז אזעלכע טרויעריגע פאסירונגען זאלען זיך מעהר ניט ווידער־האלען. אזוי ווי סיריען האט שוין דאן געזאלט געהערען צום טערקישען סולטאן, האט מאנטעפיארע געהאט ביים סולטאן א אוידיענץ (קבלת פנים) און האט אויסגעווירקט ביי איהם א פידמאן, דאס הייסט א מאניפעסט, מיט וועלכען יעדע בלוט־בעשולדיגונג געגען יודען אין טערקיי ווערט אויף אימער פער־באטען, און יודען האבען בעקומען פולע רעליגיאנס־פרייהייט.

ס'זענען ארויס פון דרוק אין פערלאג „פאָלקסבילדונג"
אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. ליטווין
פאָלגענדע ווערק אין דריי בענדער:

באַנד 1 — רעליגיאָן און ערציהונג

אינהאַלט: עלען קעי-די שולע פון דער צוקונפט. —עלען קעי — די רעליגיאָן אין דער שולע. — פּראָפ. ארנאָלד דאָדעל — רעליגיאָן פון דער צוקונפט. — ראַלף וואלדאָ עמערסאָן — וואָס איז קונסט? — ל. נ. טאָלסטאָי — וואָס הייסט קונסט.

געבונדען פרייז 75 סענט.

באַנד 2 — נאַטור און מענש

אינהאַלט: דר. י. בלומשטיין — דארווין און זיין טעאָריע. — פּראָפּ. ג. רוה — מאַן און ווייב-לעבען ביי די חיות. — ס. קאַמענעצקי — ליקו חמה און ליקו לבנה (אַסטראָנאָם. שמועסען). — י. נאָלדסמיט — דער אידישער סנהדרין זיין ראָליע און בעדייטונג.

געבונדען פרייז 65 סענט.

באַנד 3 — מאָמענטען און פּערזאָנען אין דער אידישער געשיכטע, פון אַ. ליטווין.

אינהאַלט: גדליה בן אחיקם (אַ פֿאָלקס-קעמפּפער אין דער צייט פון דעם ערשטען אידישען חורבן). — דער אויפשטאַנד פון די מאַקאַבעער. — ר' עקיבא בן יוסף אתנא א רעוואָלוציאָנער. — די קאַראַאימען (צו דער געשיכטע פון סעקטען ביי אידען). — דוד הראובני און שלמה מאָלכאָ (אידישע העלדען פון'ם מיטעלאַלטער). — די בלוטיגע לעגענדע (דער גרעסטער עלילת דם פון'ם 19-טען יאָהרהונדערט).

גענבונדען פרייז 75 סענט.

אַדרעסירט YIDDISH LITERARY VERLAG
256 East Broadway New York, N-Y.